ב ו – אינט. אויסדרוק פון שרעק אדער אפשרעק, געניצט שפאסיק=שפילעוודיק אין רייד מיט אדער צווישן קינדער. % בו! – א בער גייט! בו– באהאלט זיך! ( אין שפיל ).

ב ו א ו א ל ש ט ש י נ ע – ‹------ בוואלשטשינע. (?נ?)

ב ו א י – דער. ‹------ בוהאי.

ב ו א י ב ש ל ו ם | בויי בעשאלעם | – פר. 'קום אריין אין פרידן'– אנהייב פון דער לעצטער סטראפע פון דער תפילה " לכה דודי", וואס מע זינגט קבלת=שבת, דערביי קערן זיך אום דער חזן מיט די דאווענערס מיטן פנים צו דער טיר און מע פארנייגט זיך, ווי א סימבאל פון מקבל=פנים זיין די אנקומענדיקע מלכּה=שבת, און מע לאזט אויס, מיט א פייערלעך קול: 'בואי כלה' ( קום אריין, כלה )!
די פראזע "בואי בשלום" האט מען געניצט שפאסיק אדער שפאטיש פאר איבערגעטריבענער העפלעכקייט, נייגן און בייגן זיך. דאס אייגענע פאר אן אומדריי, אומקער אויף צוריק.

1891 " און אז דער שבת איז אין שול אריינגעפלויגן //
צום בואי בשלום עטרת בעלה // האט זיך דער עולם
העפלעך געבויגן // מיט די שיינע ווערטער : בואי כלה".
ש. בערנשטיין, מאגאזין פון יודישע לידער,
בערדיטשעוו, ז' 52.

1886 "רב קלמן האט אין גרויס ציטערניש געמאכט א היפשן
"בואי בשלום" צוריק". שע, יוסילע סאלאוויי,
ציט אויסג ~~וויילגע 1925~~ 166. ‎(ילדי ווסרק'ני, 1944, ב' III, ז' 166)

0 בואי=בשלום=פאלקע - די, =ס. אמאליקער טאנץ, ביי
וועלכן איינע פון די פיגורן באשטייט אין אומקערן
זיך אויף צוריק און פארבייגן זיך פארן פארטנער.

1906" טאנצן שוין אונדזערע טאטעס מיט דעם רבין א
בואי=בשלום=פאלקע, כלומרשט ' קאצייא=מאציניא'
|...|". זאב הלוי, דער רבי קלמן סענדערס,
ברדיטשעוו, ז' 15.

ביי בואי בשלום שטייט דער ארעמאן אויבן אן (שוו )
- ווייל געוויינטלעך פלעגן די ארעמע יידן האבן
זייערע פלעצער אין שול ביי דער טיר, אזוי ארום
אז נאר ביים זאגן " בואי בשלום" זיינען זיי די
ערשטע, די חשובסטע,

טאנצן (שפרינגען ) בואי בשלום - זיין אין כעס,
הייסבלוטיק, זיין אויפגעקאכט.

... " |...| דעמאלט וועלן מיר זען ווי איר וועט
טאנצן בואי בשלום" ממוס, ציט מענדעלע=בוך,....ז' 152.

ב ו א י כ ל ה | בויי קאַלע | - פר. | אויסטייטש ←
בואי בשלום |.

1967 " איבער סטעפעס פארכמורעטע אדם=הראשונדיקע //
האט א יידיש פערדעלע געמאכט 'בואי כלה'".
קצז, גש I, ת"א, ז' 247.

ב ו א י ן - ~~שטעקן~~ ← בויען.

ב ו ב - דער, =ן. 1. ( אַבֿ ) קינד, יינגל.

2. ( שש ) פראסטער יונג, געמיינער יונג.

1874" מיר זיינען צוואר ארעמע עלנטע בובן, מיר האבן אבער פון צו הויז איין ערלעכעס הערץ". אמד, די צוויי קליינע קאטערינשציקעס, ווילנאַ, ז' 14.

ם בוב (א)

2. ←-------

... " זאלט איך גינוג געבן אל בוֹר לופן בובן. // מיר וואורד מיינם ולייש ניט איבר בלייבן דיא רובן | מין אמאליק געוויכט |". שמואל=בוך, 622.

1610 " ווש בישטו בעשר גיוועזן האט קיניג ישראל וועז איין אנדרר דז דוא הושט גישפרונגן צו יר אויגן מייד אונ' קנעכט אז שפרינגן גלייך, וויא איין אנדר בובא". טח, הפטורה שמואל ב' ו'-כ. | תי: אחד הריקים - איינער פון די גישט=ווערטיקע |.

1701" אונ' האט זיין פרומי פאטר אונ' מוטר ניט וועלן פאלגן, אונ' האט זיך גיזעלט צו אייטל בובן אונ' גנבים". מעשה=בוך, אמשטרדם, תסא, מעשה רמ'.

ב ו ב אַ ן - דער, =עס. ( מעד ) אנציגדונג פון די אייבערפלאכיקע לימפאטישע קנופן, טרעפט זיך אפטער ביי ווענערישע קראנקהייטן.

1934 " ווער עס גייט ניט צו נקבות, באקומט ניט קיין בובאָנעס". ש. ברעגמאן, אפן מיזרעך איז אומרויק, מאסקווע, ז' 23.

||=יש - אדי. 1. וואס איז שייך צו בובאן. % בובאנישע מגפה.

2. ( פיג ) קראנק, אנשטעקנדיק.

1969" ווו נאר דו קומסט מיט דיין בובאנישן געדאנק - דארט הייבן אן די טייכעלעך צו פרירן". ממש, א רגע דאכטעניש, מאנטרעאל, ז' 36.

0 בובאנפעסט - די, בא. מגפה פון בובאן.

1921" ביי דער פעסט טרעפט א לונגען=אנצינדונג מיט בלוט=שפייעניש, און די בובאנפעסט בשעת עס געשווילן די בובאנעס" ( אייזן=ארגאנען )". ל. יאכנאוויטש, אינזפנגן זאבאלאטני, אנשטעקנדע קריינק ",
אדעס, ז' 50.

בובאק - דער, =עס. ( לאטוו, מאלדאוויע ) | אקצענט? | א יונג גענדזל" | קטוו |.

?נ? בובוך - אינט. "אנאמאטאפעישער אויסדרוק פאר א שטארקן קלאפ, זעץ " | קטוו |. % ס'האט א בליץ געטאן און מיט א מאל - בובוך! אזא שטארקן דונער האב איך נאך ניט געהערט.

בובייע - די, =ס. ( לאטוו ישראל ) אראבישער בגד.

1921" |...| און א קארדער | קורדער? קורדישער ייד ? | איך זיין אראבישע | ? | בובייע". אש, ארץ=ישראל, ווארשע, ז' 190.

............................................................
באמ: קאפטור? קאפצודעק? אפשר מיט דולי"ע, נאר אקי"ע?..
............................................................

ב ו ב י ל ק ע - די . ----> ביבולקע.

(?נ?) ב ו ב י ק אָ פ - דער, = ~ קעפ. קאפ געשוירן זייער קורץ, אויפן יינגלשן שטייגער.

1928" דער 'בובי־קאפ' איז פון היגיענישן שטאנדפונקט זייער נוצלעך. מען קען די האר דאן האלטן א סך ריינער ". פגעז, נ' 23, ווילנע.

ב ו ב ל - דער, בא. " דער וואַקוום אין א וואסערוואַג" | קטוו |.

ב ו ב ל י ק - דער, =עס. 1. ( רוסיצ, נא ) בייגל.

2. ( שלש ) בייגל=גנב. | ש. ווייסנבערג, די צונעמענישן פון יידן אין יעליסאוועטגראדער קרייז, פש I, ווילנע, ז' 81 |.

ב ו ב ל ע ן - אוטוו. ( אמ, נא ) בלעזלען זיך, באדעקן זיך מיט בלעזלעך פון ( וואסער, זייף ).

1966" די צעזויפנקייט פון די וואסערן, וואס בובלען ". נאד, אונטער דער זון, ת"א, ז' 30.

ב ו ב ל ע ר - דער, =ס. האלץ=ארבעטער. | סטוטש * 113 |.

באמ: סטוטש רעכנט אויס: "זעגער, שפאלטער, בובלער, פוגאוטשיק ".

ב ו ב נ ע I - די, בא. 1. איינער פון די קאליָרן אין די קאַרטן ( אנדערע נעמען: שעל, קאַראָ, לעקעך ). % ס'איז אים אנגעקומען אקוראט א צענטל בובנע און א מלך פּיק.

1883 " ער האט תמיד א קאַפּיטאַלען - אבער ניט מער ווי ביז פאר טאג, ווייל בובנע גליקט אים ניט |...|". ייל, מיין ספר הזכרונות, נ' 4, אדעס, I - 5.

1926 " און פארשפּיל // און דאַמע קרייץ און מלך אייכל, // און נײַנטל פּיק און בובנע טויז". סעג, פּאעמען, ווארשע, ז' 84.

ב ו ב נ ע II - די, =ס. 1. אויסגעהוילט מעטאלן קייקעלע מיט שטיקעלעך מעטאל אינעווייניק, וואס קלינגען ביים רירן זיך. % אויפן האלדז פון די פערד הענגען בובנעס. מע הערט פון דער ווייטנס דאס פריילעכע קלינגען פון די בובנעס.

1928" א פּויערשע חתונה. |...| פורן האבן אויפגעהויבן א געדיכטן שטויב, |...| ביי די צוהעס האבן זיך געבאמבלט גלעקלעך און בובנעס". צ. דאלגאפּאלסקי, בא געעפנטע טויערן, מינסק.

2. מוזיק=אינסטרומענט - קליין פייקל, באהאנגען מיט בובנעס | ב'1 |; טאמבורין. % דער גאנצער ארקעסטער איז באשטאנען פון א טרומייט און א בובנע. זי טאנצט און טרייסלט מיט דער בובנע צום טאקט.

1934" מאנקע מוז טאנצן אונטערן אקאמפּאניאמענט פון א צעריסענער בובנע, וואס פּעטקע האט ביי א ציגיינעריך אפגעוועשט". פּ. סיטא, דערציילונגען, כארקאוו.

3. ( פיג, שלש ) פרצוף, צורה.

1967 " און פארפארן איציקן אין דער בובנע אריין". פּ. סיטא, זש' סאוו'היימלאנד, נ' 9, ז' 46.

ב ו ב ע I - די, =ס. ליאלקע, טעקעלע. <u>א בובע</u> פון פלאסטיק, פון שמאטקעס. % דאס מיידעלע האט באקומען צום געבורטסטאג א <u>בובע</u> וואס קאן גיין. דאס קינד שפילט זיך מיט איר <u>בובע</u>.

|| <u>בובעלע</u> - דאס, =ך. ( ~~לאנד~~ רעד, ישראל ) צערטלעכקייט= אויסדרוק ביים רופן זיך איינער דעם אנדערן אויך צווישן דערוואקסענע. % טו זיך אן גיכער, <u>בובעלע</u>, מיר וועלן פארשפעטיקן אין טעאטער.

ב ו ב ע II - די, =ס. 1. געבעקס פון קארטאפל. % לכבוד די געסט האט מען אויף גיך אנגעריבן קארטאפל און אפגעבאקן א פרישע <u>בובע</u>.

2. ( ס׳רוב אין <u>פקפ</u> <u>בובעלע</u> ) פסחדיקער פיינקוכן, געמאכט פון מצה=מעל; מין כרעמזל.

1972 " א ׳<u>בובעלע</u>׳ פלעגן אונדזערע באבעס און מאמעס רופן א פסחדיקן פיינקוכן. |...| צעקלאפט די געלכלעך פון די אייער מיט זאלץ, מאכט א שנייַ פון די אייווייסלעך און גיט עס אריין אין די געלכלעך; מישט אין דער ביסלעכווייז אריין די מצה=מעל; ווארעמט אן דאס פעטס און א פאטעלניע און גיט אין דעם אריין דאס געמיש; ווען ס׳איז צוגעברוינט פון איין זייט, דרייט עס איבער, כדי ס׳זאל זיך אויך צופרעגלען אויף דער אנדערער זייט". <u>נ. בלום</u>, <u>פאר</u>, <u>III</u>/22.

<u>באמ</u>: דארף מען דאס ווארט, אפשר געבן ביי ׳באָבעלע׳?

בובע III - די, =ס. ( אוקר/פּפּ פון באבע )

הייבאם. % א געניטע בובע. מע דארף שוין רופן די

בובע צו דער קימפעטארין.

צונגמעניש. | ש. ווייסנבערג, צונעמענישן פון יידן

אין יעליסאוועטגראדער קרייז, פש I, ווילנע,

ז' 81 ).

?נ? בובעטשקע - די, =ס. 1."אן ארבעטל, א גרייפעלע".

2. " א קלייניטשקע זאך"א | קטור |. " זייך וויבעלע

זעט אויס ווי א בובעטשקע"א | קטור |.

בובעלע - --> באבעלע ,ב...

ם | בובעריי | בובריי / בובירייא - | דאס/די? |.

1. נארישקייטן.

2. ניט אנשטענדיקע מעשים, מיאוסע שטיק.

1541" דרום ליבן הערן איר זולט שוי אן // ווש אונגליק

קומט בון דען בוזן ווייבן. // ווי מכט די אירן מן

צו שטוקן הויאן // דש זי אירי בובריי מיט דעם

וואלט טרייבן". בבא=בוך 22, 1 - 4.

1686" |...| אן איינם דער זיך נון מוז ביזארגן //

דאז ער אופן בערליק קיין בובירייא טוט ". ספר משלים,

פפד"מ, כט - I.

בובקע - -----> בובע II.

בובקעווען - טרוו. ( גארבעריי ) " אפרייניקן

די פעל פון קויט וואס אויף זיי"א | קטור |.

ב ו ג I – דער, |=ן? |. ביי א בעל=חי דער בייגעוו־דיקער טייל פון פוס, ווו ס'געפינט זיך דער ווארבל=קנאכן.

1610" און' ער זאל נעמן דער כהן דעם בוג גיזאטן פון דעם ווידר |...|". טח, במדבר ו' – יט. | תי: די שולטער א געקאכטע |.

באם: מסתמא דארף מען דאס לייענען 'באג' – bog.

ב ו ג II – דער, =ן. ( שניידעריי ) קנייטש, „פארפרעס פון די הויזן." % פארפרעס מיר גוט דעם בוג ביי די הויזן!"א | קטור |.

ב ו'ג א ב ו – דער | =ס? |. ( אם) שרעקבילד, סטראשידלע. | סטוטש, 539 |.

?נ?

ב ו ג א נ ו י ל (י) ע – די, =ס. פפ: בוגענוויל. ( באט ) דעקאראטיוו געוויקס ( הויכער קוסט ) פון דער ליליע=משפחה, מיט בלומען פון פארשיידענע קאלירן ( רופט זיך אויפן נאמען פון פראנצויזישן פארשער בוגענוויל לוי אנטואן, 1799 – 1811 ).

" סע בליען, בלויען די בוגאנווילעס, // די טערקלטויב טערקעלט ביי אונדזער שוועל ". אפא, סטעפ, ז' 201.

1963

1965 " איך שטיי אויף א ווייסן גאניק, צו וועלכן עס טוליען זיך פורפורנע בוגאנוויליע=בלומען – צארטע, בלאסע |...|". א. גילנער, טאג, 6/VIII.

ב ו ג ד | בויגעד | - דער, =ים | בויגדים|. א מענטש וואס איז געווארן אן אפטריניקער פון זיין אידעע, באוועגונג, רעליגיע אע און גייט אריבער אין דער מחנה פון שונא, איינער וואס גיט ארויס דעם שונא סודות אדער עמעצן פון זיין אייגענער מחנה, אזא וואס טוט קעגן זיינע פריינד, קעגן זיין פאלק, לאנד אע; פאררעטער. % אין דער פארטיי איז געווען א בוגד, וואס האט איבערגעגעבן דער פאליציי זיינע אייגענע חברים. אין דער מחנה האט זיך געפונען א בוגד, וואס האט אויסגעזאגט דעם שונא ווי אזוי מע קאן ארייננדרינגען אין דער פעסטונג.

1912" מיט | דער | הילף פון די יידישע בוגדים, וועלכע האבן די פוילישע יידן פארלוימדעט אלס קולטורעל מינדערווערטיק, האט מען איינגעשרענקט די יידישע רעכט |...|". מ. פראסטאג רעד. יודישער קאלענדאר לשנת תרע"ב, לעמבערג, ז' 130.

1923" ווען די אייזערנע האנט פון אכזריות האט געדריקט, געפייניקט דיינע שווער ליידנדע ברידער, ביסטו צום לאגער פון |...| זיינע פייניקער אריבער, א-א-א, בוגד!". ר. קאפלאן, ציון, ווארשא, ז' 15.

1961" מען האט דעם בוגד בשתיקה אנגעבראכן די ביינער". מ. שעליובסקי, אין יארן ארום, ת"א, ז' 265.

0 בוגד=במלכות - דער, מצ בוגדי במלכות.
% דאס קריגגעריכט האט דעם בוגד במלכות פארמשפט צום טויט.

ב ו ג ד | בויגעד | זײַן - אומו. 1. ווערן אן אפטריניקער פון אן אידעע, רעליגיע, באוועגונג און אריבערגיין צו אן אנדער מחנה, איבערגעבן דעם שונא סודות אדער חברים פון דער אייגענער מחנה, האנדלען קעגן די אינטערעסן פון אייגענעם פאלק, לאנד,

באוועגונג אָע; רענעגירן; פאַראַטן. % בוגד זײַן
איך עמעצן/ עפּעס. ער האָט זיך נישט סתם געשמדט צוליב
נויט, נאָר פֿון אײגענעם ווילן בוגד געווען און
אַנגעטאָן די ייִדן אַ סך צרות. נישט געקוקט אויף
די שרעקלעכע פֿײַניקונגען האָט דער אַרעסטירטער
נישט בוגד געווען אין זײַנע חברים און קײנעם ניט
אויסגעגעבן.

1883" איך פֿיל |...| דען איך האָב איר ערמאָרדעט מיט מײַן
בוגד זײַן אַן איר ". יב"א זיו משאָט, דאָקטאָר יוסף
אַלפּאַס, ווילנא, ז' 38.

1972" זײ וועלן ניט בוגד זײַן אין אים ".N. צאַנין,
ליבשאַפֿט |...|, ת"א, ז' 188.

1973" ער האַלט זיך פֿאַר עפּעס העכערס און איז בוגד
אין זײַנע פֿריערדיקע איבערצײַגונגען ". ב. בלומענטאַל,
צוריקבליקן, ת"א, ז' 66.

2. ( פֿיג ) אויסזאָגן, אויסגעבן. % זי האָט זיך
אַרומגעדרײט אויף דער אַרישער זײַט, מורה האָבנדיק,
אַז די שוואַרצע אויגן אירע וועלן בוגד זײַן, אַז
זי איז אַ ייִדיש קינד.

(?נ?) ב ב ו"ג י ב ע ר - דער, =ן. ( אַמ ) שרעק=בילד,
סטראַשודלע. | סטוטש 539 |.

(?נ?) ב ו ג י = ו ו ג י - דער, בא. ( אַמ ) אַמעריקאַנער מעדסין
טאַנץ. | סטוטש 515 |.

ם בוגלאזי = איין גימאכטש |איינגעמאכטס|.
- דאס, בא. באשטאנדטייל פון א רפואה צו הארצ-
קראנקהייט.

1728" איין הארץ שטאריק צו מכין פון דריטן טאג איין
חולאת אונ׳ ווייטר נעם פיר שוים איין גימאכט,
רויזן: אונ׳ ( בוגלאזי איין גימאכטש ) איין
לויט און פולוויר |...| אונ׳ מיש דש |...| אונ׳
גיב אים אפט דאפון איין ". סור, פיורדא,
כב - ב - II.

בוגלאזי וואשיר | וואסער | - דאס, בא. באשטאנדטייל
פון א רפואה צו מאגן=פארשטאפונג.

1728" צו פורגיהרן נעם ( סריפערא פערטיצע ) איין אונץ
שווער, אונ׳ פיניף לויט ( בוגלאזי וואשיר )
אונ׳ מיש עז וואול דוריך אנגדר גיב אים איין ניכטין
|...|". סור, פיורדא, כ"ח - ב - II.

באמ: און וואס מיינט ׳בוגלאזי׳ אליין?.

בוגערלעך - איז מצ. "א מין פאלקסטימלעך
שפילן אין ניס "ת | קטוו, ש. בערנפעלד |.

בוגרת | באגרעס | - די, מצ בוגרותן |באגרעסן|.
| זז ארויסרייד: באגרעס/בויג(ע)רעס |. דערוואקסן
מיידל, סעקסועל צייטיק. % די טאכטער זיינע איז
שוין א בוגרת, שטייט אין שידוכים. די ארעמס
אירע רונדיק ווי ביי א בוגרת.

1938" שטאפט ער תורה בוגרותן, // פולינקע ווי אגרעסן".
אל, I, נ"י, ז׳ 238.

1967" איך גיי צו זיי - // צו הקדש=לייט, זקנים, נשרפים, עקרות,// ארעמע בוגרותן ". צייט, אלע לידער I, נ"י, ז' 264.

|| =דיק - אדי/אדוו - 1. ווי ביי א בוגרת. טעקסועל דערוואקסן, ראוי חתונה צו האבן. ~~=פיג.) צייטיק.~~

% זיי האבן שויך א בוגרתדיק מיידל, מע דארף טראכטן וועגן א שידוך.

2. ( פיג ) צייטיק.

|...| " בוגרתדיק שמארצנדיקע קוסטן ". י. ל. טעלער, ? צען ציון ✓
גק, נ' 33, ז' 120.

ב ו ד - די, =ן. ( רעג.קורלאנד ) קראם, קלייט.

% א בוד פון שפייז. ער שטייט אין בוד און קוקט אוים אויף א קונה.

1868" איך טאג פון דער לוויה זענען אלע יידישע בודן און מאגאזינס אפילו פון די פערסישע יידן געשלאסן געווארן". קמ, נ' 7, III, - 53.

1871" אויסער דעם וואס זי [ די פארקויפערין ] מוז |...| אנפאלן אויף יעדן פארבייגייענדן |...| שלעפן אים אין בוד, אויסרעכענען פאר אים אלע סארטן סחורות |...| קריגן זיך איבער א קונד ". אמד, בן=יחיד, ווילנא, ז' 30.

1887" זייך געשעפט איז באשטאנען אין צוויי גרויסע בודן פון שניט=סחורה ". ב. א. זאביעזענסקי, די שווערע צייט III, ווארשא, ז' 26.

1947" בוד - די, קלייט אדער קראם. דאס ווארט קלייט האבן מיר אין ראסיין קיין מאל ניט געהערט ".

ל. פיינבערג, יישפ VII, ז' 69.

1951" ראסיין איז ווידער געבליבן ביי די קליינע בודלעך מיטן גראשענעם פדיון ". ב. לאנדאו, זב ליטע I; ז' 1577.

ב ו ד א | אויסלייג=וואריאנטן: בודדא, בודהא. |.

1. גאטאמא בודא, באגרינדער פון דער אמונה, וואס רופט זיך אויף זיין נאמען ( בודיזם ), געלעבט אין מיטן פון VI י"ה פ"קר.

1922" בודא זיצט, פארלייגט די פיס, // אויף א וואלקן= קישן זיצט ער ". צייט, מטטרון, ווארשע.

2. סטאטוע פון בודא.

" העלפאנטביינערישע בודאס וואלגערן זיך צופוסנס |...|". ייד, אלטשטאט, אנט, נ"י, 1946, ז' 286.

ב ו ד א ו נ י ט ש ע -דער, =ס. ( פויל, נא )

בוי=אונטערנעמער

1882" אדאלף דער בודאווניצע ווערט מארגן אויך שוין זען צו פארפארטיקן דעם פלאן ". א. מארגאליס, די געהיימניסע |...|, ווארשע, ז' 39.

ב ו ד א ו ע - די, =ס. ( פויל, נא ) בנין אין פראצעס פון בוי.

ב ו ד אַ ט ש נ י ק - דער, =עס. 1. ( עלט, רוסיצ )

1. אין צארישן רוסלאנד - א פאליציאנט, וואס האט געהאלטן וואך ביי א בודקע.

1868" דער שמש שטופט זי ארויס, רופט צו א בודאטשניק און פירט זיי אפ אין טשאַסט | פאליציי-פאסטן | " . קמ, נ׳ 23, ז׳ 166 - !!!.

1910" די גרויסע שול |...| וועלכע עס היטן אפ א פאר אקאלאדאטשנע | עלטערע פאליציי=לייט | מיט א מניך בודאטשניקעס ". פרוג !!!, נ"י, ז׳ 175.

1937" פליטה, יידן! דער בודאטשניק גייט מיטן טאַטל!".
ה. ראבינקאוו, רומאן בורלעס, זש׳ פֿארפֿאסט, בירעבידזשאן, נ׳(5)3, ז׳ 169.

2. באנוועכטער, דער וואס היט די באן=ליניע, די ארדענונג ביי די רעלסן, שליסט איבער די וויזערס אויף די רעלסן.

1961" די ארבעט פון א ׳בודאטשניק׳ ביי דער באן=ליניע פירט דא אלע טאג צונויף מאיר שלייענען מיטן ארטיקן |...| תושב מאקאר יעמעליאנאוויטש ". בערג, אויסגעוויילטע ווערק, מאסקווע, ז׳ 655.

ב ו ד אַ ל אָ ק ( מאכן זיך ) - פר. " מאכן זיך כלא ידע, המעוואטע ". | קטוו | .

ב ו ד אַ י | בעוואַדע | - ---> בוודאי.

ב ו ד ד | בוידעד | - דער, =ים | בוידעדים |. (לל)

1. אפגעזונדערטער, איינער וואס מיידט אויס מענטשן, א היימזיצער. % ער איז בטבע א בודד, וויזט זיך נישט אין ערגעץ.

2. עלנטער, איינזאמער. % פון דער ~~מלחמה~~ דער ~~[illegible]~~ לויט מלחמה איז ער א בודד, האט נישט קיין קרובים, עלנט ווי א שטיין.

ב ו ד ו א ר  –  דער, =ן. קליינער סאלאן פון א רייכער

פרוי פאר אפרו און אופנעמען באענטע מענטשן.

% דער בודואר איז באשטעלט מיט טייער מעבל. די

באראנעסע האט זיך פארשלאסן אין איר בודואר.

15 ב 13

1866" אינעווייניק |...| א שלאפצימער, א גאסטצימער,
א <u>בודואר</u> און נאך אנדערע חדרים ". <u>קמ</u>, נ׳ 50, ז׳ 769.

1910" א <u>בודואר</u> און א זאל // יידישע ווייבער פארפוצטע
געקינצלטע// נאך דעם פאריזשער זשורנאל". <u>פרוג</u> <u>III</u>,
ז׳ 309.

1949" די דאזיקע פרויען=געשטאלט האט זיך אריינגעפאסט
אין דעם <u>בודואר</u>, ווי זי האט אים אנגעפילט מיט
פרויענרייץ". <u>מוק</u>, <u>מיינע באגעגענישן</u> <u>II</u>,
ב"א, ז׳ 266.

~~1970" עמעס איצט האט ענגא מיך גענומען אין בודואר
פון דער זקנה". באש, פאר, ז׳ 257.~~

(?נ?) ב ו ד ז א נ א ו - ( <u>גב</u> ) שטעטל אין גאליציע.

[7 <u>בודזאנאווער פארכעס</u> - ( <u>שלש</u> ) צונעמעניש.

ב ו ד ז א נ ק ע - די, =ס. ( <u>לאקל?</u> ) שווארצע
ליכטל.

1868" איך שטוב | איז געווען | אזוי טונקל |...| צוויי
<u>בודזאנקעס</u> ( שווארצע ליכטלעך ) האבן דארט אויסגע-
בריטערט איינע פארקימערטע ליכטיקייט". <u>אמד</u>,
<u>דיא דינסט מיידעל</u>, ווילנע, ז׳ 19.

........................................................................

באמ: <u>עטימ?</u> <u>פויל-אוקר-ניטא</u>.

........................................................................

ב ו ד ז י א ק ← ---- <u>בודיאק</u>.

ב ו ד ז י ק - ------> בודיאק.

ב ו ד ז ש ע'ט - דער, =ן. פפֿ: ביודזשעט. צונויפשטעל ( אויסרעכענונג ) פון די הכנסות און הוצאות פון א מלוכה, אינסטיטוציע, אונטערנעמונג, משפחה אע, אויף א באשטימטן פעריאד. % חודשלעכער בודזשעט. דער בודזשעט פון דער מדינה האט זיך געשלאסן מיט א דעפיציט.

1917" א קאמף דורך אפווארפן די מיליטאריסטישע בודזשעטן - דאס איז שוין געווארן די |...| טאקטיק פון אלע סאציאליסטישע פראקציעס אין די פארלאמענטן ". זשיט, VII, נ"י, ז' 181.

1926" די בודזשעטן, סיי פון דער רעגירונג, סיי פון די שטעט, זענען אזוי אנגעשרויפט, אז מע דארף זיי פארקלענערן ". זש' די קאאפעראטיווע באוועגונג, נ' 2, ווארשע, ז' I/34.

1961" די שולטוער זיינען 'געפאלן אויף א שכל' צו פארקויפן די קינדער=ארבעטן [ צוגעגרייט צו אן אויס- שטעלונג ] כדי צו קאנען פארשטאפן א לאך אין בודזשעט". ש. פערדמאן, יזכּר לוצק, ת"א, ז' 286.

0 בודזשעט=יאר. יאר=בודזשעט, מלוכה=בודזשעט, קהילה=בודזשעט, קריגס=בודזשעט.

ב ו ד ז ש ע ט י ר ן - טרוו. צונויפשטעלן א בודזשעט, צוזאמענשטעלן די הכנסות און הוצאות פון א מדינה, אינסטיטוציע, משפחה אע. % ס'איז היינטיקע צייטן שווער צו בודזשעטירן צוליב דער אינפלאציע.

// בודזשעטירונג - די. דאס צונויפשטעלן א בודזשעט.

ב ו ר ד ט א / ב ו ד ט א = ב י - פֿר ( רוסיצ, נא ),
כלומרשט, ס'איז מיגלעך, עס זאל האבן געווען/געשען.

1870" איסער דעם האט מען דערציילט, אז בודטא איך א
ישיבה האט מען אראפגעלאזט א ספר=תורה און דער
דארטיקער עולם האט נישט געפּאסט ווי דער דין איז".
קמ, נ' 21, I - 259.

1883" איר זאלט אונדז ניט דערציילן אזעלכע שקרים
|...| אז בודטא=בי אין אדעס האבן עטלעכע יידן
גענעפנט א קאנטאר פון פאלשע עדות". שמ"ר,
דער ליטוואק, ערשטעס העפט, אדעסס, ז' 6.

ב ו ד י א ב א ו ו י ע ץ - דער, מצ בודיאנאווצעס. (ספֿון)
אנטייל=נעמער אין דער רייטער=ארמיי פון סעמיאן בוד
בודיאני, דעם פאפולערן קריגספירער בעת דעם בירגערקריג
אין רוסלאנד ( 1917 - 1922 ).

1949/1953" א גאנצער אטריאד | אפטייל | בודיאנאווצעס
האט ארומגערינגלט עטלעכע דערפער מיט פולעמיאטן".
סמבטיון, א זעקסטער וועלטטייל, פּאריז.

ב ו ד י א ב א ו ו ק ע - די, =ס. (ספֿון) היטל פון די סאלדאטן
אין דער רייטער=ארמיי פון בודיאני, א מין שלעם
( העלם ) פון געוואנט מיט א הויכן שפּיץ.

1932" |...| צוגעלאפן צו א רויטארמיער |...| און
געבעטן ביי אים זיין בודיאנאווקע, ער וויל א מעסט
טאן ". נ. ווייגהויז, אפ דער וואכ, מינסק,
| ז' 228.|

1939" |...| אין א מיליטערישן שינעל, אין א בודיאנאווקע
|...|". מ. דאניעל, מיין גאלדענע קינדהייט,
מאסקווע, ז' 113.

בודיאק - דער, =עס. | ווייער ד | פפ: ~~בודיאק~~,

UK: будяк; בודזיאק/בודזיק/בודיק/באזשיק/בוזיק/בוזשיק.

Cardus pl.), 1. סטעפיש ווילדגראז, P: bodziak

פון דער משפחה קארבבלומיקע (~~Ca~~ compositae pl.)

האט שטעכיקע שטענגלעך און בלעטער.

1882" זיי וועלן ניט אויסזען ווי אויסנאמען, ווי עטלעכע בלומען אין פעלד מיט בלויזע בודיקעס".

ייפאל, יוני, ז' 10.

" שטעלן דעם סאמאוואר מיט שטעקלעך, מיט שפענדלעך 1915-1914

און מיט פארטריקנטע בוזשיקעס". שע, פון בהרילעווקע, זומערדיקע ראמאנעך... ~~ד. 98~~. ב"ע, ב' 1944, ז' 89-90.

1930" איך דראפע זיך// ביז ברייענדיקע בודיקעס, // און שפרינג אריבער // פולע גריבער". פיינ, די קריגן דויערן, קו"ל, ז' 91.

1939" א מאדנער דאך |...| ער איז פול מיט מאך און אויפן מאך וואקסן בודיאקעס, קוויטן, קראפעווע".

ב. אלעווסקי, אנהייב לעבן, זש' שטערן, מינסק, ז' 42.

1940" קען זיין א גארטן אן אין באדיאק? |...|".

ש. טענענבוים, דעם שטעלס גוויר, זש' פארפאסט, בירעבידזשאן, ז' 57.

2. דאס שטעכיק=דערנערדיקע געבלים פון דעם געוויקס, זעט אויס ווי א שנשקע; אויך גערופן "בערעלע".

% דער ווײדל פון פערד איז פול מיט בודיאקעס תשעה=באב ווארפן די קונדייסים בודיאקעס אויף די יידן אין בית=מדרש.

1870 " מצה שמורה לפסח, גרינס אויף שבועות, תשעה=באב ווארפן מיט בוזיקעס". קמ, נ' 3, III, - 21.

1944" קינדער פלעגן פון אים לאכן // און מיט בודיקעס באקלעפן ". אי. פעפער, היקאנד, ז' 49.

1965" ערשט פאר נאכט צו, ארומגעקלעפט מיט שטעכיקע בודזיקעס, האט ער זיך דערקליבן צו די מאהילקעס". נאטע לוריע, הימל און ערד, מאסקווע.

בודיזם - דער, בא. רעליגיע, וואס איז באגרינדעט אויף די אידעען פון גאטאמא בודא ( געלעבט אין דער מיט פון VI י"ה פ"קר ), די אמונה איז פארשפרייט דער עיקר אין אזיע ( בורמא, כינע, אינדיע א"א ).

1944" אין יסוד פון בודיזם ליגט דער טיף פעסימיסטישער בליק אויף דער וועלט ". א. מענעס, ענצ V, נ"י, ז' 279.

1957" פון איצט אן וועט זי | גיטל | שוין וויסן וואס צו ענטפערן דעם יונגן סטודענט, וואס טענהט |...| אז די העכסטע דערגרייכונג פון דעם מענטשנס דערקענטעניש איז - דער בודיזם ". ה. צייטלין, אריינפיר אין חסידות |...|, נ"י, ז' 234.

|| בודיסט - דער, =ן, ווג בודיסטין/ בודיסטקע.
א מענטש וואס באקענט זיך צו דעם בודיזם, דער אמונה
פון בודאַ.

||בודיסטיש =אדי. וואס איז שייך צו בודיזם, בודיסטן.

ב ו ד יִ י - ←——— באַדאַי.

ב ו ד י ל נ י ק - דער, =עס. ( רוסיצ, נא ). (?נ?)
1. וועקזייגער.
2. ( פיג ) וועקער.

1882" דעריבער קלער איך, אז דער בעסטער בודילניק
( וועקער ) איז דאס 'יודישע פאלקס בלאט'".
ש. וו. שרייבער, אונז ייפאל, נ' 51, ז' 791.

ב ו ד י נ ע ק - דער, מצ בודינקעס. ( פויל, נא ).
בניך, געביידע, געביי.

" א ייד רייבט זיך ארום פריצים |...| רעדט ער
|...| פון 'פאַלווארקעס', 'בודינקעס', 'טשארנאזיאם'".
שע, פון פסח ביז פסח, ז' 244. 1913

1929" זיינען געשטאנען צוויי יידן און |...| באטראכט
דאס האלץ פונעם אפגעקויפטן גויִשן בודינעק ".
בערג, אין א פארגרעבטער שטאט, ווילנע, ז' 26.

ב ו ד י ע נ ע ן - טרוו. | פאַר געבודיעט? | .
( לאקל, פאלאנגע, ליטע ). ארויסשלאגן פון שלאף,
| מ. מארק, יישפ X- 1, ז' 20 |.

?נ? ב ו ד י ר ע ר - דער, =ס. ( <u>לאקל, ארגענטינע, יידישע</u>

קאלאניעס ) " וועקער, ווער עס וועקט אויף,

~~פון רוסיש~~ גיט מאטע, טרייבט

ארויס די בהמות" | <u>קטור</u> |.

רמז: ניט שיין מען קומט עס פון אוקר/רוסיש будити/будить?

.22 – תו׳

ב ו ד ל – דער, באָ. ( אמ, נא ) שוחד, כאַבאַר. (?נ?)

||=ער, =ס. ( אמ, נא ). 1. איינער וואס נעמט כאבאר.

|...|" הייבט דעם האמער, פראלעטאריער,// הייבט אים אין דעם גאנצן לאנד, // זאגט די ברידער דאס די בודלער // שיטן נאך אין אויגן זאמד ". ציט מיניפי II, נ"י, ז' 311.

2. דער וואס פארקויפט זיין שטימע ביי וואלן.

ב ו ד נ י ק – דער, =עס. 1. ( לאקל, פאלאנגע, ליטע ). "קרעמער" | קטור |.

1950" בודניק – קרעמער. מען פלעגט אויך באנוצן דאס ווארט קרעמער |...|". מ. מארק, יישפ X – I, ז' 20.

1951" ווי לאנג איז עס דען, ווי מיר פלעגן מיט מוישקע איצע דעם בודניקס אויסרייבן דעם גליטש אויף דער סאזשלקע". צביון, זב ליטע I, נ"י, ז' 1304.

2. ( גליצ ) פאליציאנט, שטאטישער וועכטער ( סטראזשניק ) אין צארישן רוסלאנד.

1882" אזא שיינער בעל=בית ווי דו ביסט געווען זאל אזוי אנווערן די בושה |...| שטיין אליין ווי א בודניק אויף די ראגאטקעס צונויפנעמען די גראשנס פאשלינע ". ייפאל, נ' 19, ז' 291.

1902" א בודניק האט דערזען די סומאטאכע, איז ער צוגעלאפן
מיט דער ביקס |...|". | אנאנים | פערפאסט אויף
דעם ארט פון שמ"ר, תחית המתים, ווארשא, ז' 15.

1947" בודניק - פאליציאנט אדער "גארדעוואי". |...|
דאס ווארט נעמט זיך פון זייך בודקע, ווו ער פלעגט
זיך אויפהאלטן צייטנווייז, בפרט ווינטער ".
ל. פיינבערג, יישפ, VII , ז' 69.

ב ו ד ע - די, =ס. פּקפּ בודקע ( =לע ).

1. פראוויזארישער בנין, צונויפגעשטעלט ווי ס'איז
פון געמיינע מאטעריאלן, טייל מאל אן פענצטער,
געניצט צו פארשיידענע צוועקן, זז אויך פאר וווינען.
% א הילצערנע בודע, די בודע מיט א שטיק בלעך פאר
א דאך. ס'איז א בודע, ניט קיין שטוב!...

1928" זי האט זיך עטלעכע מאל פארבליבן אין דער בודע,
זיך צוגעשפארט |...|". אפֿאַ, I, ווילנע, ז' 51.

1935" פינף אנגעהויבענע הייזער |...| א צען' בודעס',
כלומרשטע שטעלכעלעך און די איינציקע שטוב פון
אגראדזשאינט". פה, רויטע פעלדער I, נ"י, ז' 16.

1943" |...| אין די קליינע הייזעלעך און אין די בודעס,
וואס די גויים |...| האבן פאר זיי אויסגעבויט".
ייז, משפחה קארנאווסקי, נ"י, ז' 5.

1962" דו קענסט א סך זאכן - אבער דווקא דערפאר איז
דייך ארט אין דער אומגעהויבלטער בודע". ז. קאמאי,
זש' איק, נ"י, VI-/1.

1968" שפעטער, אין די צוואנציקער יארן, האט מען
אויפגעבויט דעם ערשטן קינא |...|, א בלעכענע בודע".
מ. רעכטמאן, יזב אטוואצק, ת"א, ז' 413.

2. ביידל פון צווייגן, בלעטער, שטענגלעך, פון שטרוי אין א וואלד ( וואלדשטיבל ) אדער סאָד פאר א שומר אדער אויף איבערצוווארטן א שלעכט וועטער. % אין דער <u>בודע</u> צווישן די פרוכטביימער איז תמיד געווען עמעצער, וואס האט געהיט דעם סאד, מע זאל ניט גנבענען קיין אויבס. דער וואלדוועכטער שלאפט אין זיין <u>בודע</u>. זיי ווארטן איבער דעם שטורעם אין דער <u>בודע</u> וואס אין פעלד.

~~1923~~ 1912 " זי זיצט מיט איר אלטן פאטער אין דער שטרויענער <u>בודע</u>, וואס געפינט זיך אין מיטן פעלד". <u>אפּאַ</u>, <u>ראמאן פון א פערד=גנב</u>, ~~ווארשע~~ ווילנע, 1928, ז' 13.

1945 " א סאַד און א שטרויענע <u>בודע</u>, // א ייד האלט דעם סאד קיין עין=הרע |...|". <u>סעג</u>, <u>א בוים פון פוילן</u>, ב"א, ז' 88.

1949" ווי נאר די קארשן נעמען זיך רויטלען, ציט מען זיך איבער אין סאד, וווּ מען וווינט אין א <u>בודע</u>". <u>ייז</u>, <u>דערציילונגען</u>, נ"י, ז' 233.

3. ( <u>לאקל, ראסיין, פאלאנגע א"א געגנט, ליטע</u> ) קראַם, קלייט.

1877" זיי האבן געלעבט זייער גוט, זיי האבן געהאלטן איינע מאטעריאלן <u>בודע</u>, וואס מע רופט עס דארטן אפטעקארסקע קראם, און האבן זייער גוט געלייזט". <u>אמד</u>, <u>דער שבעים=מאלציים</u>, ווילנא, ז' 31.

1927" זיין שמידהויז פארקויפט |...| פאר דאס געלט איינגעקויפט סחורה, און ער האט געדונגען פאר זיין ליבע חנהלע איין <u>בודעלע</u> פון וועלנע זי זאל זיך דערווייליע קענען ערנערן ". <u>מ. יודעלסאהן</u>, <u>דער שמיד אלס דאקטאר</u>, ווילנא, ז' 8.

4. ( אָרב (6fx) ) מין גארקין, שענק, אָרט פון פארוויילונג.

1866" איך האב געעפנט א בודע |...| מיט אלער האנט זאקוסקעס | צובייסנס |, גרייכערטע וורשט|...|".
קמ, נ׳ 34, מודעות, 662.

1959 (29) " ווידער האבן זיך געמערט די טאנצבודעס, ווו די שטריקערס האבן פארברענגט די פרייע שבתים ".
ב. [ש]מעיה האראנטשיק, 1905, ווארשע (6:3 אלוואס 1950), ז׳ 71.

5. [struck] מין שטיבעלע אין א הויף פאר א שטוביקן הונט.
% פון עטלעכע ברעטלעך האט מען צונויפגעקלאפט א בודע פארן הויפהונט. דער כלב ליגט אין זיין בודע און גריזשעט א ביין.

1938" הינט האבן זיך אזוי פארשטעקט אין זייערע בודעס".
ייז, חבר נחמן, נ"י, ז׳ 65.

1942" |...| איך הינטישער בודע פארגראבן ס׳געביין".
סוצ, (6:3) פוו...I, ת"א, ז׳ 266.

1968" ער איז געשלאפן אין מיסטקאסטנס, אין הינטישע בודעס, מענטשן האבן אים צוגעווארפן עפעס עסן".
ס. וויגאדסקי, יזב אטוואצק, ת"א, ז׳ 952.

6. ( שגל ) "לאַסטאָוויטא מיט א פּלאנדעק ( ברעזענטענעם צודעק ), ווו מע האט פארלאדן די געכאפטע צו דער ארבעט, יידן צי פאליאקן, בשעת א לאַפּאַנקע".
| בלום, יישפ XVII - II, נ"י, 1957 |.

בּ ו ד ע וו ע ן - טרוו. (פויל, נא) בויען. (?נ?)

1940" ווו ביסטו געווען |...| ווען מע האט זיך געשלאגן אויף טויט דערפאר, אז מע זאל קענען בודעווען א פריי לעבן?". ש. גאדינער, א שטוב אין סטעפ, זש׳ סאוועטיש, נ׳ 11, מאסקווע, ז׳ 200.

" פאר מיינעטוועגן בודעוועט זיך דער בודינאק, אונדזער לעבן, מיין איך". דצוו, דארטן.

ב ו ד ע ו ו ע ן II - אוטגו. פארען זיך, טאן עפעס, ארומארבעטן.

1933 " פריער האבן זיי זיך געקאנט כאפן, אז עמעצער בודעוועט דא אויף דער באן-ליניע". ש. גאדינער, דער מענטש מיט דער ביקס II, מאסקווע, ז׳ 134.

..........................................................

באמ: כ׳מיין אז ס׳איז דא א גרייז, ס׳דארש זיין "רודעוועז". אזא ווארט האב איך יא געהערט אפט אין דעם באטייט, בערך.

ב ו ד ע ש נ י ק - דער, =עס | לז |. ---> בודאטשניק.

ב ו ד ק | בוידעק | - דער, =ים | באדקים |. 1. דער כלי=קודש, וואס זיין אומנות איז נאכצוזוכן, רעווידירן די אינגעווייד פון א בהמה נאכן קוילען, צי זי איז כשר ( ס׳רוב געניצט אין באהעפט שוחט ובודק ).
% א געניטער בודק. די קצבים האבן געציטערט פאר דעם נייעם בודק, טאמער פטרט ער זיי אוועק די בהמה.

1884" שחיטה האט ער אין זיין לעבן נישט געלערנט און איצט איז ער שוחט און דער בלינדער טאטע איז דער בודק". ייפאל, נ׳ 42, ז׳ 651.

ב ו ד ק | בוידעק | ז יי ן - טרוו. 1. אין יידישן רעליגיעזן שטייגער - נאכזוכן, נאכפארשן צי א געוויסע זאך איז בהסכם מיט די דינים, געבאטן, מנהגים.
% בודק זיין די מזוזה, טאמער איז, חלילה, אן אות אפגעמעקט. מע האט שטרענג בודק געווען די ציצית, ס׳זאל ניט זיין קיין שעטנז.

1805" איך האב קיין מאהל גיזעהן אז דער שוחט זאל בודק זיין דעם חלף". הרב יצחק אברהם בר׳ דובערוש כ"ץ, שו"ת כתר כהונה, זאלקווא, תקס"ה. שאלה כט, דף יט/4.

1855" ענפירט זיי גאט, זייטס בודק אוב ער האט אמאל דעך

ב ו ד ע ו ו ע ן !! - אוטגו. פֿאַרען זיך, טאָן עפּעס, ארומארבעטן.

1933 " פריער האבן זיי זיך געקאנט כאפן, אז עמעצער בודעוועט דא אויף דער באן-ליניע". ש. גאדינער, דער מענטש מיט דער ביקס II, מאסקווע, ז' 134.

.........................................................

באַמ: כ'מיין אז ס'איז דא א גרייז, ס'דארש זיין "רודעוועו". אזא ווארט האב איך יא געהערט אפט אין דעם באטייט, בערך.

ב ו ד ע ש נ י ק - דער, =עס | ל2 |. ---> בודאטשניק.

ב ו ד ק | בוידעק | - דער, =ים | באדקים |. 1. דער כלי=קודש, וואס זיין אומנות איז נאכצוזוכן, רעווידירן די אינגעווייד פון א בהמה נאכן קוילען, צי זי איז כשר ( ס'רוב געניצט אין באהעפט שוחט ובודק ). % א געניטער בודק. די קצבים האבן געציטערט פאר דעם נייעם בודק, טאמער פטרט ער זיי אוועק די בהמה.

1884" שחיטה האט ער איך זיין לעבן נישט געלערנט און איצט איז ער שוחט און דער בלינדער טאטע איז דער בודק". ייפאל, נ' 42, ז' 651.

ב ו ד ק | בוידעק | ז יי ן - טרור. 1. אין יידישן רעליגיעזן שטייגער - נאכזוכן, נאכפארשן צי א געוויסע זאך איז בהסכם מיט די דינים, געבאטן, מנהגים. % בודק זיין די מזוזה, טאמער איז, חלילה, אן אות אפגעמעקט. מע האט שטרענג בודק געווען די ציצית, ס'זאל ניט זיין קיין שעטנז.

1821 1805" איך האב קיין מאהל גיזעהן אז דער שוחט זאל בודק זיין דעם חלף". הרב יצחק אברהם בר' דובערוש כ"ץ, שו"ת כתר כהונה, זאלקווא, תקס"ה. שאלה כט, דף יט/4.

1855" ענפירט זיי גאט, זייטס בודק אוב ער האט אמאל דעך מתיר גיווזין זיין שבועה וועט מען איהם איצט אוך מתיר זיין די שבועה ". מעשה רבי יהושע בן לוי, טשערנאוויץ, | ה' 3 |.

1878 | , מען זאל צונויפשטעלן א קאמפאניע פון א פאר שיינע יידן מיטן סופר, וואס |...| זאלן ארומגיין אין אלע הייזער |...| און אומעטום בודק זיין, רעווידירן די מזוזות". ממוס, מסעות, ציט אויסג "מענדעלע", 1913 , ז' 16.

1957" אז עס האט אנגעהויבן טאגן, האט ער ארויסגענומען דעם טלית און בודק געווען די ציצית, איז געפאלן א פחד |...|". ליקוטי=דיבורים, נ"י, ז' צ"ט.

2. רעווידירן, קאנטראלירן, דורכנישטערן עמעצן/עפעס.

% די פאליציי איז גוט בודק די פאספארטן. אויפן לופטפאַרט איז מען בודק אלע רענצלעך פון די פּאַרערס, טאמער האט מען געווער.

1931" אפגעסודעט זיך מיט זיין אדוואקאט, איז מיין שווער 'בודק' די 'פארגעסענע' לעדערנע האנדטאש". ד. י. זילבערבוש, מענשען און געשעהענישען, ווין, ז' 53.

~~[illegible] ער זיך איין, מע[illegible]אוף זי בודק [illegible]". [illegible], [illegible]לנע, ז' 224.~~

1970" ביים בודק זיין דעם דאקומענט, האב איך געזען, אז ער איז שארף פארעלטערט". א. ראזענטאל, יזב זלאטשעוו, ת"א, ז' 349.

1974" די מענטשן פון דער שיף דראט מען זאל זיי צו פיל בודק זיין ". י. עלבערג, אויפן שפיץ פון א מאסט, מאנטרעאל, ז' 360.

3. ([illegible]) אויספארשן עמעצנס פאסיקייט, פעיקייטן, מעלות און חסרונות, פאליטישע אדער מאראלישע כשרות.

% איידער מע נעמט צו אויף דער ארבעט איז מען בודק די ביאגראפיע און די פארגאנגענהייט פון די בעלנים. די מחותנים זיינען בודק דעם ייחוס פון דער כלה.

1821 | " האב איך א נדר גיטאן, אז איך זאל ניט פעדערין קיין שלום צו קיין שום מענטשין ביז איך זאל אים פריר ניט בודק זיין אוב ער איז איין אירליכר מאן". |איבז ר' משה בר' נתן נטע מאוסטרא|, פון הרב צבי הירש קאידנוור, קב הישר | סידילקאב |, דף כא/2.

1870" קוים וועט מען מער בודק זיין | וואס די מלמדים קענען | וועלן דאך חס וחלילה 9/10 קינדער בלייבן אָן מלמדים ". קמ, נ' 27, III - 206.

1954" און אז ערגערע יידן פון אייך, ווער קען עס היינט בודק זיין צווישן בעסערע און ערגערע?". גרינ, בלעטלעך פון א טאגבוך, נ"י, ז' 343.

4. (...) באסטראקטן, אנאליזירן עפעס פון אלע זייטן, פארטיפן זיך אין אלע אספעקטן. % בודק זיין אן אידעע, דערשיינונג.

1912 " וויפל מיר זאלן ניט בודק זיין אין געדאנק די טבע פון דעם אטאם, וועלן מיר קיין מאל אין אים ניט געפינען דעם גרונט, וואס זאל אונדז מאכן איינזען די אבסאלוטע נויטווענדיקייט פון יענע געזעצן". זשיט, III, נ"י, ז' 29.

1962" יעדער ענין בעולם הזה וואס מען גייט טאן, דארף מען בודק זיין |...|". ליקוטי שיחות, נ"י, ז' 378.

1973" מע מעג בודק זיין די השערה, אז דער קאמף פון די גייסטיקע פירערס |...|". מווג, נ"י, ז' 47.

ב7 פפ: בודק זיין ווי א שוחט די ריאה, ( וואר: ווי צו בדיקת חמץ, כחוט השערה ) - זייער גענוי, זייער שטרענג.

(אור)

בודק זיין עמעצנס ציצית - אויספארשן יענעמס פעיקייט, טאלאנט, ערלעכקייט, פאליטישע כשרות אע.

1959" מיר, די קריטיקערס, האבן געוויינטלעך צו טאן נישט מיט זיך אליין, נאר מיט אנדערע שרייבערס, מיר זיינען בודק, מיינט מען, זייערע ציצית ". שנ. קריטיק און קריטיקער, ב"א, ז' 75.

אז מע וויל גוט בודק זיין, איז אלץ טריף (שוו) אויף יעדן (זאך) קאן מען געפינען א חיסרון, אויב מע וויל נאר.

ם בודק זיין

1. ←-------

1610" אונ' ער טרענקט קינדר ישראל, ער ווליישט זיך צו זיין בודק זיא אז די סוטה |...|". טח, רשי, שמות לב - כ'.

1723" מן זול דיא ציצית וואול בודק זיין זא איין פאדים ווער אפגיברוכן אובן אם לוך פונם כנפות |...|". ספר המנהגים, אמשטרדם, ה/ב.

1752 " ער | דער שוחט | איז שולדיג זיין חליף ער נשט בודק צו זיין". עח, פיורדא, כ, 2.

2. ←----

1626" (ובקרו) אונ' מן האט גיפארשט אונ' בודק גיוועזן אין דיא הייזר דז די ביכר דרינן ווארן". סהמן, לובלין, עזרא, ו' - א.

3. ←-----

1729" אונ זאלסט מיט אים | מיט מיין מאן | ניט אום גיין מיט מדת הדין |...| אונ דו זאלסט אים נישט חלילה בודק זיין וועך ער גיט במקום סכנה". נייאי תחינות ובקשות, הומבורג, תפ"ט.

ב ו ד ק   ח מ ץ   | בוידעק כאמעץ | ז י י ן - אוטוו.

1. דאס אויסזוכן און אויסראמען פון שטוב אלע זאכן, וואס זיינען חמץ און טארן נישט געברויכט ווערן פסח ( דער מנהג איז אוועקצולייגן פריער עטלעכע פיצעלעך ברויט אין אלע צימערן, כדי דאס מאכן די ברכה זאל ניט זיין לבטלה; מען איז בודק חמץ ביי דער שיין פון א ליכט ).

1860" |...| איז מען בודק חמץ מיט איין וועקסין לעכט ניט מיט איין פלאקר ". דרך אדם, ווארשא.

1875" און קעגן דעם | די צען ברעקלעך חמץ לבדיקה | וועט גאט ב"ה ה(?)יליקן ארץ ישראל מיט צען קדושות און ער מוז בודק חמץ זיין מיט גרויס עיון".
קה, [struck out] ווילנא, II - 294.

1901 " דער טאטע גייט ארום מיט א הילצערנעם לעפל און מיט א פלעדערוויש און איז בודק חמץ". שע, מעשיות פאר יידישע קינדער II, א פארשטערטער פסח, [struck out] 6,3 אלה וחק, ב' II. פ, נ"י, 1944, ז' 85.

2. ( פיג ) באפרייען זיך פון זינד, שלעכטע מידות אע.

1966" אז א חסיד פלעגט קומען אין קאצק אלול=צייט, פלעגט מען אים פרעגן: יונגערמאן, האסט שוין בודק חמץ געווען ? - היתכן, בדיקת=חמץ איצט? - יא, אין אלול איז מען בודק דעם רוחניותדיקן חמץ, מע דארף אים פארברענען מיט התלהבות פון תורה און תפילה". הרב מ. שווארצמאן, טמז, VIII /22.

3. ( איר ) באגנבענען, אויסראמען אלץ פון א שטוב.

1884" האבן זיך עטלעכע פאראבקעס אנגעשיכורט און האבן זיך געווארפן א ביסל בודק חמץ זיין אין די יידישע קלייטן ". ייפאל, ג' 3, ז' 44.

..." גאַנץ אָפט טרעפט אָבער, אַז גנבים זענען אין מיטן יאָר ׳ בודק חמץ". ~~ש. מנחם=מענדל, מעשׂיות~~

~~פֿון~~ עלזעט, יידישע מאכלים II, וואַרשע תר"פ, ז׳ 121.

1952" פֿאַרן באַגריף: אין גאַנצן באַגנבענען |...| אויפֿגערוימט פּסחדיק אָדער בודק חמץ געווען". ב. ראַבאַק, פֿון גנבים לשון אין טאַניק, יישׂפֿ XII - 2, ז׳ 60.

4. ( פּיג ) באַהאַלטן אָדער פּטור ווערן פֿון אומלעגאַלע זאַכן ערב אַ רעוויזיע פֿון פּאָליציי ( אומלעגאַלע ליטעראַטור אַע ).

ב ו ד ק = ח מ צ ן | בוידעק כאָמעצן | - אוסוו. (~~[illegible]~~ רוס, בעסאַראַביע ). דזוו " בודק חמץ זיין " | קטוו |.

ב ו ד ק ן | בוידעקן | - טרוו. ( שנשׂ? ) נאָכזוכן, נישטערן, רעווידירן, פֿאָרשן; בודק זיין

1929" קליינע מדינות און מדינותלעך |...| מאַכן נאָך די גרויסע |...| זיי שעמען זיך ניט צו בודקן, פּאַלמעסן און פּייניקן דעם עמיגראַנט". זש׳ די יידישע עמיגראַציע, נ׳ 1, בערלין, ז׳ 12.

1964" ער בודקט מיינע טעג און נעכט ". יוסף רובינשטיין, ~~אויף די חורבות פֿון וואַרשע~~

ב ו ד ק ע - די, =ס. 1. קליין קרעמל, קיאָסק, פּאַרקויפֿשטעל. % אַ הילצערנע בודקע. אין דער בודקע פֿאַרקויפֿט מען סאָדע=וואַסער, צוקערקעס. אין איין זייט מאַרק שטייט אַ שורה בודקעס מיט פֿאַרשיידענע סחורות. די פֿויערטעס שטופּן זיך אַרום די בודקעס מיט פּאַטשיילעס, סטענגעס און פּאַטשערקעס.

1878..|" אין דער זייט שטייט אויף הינערשע פיסלעך אן אלטע איינגעהויקערטע בודקע ". ממוס, מסעות, ציט אויסג " מענדעלי", ווארשע 1913.

~~1921" שלאפט דער מארק מיט בגדעס ...|". א, זשו כאליסטרע פאריז, ז' 21.~~

1938" שטייט א בודקע פון ברעטער. אין בודקע פארקויפט מען זעלצער=וואסער". זש, נח פאנדרע, ווארשע, ז' 248. [ב' 6"ז]

1947" אויף דער ערשטער אלייע איז אונטערגעצונדן געווארן די פאפיראסן=בודקע פון יידישן מלחמה= אינוואליד". יזכר טשענסטאכאווער יידן, נ"י, ז' 180.

2. וואכשטיבל פון פאליציאנטן, סאלדאטן, באנוועכטערס, קאנטראל=פאסטן ביי אונטערנעמונגען, אינסטיטוציעס אע. % דער שומר אין דער בודקע לאזט קיינעם ניט דורך אָן צו קאנטראלירן די דאקומענטן. דער באנוועכטער גייט ארויס פון זיין בודקע צו באגעגענען דעם צוג. דער סאלדאט שטייט מיט דער ביקס לעבן דער בודקע.

1884 " |...| בייטן זיך ווי די בודקעס בעת מע פארט אויף דער באן ". | ג. ח. לעווונער |, א פאטאגראפיע |...|, אדעסא, ז' 24.

1927" פאר א בודקע שטייט א סאלדאט אויף דער וואך". ייז, שטאל און אייזן, ווארשע, ז' 15.

1948 " אט איז שוין די בודקע ביים ארייגאנג אין געטא ". זש' גאפ, נ' 3 - 4, ב"א, ז' 24.

ב ו ה אַ י - -----> בוהיי.

ב ו ה ו | וויהע | - די, בא. כאאס, ווילדעניש. ?נ?

| געוויינטלעך ווערט דאס ווארט געניצט נאר אין
דעם באהעפט תוהו=ובוהו |.

... " איך ווו הימלען שלווה=בלויע - // כמארעט תוהו,
שטורעמט בוהו". א. שמרי, גק, נ' 79, ז' 249.

ב ו ה יי - דער, =עס. | געשריבן אויך בוהאי |.

1. אן אקס וואס איז ניט באלייגט ( מסרס ) געווארן,
ווערט געהאלטן דער עיקר צו באפרוכפערן די קי.
% א ראַסאָווע בוהיי. א ווילדער בוהיי. דער בוהיי
רעוועט שטארק און רייסט זיך צו די קי,
א קאלב לויפט נאך דער קו, ניט נאָכן בוהיי.

1864" איך דעם האב איך דערהערט א גרויסן ליארעם,
ראטעוועט אונדז... איך גיב א קוק און האב דערזען,
דאס איין ווילדער בויאק ( שטיר ) |...|, יאגט זיך
נאך א יונגע דאמע וואס נאך איר לויפט נאך א מאמקע
| ניאניע | מיט א קליין קינד אויף די הענט. דער
בוהיי |...| איז געלאפן נאך זיי מיט גרויס צארן ".
אמד, ספרי מהגאון |...|, ווילנא.

... " דאס קול פונעם בוהאי לאזט זיך הערן פון איין עק
שטעטל ביז דעם אנדערן ". ממוס, XIX, שלמה ר' חיימס II,
ז' 8. פּג " מענדעלי".

1924" און פעשע איז דאך געוועזן אשילע // |...| האט
ער זיך טאקע ווי א בוהיי // מיטן קאפ אין איר
יאַקל איינגעדרענגט. מלה, גאלדענע פאווע,
קלעוולאנד, ז' 264.

1951" דאס ׳ מענטשל׳ |...| האט געטראגן מכשירים צו מסרס זיין בוהייעס און פערד ". א. קאצענעלנבאגן, זב ליטע I, נ"י, ז׳ 40.

1966" בארויקט ליגן קעלבער, דעם בוהיי רייצט נאך אלץ אין נאזלעכער דער רונג ". האל, מיין ארטס, מאסקווע, ז׳ 49.

2. ( פיג ) מענטש מיט אומגעצוימטן כוח, א שלעגער. % פארטשעפעט זיך ניט מיט דעם בוהיי, איר וועט אים ניט בייקומען.

1939" ער איז זייער א שטארקער |...| פארמאגט זייער א סך כוח |...| נאר ער איז א בוהיי און ווייסט ניט וואס צו טאן מיט דעם ". מ. דאניעל, מיין גאלדענע קינדהייט, מאסקווע, ז׳ 120.

1960" איך האב געזען אייער זון - ער איז א בוהיי ". חג, טמז, X /9.

3. ( פיג ) ווייבערניק, אויסגעלאסענער. % יענער איז דאך א בוהיי, ווי נאר ער דערזעט א קליידל, פארגעסט ער אין אלץ.

1956" פראסטאקעס פינצטערע ! - האלט לעווין // קוים זיך איין, ער זאל ווי א בוהיי איבער דער שאל זיך ניט צערעווען ". פמ, מלחמה | I? |, נ"י, ז׳ 151.

|| =יש - אדי. ( ווי ) פון א בוהיי.

1932" ביי אים דאמינירט ניט |...| דער ציניש בוהײַישער געפיל נאר פויערשע אויסרעכענונג ". א. וואראבייטשיק, די ערשטע פעסטע טריט, זש' שטערן, מינסק, נ' 87.

=ען ( = ענע, ענער ) - אדי. ( ווי ) פון א בוהיי.

1963" |...| אויגענעס בוהייענע ". סוצ, פרו II, ת"א, ז' 375.

= עווען - אטוו. ( פיג ) „פירן אן אויסגעלאסן לעבן, האבן געשלעכטלעכע באציונגען מיט א סך פרויען" | קטוו |.

פפ: שטארק ווי א בוהיי. געזונט ווי א בוהיי. ווילד ווי א בוהיי. בריקע(ווע)ט ווי א בוהיי. רעוועט ווי א בוהיי.

בוודאי | בעוואדע | - אדוו. [א מאל געשריבן אויך בודאי |. ( עלט ) געוויס, אן ספק; אוודאי.

1836" עס איז איין משל צו איין מענטשין וואס האט דעם מלך דר ווידר גיטאן |...| אזו זיכט ער דאן בוודאי כל המצאות ער זאל קענען אפקומן מיט א גרינג זאך". לט 2, סדילקוב, ב/46.

1875" האט רשב"י געזאגט: דער שלאגגגייט בוודאי אונדז צו געשייען |?| נסים דורך אים". קה, ווילנא, I - 70.

1940" השי"ת זאל אראפנעמען פון זיי דעם רוח=שטות | דאן | וואלט בוודאי זייך אלדי ברכות והצלחות". |?| פוקה=פורים, נ"י, פרק ל"ה.

.36 — בו

(?נ?) ב ו ו א ל ע - דער, מצ דז. ( אוק, נא )„געניטער מענטש, אזא וואס איז אויסגעוועז א וועלט, ווייסט א סך זאכן" | קטוו |. " ווי א בוזוואלע - ווייס איך, אז פאר דער חתונה שווייגן זיי אלע, דערפאר אבער נאך דער חופה קריגן זיי אלע דאס לשון - די ווייבער " | קטוו |.

< Ук: бувалий

(?נ?) ב ה ו א ל ש ט ש י נ ע - די, בא.( אוק, נא ) אן אמתע געשעעניש.

< Ук: бувальщина

1957

" צוליב א פרוי איז א מענטש געווארן א מערדער און א זייגער איז געווען אן עדות... דאס איז |...| ניט קיין ביקע, נאר אן אמתע 'בהוואלשטשינע'". ברוס, שטילע ערד, נ"י, ז' 175.

(?נ?) ב ו ו ל ( = סחורה ) - ----> באוול.

(?נ?) ב ו ז | דער? |, בא. ( אמ, נא ) " משקה, געטראנק" | קטוו |.

(?נ?) ב ו ז א I - די, בא. 1."מין משקה, געמאכט פון הירזש, הרעטשקע, גערשטן, פארשפרייט אין קרים, אויף קאווקאז, אין קירגיזיע א"א". % פון א קריגל בוזא קאן מען אויך שיכור ווערן" | קטוו |.

2. ( פיג ) " א ניט=געשמאק אדער אומריין געטראנק" | קטוו |. % " דאס איז ביי אייך טיי? - ס'איז הוילע בוזא!" | קטוו |.

(?נ?) ב ו ז א II - די, בא. 1. ( שש )„נארישקייט, ניסטיקייט, שטות" | קטוו |. % ניט געווען וואס צו הערן אויף דער לעקציע - אמתע בוזא" | קטוו |.

2. ( שש ) "טומל, גערודער, סקאנדאל"א | קטוו | .

„חברה האט זיך צעהוליעט און געמאכט א בוזא -

איבערגעקערט אלץ מיטן קאפ אראפ" [קיוון] .

(?נ?) ב ו ז א ט י א ר - דער, =ן. ( רוס, נא ) פפא

בוזעטיאר . סקאנדאליסט, טומלער, שרייער | אויסדרוק

פון סאוויעטיש זשארגאן | .

1932" האסט געהערט, |...| בוזאטיארן שלייפן זיך די

צונגען". א. קאהאן, אינזשינירן, קיעוו, ז׳ 12.

1963" זי האט שוין געוווסט, וואס הייסט זאקאלקע

| דאס פארהארטעוועט זיך | און בוזאטיאר און

מעשטשאנקע |...|". ח. מעלאמוד, שוועסטער,

זש׳ סאוו׳ היימלאנד, נ׳ 5, ז׳5.

(?נ?) ב ו ז א נ ע - די, =ס. ( פסמ פארגרייזט פון

אבעזיאנע׳ ( רוסיש - обезьяна ), מאלפע.

1865" איך האב דאכט זיך אנגעזען גענוג אויסגעבילדעטע

יונגע=לייט אויסלענדער |...| דאס בראדער יונגע= לייט

האבן אויסגעזען קעגן זיי ווי בוזאנעס קעגן מענטשן".

| אמד |, די קרעמערקעס אדער גאלדע מינע דיא בראדער

עגונה, ווילנא, ז׳ 62.

1883" אזוי ווי איין אפע דאס הייסט א בוזאנע אנטקעגן

א מענטשן אזוי איז די טומאה געווען די מידה פון

בלעם אנטקעגן די מידה פון משה פון דער קדושה".

נופת צופים אויף חומש, ווילנא, II - 172.

1967" בערקע די בוזאנע וועט זי טראגן אויף די הענט".

א. קארפינאוויטש, ביים ווילנער דורכהויף,

ת"א, ז׳...

ב ו ז י = ב אָ - דער, באַ. ( שש ) "שד, טייוול".

| קטוו |. " מע שרעקט די קינדער מיט א בוזי=באַ;

דער בוזי=באַ וועט קומען; אט שטייט דער בוזי=באַ".

| קטוו |.

ב ו ז י נ ע - די, =ס. ( באט ). 1. קוסט מיט

שווארצע יאגעדעס ( ווסנ SAMBUCUS NIGRA ).

אנדערש גערופן שווארצער בעז.

" |...| זיך באגעגענען אין דער אלעע, אונטער דער

נאר וואס אפגעצוויטעטער שמעקעדיקער בוזינע".

שע, פונים יאריד II, ז' 113. 1926

1922" אין א טייל קנאספן פון א קליאן אדער בוזינע

קען מען געפינען א התחלה אויף בלומען ".

א. גאלאמב, איבז פון ג. באטש, געוויקסן, ווארשע,

ז' 122.

2. די יאגעדע פון דער בוזינע.

1902" א פארפארענעם |...| ווארעם איינדעקן און

געבן טרינקען ווארעמע טיי אדער ראמיאנעק מיט

בוזינע". דער לאנדארבייטער, לוח פאר קאלאניסטן,

ווילנא, ז' 166.

ב ו ז י ס - דער, | בא? |. ( שש, רעג, ליטע )

געניצט אין באהעפט ארע בוזיס מיטן באטייט: בישן,

שעמעוודיקער, אין ליטוויש מיינט Buzys א פויגלשרעקער,

א סטראשידלע וואס מע שטעלט אין גארטן אפצושרעקן

די פייגל". | קטוו |.

(?נ?)

באמ: מאכן צוויי באטייטן?

ב ו ז י ק I - דער, =עס. 1. ( לאקל, ווו? )

בושל, באַציאָן.

באַמ: פון וואנען שטאמט ב. רעסלער?

1961 "בוזיקעס מיט לאנגע שנאבלען און דארע פיס האבן זיך ארויסגעלאזט פון אונטער די סטריכעס פון רויט געפארבטע דעכער און זיך א הייב געטאן העכער און העכער". ב. רעסלער, טמז, I/21.

2. ( פיג, אויך ) א הויכער, דארער מענטש.

1971" ר׳איז אן אלטער, אויסגעשטאַפּטער בוזיק אויף א דראנג... נישט צו גאט און נישט צו לייט". ב. רעסלער, טמז, VII/4.

ב ו ז י ק II - שטעכלקעס ---> בודיאַק.

ב ו ז י ק III - קוסט ---> בעז.

ב ו ז י ק ש פ י ל - די/דאס. באַ. דער מינהג צו ווארפן זיך מיט בוזיקעס ( בודזיקעס, באָדיאַקעס א"א ). אום תשעה-באב אין שול, ווען די מתפללים פלעגן זיצן אויף דער פאדלאגע, אן שיך; דער עיקר פלעגן ~~אַבּטּ~~ ~~אַבּטּ~~ דאס טאן יונגווארג, אבער אויך דערוואקסענע פלעגן אפט אנטייל נעמען אין דעם. | די בוזיקעס האט מען אויך גערופן "בערעלעך" |.

1876" איך לעזער דארף איך קיין סך ניט דערציילן מכוח קויפן שטעט |...|, הקפות=קאמעדיע, גראגער=געוויש, בוזיקשפיל, ליל=שבועות=געשלעג |...| און נאך און נאך". ייל, דער סטאטעק, העפט II, אדעס, ז׳72- 73.

ב ו ז = מ ש פ ח ו ת | בוז=מישפּאָכעס | - מענטשן פון געמיינעם גראַד, אָן ייחוס.

1896" דארף מען טאן א שידוך מיט בוז=משפחות? |...| ווערסטו זיך ארפלאזן טאן א שידוך מיט א קאטלעקאניע? | אראַם: קטלא קניא: פראסטע לייט |. ע. בלאשטיין, דער כהן, ווילנא, ז' 160.

................

................

ב ו ז ע I - די, =ס. געטראנק ---> בוזאַ.

ב ו ז ע II - די, =ס. 1. " א געדיכטע מוטנע זופּ פון מעל מיט וואסער"א | קטוו |. % "א קאשע=בוזע"א | קטוו |.

2. "אן אויסמישעניש"א | קטוו |.

3. "אפּזאץ, אפּפאל" | קטוו |.

4. " אזא מין ביר"א | קטוו |.

|| בוזעצקע - " א שיטערע קאשקע "א | קטוו |.

ב ו ז ע = ב ו ! - ---> בוזי=בו.

ב ו ז ע ו ע ן - אוטוו. ( רוסיצ, נא ) " סקאנדאלעווען, טומלען". [illegible]

[illegible]

ב ר ו ז ע ם - דער, =ער/=ס. 1. ברוסט, % זיין ברוזעם
אטעמט שטארק. פארשיידענע געפילן טראגט ער אין דעם
ברוזעם.

1869" די הערצער האבן אין די ברוזעמער געציטערט".
|אמד|, דער טויטער גאסט, ווילנע, ז' 12. 462

1892" אך, עס ברענט א העליש פייער אין מיין ברוזעם
|טעקסט:ברוזען|". ע. בלאשטיין |...|, 506
דיא שוויגער, ווילנע, ז' 101.

... " געפילט איז מיט פראסטיקער שינאה דער ברוזעם,
אנומלט פון ליבע צעברענט". יהואש, בלומען און 503
דערנער, ז' 206.

2. ( ספעציעל ) פרויען=בריסטן. % פולער ( רונדער )
ברוזעם. דאס מיידל האט שוין א ברוזעם פון א בוגרת.

1964 " אזוי=א קען איך נישט, - הזרט זי איבער מיט
פארדריקטע ציין |...| און ווייזט מיט די אויגן די 489
שארפע אנבערגלונג פון איר ברוזעם ". י. אקסוטני,
זש' איק, נ' פסח, תשכ"ד, ז' 40 - II.

1966" |...| און אנגעשטעלט דעם בליק אויף איר ברוזעם".
באש, פאר, XII/23. 504

1971" |...| איר שוועסטער כאוטשע האט נישט קיין
היכן ברוזעם |...|". חג, טמז, I/1. 454

3. ( פיג ) דער אינעווייניק פון עפעס; שויס.

1904" |...| די בלומען זענען אראפגעפאלן//פון א הייליקן
ברוזעם צו דיר". ד. עדעלשטאט, פאלקס=געדיכטע, 478
נ"י, ז' 28.

1910" איראפּע האט געטראגן אירע טיראנען ביי זיך
474 אין בוזעם און האט דערצויגן אירע ווערגער אין איר
אייגענעם שויס". מר, שריפטן VI, נ"י, ז' 259.

1941 " נתתי בחיקך – איך האב געגעבן מיין דינסט אין
483 דייך בוזעם". תי, בראשית, טז – 5.

4. ( פיג ) אָרט ארייַנצולייגן, צו (בא)האלטן עפּעס, געפינט זיך צווישן א בגד ( בלוזע, רעקל, מאנטל אע) און דער ברוסט (טייל מאל געניצט דער אויסדרוק ווי א קירצונג פאר בוזעמטאש/בוזעם=קעשענע). % באהאלט די דאקומענטן אין בוזעם.

1874" האט ער ארויסגענומען פון אונטער דעם בוזעם
471 איין פאפּיר |...|". אמד, דער קליינער בעל=תשובה, ווארשע.

1910" |...| האט ארויסגענומען פון בוזעם א פלעשעלע,
469 אפּגעשטעקט עס און צוגעלייגט צו די ליפּן". ש. פרוג, אלע שריפטן III, נ"י, ז' 72.

1953" ס'איז קיין מאל ניט איבעריק, ברידער, צו האבן
507 // אין נארישן בוזעם א חכם א שטיין". הל. אין די טעג פון איוב, נ"י, ז' 73.

5. ( געאגר ) טיף איינגעשניטענער איינגאס פון א ים.

1865" זיינען מיר אריין |...| אין שטיק ברייטן ים
547 וואס מע רופט אים בוזעם | טעקסט: בוזען | פון בענגאליען". אמד, איי הים, ווילנע, ז' 18.

1958 " אין א לבנהלאזער נאכט האט ער איבערגעכאפּט זיינע סאלדאטן און עלעפאנטן אויף פּראמס איבערן ים=בוזעם פון קארטאגא". אבא קרים, זש' אמעריקאנער, 28/II.

|| ביק – אדי. 1. ברוסטיק, ברייטברוסטיק | סטוטש 117|.

2. וואס האט א הויכן, פולן בוזעם ( פרוי ). דער בחור האט דערזען פאר זיך א הויכע בוזעמדיקע מויד.

0 בוזעם=ביטל - דער, =ען. א בייטל, זעקעלע פאר געלט וואס מע טראגט אין בוזעם.

בוזעמטאש - די =ן. א ספעציעלע קעשענע איינגענייט אין א בגד ~~און~~ אינעווייניק, ביי דעם בוזעם, אויף צו האלטן געלט, דאקומענטן ~~אאָ~~ [אויך אַ קאָנווערט פֿאַר געלט, דאָקומענטן,] וואס מע לייגט אריין אין בוזעם=קעשענע.

1882" |...| האט זיך גענומען אויפצוקנעפלען זיין איבערראק און האט אריינגעשטעקט די האנט אין 518
דער בוזעמטאש". ייפאל, נ' 46, ז' 714.

... " ער | דער משולח | וויל זיך דאך נישט מודה זיין;
ער וויל זיך דווקא איינרעדן, אז ער טאפט נאָך ביי 520
דער בוזעמטאש". פרץ, דער משולח.

1936" |...| מרדכי איז ארומגעגאנגען איבער דער שטוב, געטאפט מיט דער האנט דאס געלט אין בוזעמטאש". ר. ה. קארן, ערד, ציט אנט, ז' 567.

בוזעם=טייסטער - דער, =ס. דזוו בוזעם=בייטל/ קאָנווערט.

בוזעמפריינד - דער, מצ דז. ( שש ) זייער נאענטער פריינד, חבר, אזא וואס מע קאן אים געטרויען אלץ וואס ליגט אויפן הארצן ( אין בוזעם). % ער איז מיין בוזעמפריינד, פאר אים האב איך ניט קיין סודות. מיין בוזעמפריינד האט מיר געהאלפן ארויסקריכן פון דער צרה.

1949" האט ער זיין בוזעמפריינד ווייך און פלינק אר
אוועקגעפירט". זש, קיסר און רבי IV, נ"י, ז' 89. 523

1966" ער האט געקוקט אויף די צוויי מענער, בוזעם=פריינד
459 דעמאלט". מ. צאניך, ארטאפאגוס |...|, ת"א, ז' 15.

1975" ס'וועט איר נישט אנקומען גרינג צו פועלן ביי
524 מאירן ארויסצושטויסן זיין יוגנטפריינד און
בוזעמפריינד פון זיין שטעלטע". באש, פאר II/28.

||=בוזעם=פריינדשאפט. - די/דאס. | סטוטש 552 |.

בוזעם=קעשענע - די, =ס. קעשענע וואס איז איינגענייט
פון א בגד ( רעקל, מאנטל אע ) אויפן ארט פון בוזעם.
% דער פידזשאק האט צוויי בוזעם=קעשענעס. דאס געלט
לייגט מען אריין אין בוזעם=קעשענע.
1873" טו איך מיך א כאפ צו דער בוזעם=קעשענע, רוק זיך
465 ארונטער בעסער אונטער די צווייגן און זיץ אין
שרעק, אין איינע צרות". ממוס, די קליאטשע.
ציט אויסג "מענדעלי", ווארשע,... ז' 104.

1932" און ער האט אריינגעלייגט דאס געלט צו זיך אין
541 דער בוזעם=קעשענע". ייז, יאשע קאלב, ציט אויסג,
נ"י, 1956, ז' 175.

1965" ער האט די צייגעניש |...| באהאלטן טיף אין דער
537 בוזעם=קעשענע פון דער קארטענער קורטקע". נאטע
לוריע, הימל און ערד, מאסקווע, ז' 230.

בוזעם=קראצער - דער, =ס. ( שלש ) היטנערן=אויוון=
פאליטיקער, ייד וואס זיצט אין בית=מדרש, שמועסט
וועגן וועלטזאכן און קראצט זיך דערביי געשמאק די
ברוסט.

1886" ווארעם ווי וואלטן מיר גענומען וואכערניקעס,
בעל=טובהניקעס, |...| בוזעם=קראצערס... און נאך
און נאך". א. הורוויץ, ייפאל, נ' 40, ז' 659.

לייגן ( איינריידן, זן אויסמאלן ) זיך פייגעלעך
אין בוזעם - האפן אויף זאכן אומרעאלע, האבן
פאלשע אילוזיעס.

1877" רעדט אייך ניט איין פייגעלעך אין בוזעם".
אמד, דער שבעים מאלציית, ווילנע, ז' 75. 466

1931" ווען ער האט דאס ערשטמאל צונויפגעוויקלט די
די באקומענע פלענער פון די קאנאלן האט ער זיך 479
געלייגט פייגעלך אין בוזעם: וועט ער ניט זיין
קיין באלעבאס איבער די ארבעטער - אן עלטערער
ברודער וועט ער זיין, אן אנווייזער". ה. ארלאנד,
הרעבליעס, כארקאוו.

1933" מע איז ארומגערינגלט מיט שונאים |...|, און
קיין פייגעלעך אין בוזעם דארף מען זיך ניט אויסמאלן". 453
ל. קוויטקא, צוויי חברים, מאסקווע, ז' 109.

1963" איך האב זיך קיין מאל ניט געלייגט קיין פייגעלעך
אין בוזעם וועגן מיין אויסזען". מ. מענדעלסאן, 513
טמז, XII/13.

ארייגשטעקן אין בוזעם - ארייגקריגן אין אייגענעם
רשות, ווערן דער באלעבאס, דעה=זאגער איבער עמעצן/ עפעס.

... " איך זאל געווען האבן |...| א נאגל שכל, וואלט
איך גאנץ שישעוויץ ארייגגעשטעקט אין בוזעם". 461
פרץ, אלע ווערק II, אויסג נ"י, 1947, ז' 139.

האלטן ביי זיך אין בוזעם - דזוו דפוו.

"דער נגיד מרדכי=נתן, ווי געוויינטלעך א נגיד, 1904
האלט די שטאט ביי זיך אין בוזעם, טוט מיט איר 480
וואס ער וויל ". שע, אלע ווערק [illegible]
נ"י, 1944, ב' VII, ז' 173.

<u>ארייַנקריכן ( ארייַננאַרן זיך ) צו יענעם אין בוזעם</u> - געווינען יענעמס צוטרוי, גוטע באַציונג.

<u>פֿון מויל צום ( אין ) בוזעם איז נענטער</u> - געזאָגט צו עמעצן וואָס שעלט; געמיינט אַז די קללה קומט גיכער אָן צו דעם שעלטער אַליין | <u>יישפּ</u>, XXV - 2, ז' 59 |.

<u>איבעריק ווי ביי הונט אַ בוזעם=קעשענע</u>.

<u>איך האָב אים (שוין ) אין בוזעם=קעשענע</u> - ער איז שוין מייַנער, אין מייַן רשות.

<u>טראָגן אַ פֿויערל אין בוזעם</u> - זייַן אין תוך, אינעווייניק אַ גראָבער נפש.

<u>איבעריק ווי ביי אַ דעוואָטקע דער בוזעם</u> - ( <u>איר</u> ) וועגן אַ גוטער (שיינער ) זאַך, וואָס איז ניט אויפֿן אָרט, פּאַסט זיך ניט.

<u>דער בעסטער גוטער פֿרייַנד איז דער אייגענער בוזעם</u> ( <u>שוו</u> ) - א ) דאָס בעסטע איז זיך צו פֿאַרלאָזן אויף זיך אַליין; ב) געמיינט די בוזעם=קעשענע, אויב מע האָט גענוג געלט.

ב ו ז ש אַ נ ע - די, =ס. ( <u>פּשמ</u> פֿאַרגרייזט פֿון רוסיש обезьяна), <u>פּפּ</u>: <u>בוזאַנע</u>, <u>פּקפּ</u> <u>בוזשאַנקע</u>.

"1893 ווי אַ פּויק איז ער |, אַ לבעראַלישער גביר | לייַדיק און לער// ער איז קיין מענטש, נאָר אַ <u>בוזשאַנע</u> און ניט מער". <u>אד"ם</u>, <u>דער שפּיגעל פֿיר אַללע</u>, וואַרשאַ, ז' 24.

" |...| צעשרייַט זיך משהקע פֿון גרויס אויפֿרעגונג; - אוי, אוי, קינדער, די 'בוזשאַנקע' איז טאַקע געקומען". <u>זש</u>, <u>דער ממזר</u>,.., ז' 275.

ב ו ז ש ד ע - די, =ס. ( <u>לאַקל</u>, <u>ווו?</u> ) "אַן אַלט אָרעם הייזל" | <u>קטוו</u> |.

ב ו ז ש ו ה אַ ס - <u>פּר</u> ( <u>קינדער=לשון</u>, <u>לאַקל</u>, <u>באַבעוו</u>,

פון מויל צום ( אין ) בוזעם איז נענטער – געזאגט
צו עמעצן וואס שעלט; געמיינט אז די קללה קומט
גיכער אן צו דעם שעלטער אליין | יישפ, XXV – 2, ז' 59 |.

איבעריק ווי ביי הונט א בוזעם=קעשענע.

איך האב אים (שוין ) אין בוזעם=קעשענע – ער איז שוין
מיינער, אין מיין רשות.

טראגן א פויערל אין בוזעם – זיין אין תוך, אינע-
וויייניק א גראבער נפש.

איבעריק ווי ביי א דעוואטקע דער בוזעם – ( איר )
וועגן א גוטער (שיינער ) זאך, וואס איז ניט אויפן
ארט, פאסט זיך ניט.

דער בעסטער גוטער פריינד איז דער אייגענער בוזעם
( שוו ) – א ) דאס בעסטע איז זיך צו פארלאזן אויף
זיך אליין; ב) געמיינט די בוזעם=קעשענע, אויב מע
האט געגנוג געלט.

(?נ?) ב ו ז ש א נ ע – די, =ס. ( פשמ פארגרייזט פון רוסישן
обезьяна), פפ: בוזאנע, פקפ בוזשאנקע. ווש פּר.
1893" ווי א פויק איז ער |, א לבעראלישער גביר | ליידיק און
לער// ער איז קיין מענטש, נאר א בוזשאנע און ניט
מער". אד"ם, דער שפיגעל פיר אללע, ווארשא, ז' 24.

1957 " |...| צעשרייט זיך משהקע פון גרויס אויפרעגונג;
– אוי, אוי, קינדער, די 'בוזשאנקע' איז טאקע געקומען".
זש, דער ממזר, ..., ז' 275.

(?נ?) ב ו ז ש ד ע – די, =ס. ( לאקל, ווו? ) "אן אלט
ארעם הייזל" | קטוו |.

(?נ?) ב ו ז ש ו ה א ס – פּר ( קינדער=לשון, לאקל, באבעוו,
גאליציע ) "בוזשו האס? – ווילסט עסן? איך מויל אריין!" |קטוו|.

באמ: אקצענט? איין ווארט?

ב ו ז ש י ק I - דער, =עס. ( פּטמ ) בושל, שטארק.

1935" דער פּעטער האט ארומגעשפּאנט מיט לאנגע בוזשיק= פּיס איבער דער שטוב". נאד, טעג פון מיינע טעג, נ"י, ז' 39.

1958" אויב די בוזשיקעס וועלן בלייבן דא איבערן ווינטער, וועט זיין א גערעטעניש אויף די פעלדער ". י. מעצקער, גאטס באשעפעניש, נ"י, ז' 178.

ב ו ז ש י ק II - דער, =ס. ←----- בודיאק.

ב ו ז ש ל - דער, =ען. ( רעג. גאליציע ) בושל, שטארק.

1937" ער האט אריינגענומען אונטער זיך מיין לעבן, ווי א בוזשל זיין נעסט". רק, רויטער מאן, ווארשע, ז' 16.

ב ו ז ש ל|ע ן ז י ך - אוטוו. ( לאקל, זשוראמין, לעבן מלאווע, פּוילן ) „הוידען זיך" | קטוו |.

ב ו ז ש ל ק ע - די, =ס. ( לאקל, זשוראמין לעבן מלאווע, פּוילן ) „הוידלקע" | קטוו |.

ב ו ז ש נ י צ ע - די, =ס. ( פּויל, נא ) שול צו דאווענען, בית=מדרש. < P: Bóżnica.

1867" |...| געמאכט איין אפשטעל מיט איינעם, וועלכער האט געזאלט ווערדען שמש, דאס ער זאל ביי מיין שוווער, אלס דאזאר בוזשניצע |טעקסט: בוזניצי|, נעמען די ערשטע חתימה ". ווארשויער יודישע צייטונג, נ' 23.

1959" פשא קעור! א זשידיוווסקי 'בורזשניצע' ( שול )
געמאכט דא אויפן פולווארעק, דער טייוול זאל זיי
נעמען!". פ. רודאי, צ' טאג, VI /14.

רעדט: פיפס איז דאָ ניט כשרהי: דאָס וואָרט באַדײט 'פּשע קריווי' איז א פּאָליאַק, באַדײט נישט 'זשידיוווסקי', נאָר 'זשידאָווסקי'

ב ו ר ז ש ע - די/דאס, =ס. ( פויל, נא ) ליפן פון א
אינד אדער מיידל | אין א צערטלעכן אדער שפאסיקן
טאן |. ?P: brzüer.

|..." אוי=וויי, רוזשעגויו,// גיב אהער דאס בורזשעניו!".
| פל |.

|| בורזשקעלע - דאס, =ך. דזוו דפוו, פקפ.
|..." ליאלקעלע מיינס |...| מאך שוין צו דאס אייגעלע
דיינס, // איך בורזשקעלע גיב מיר א קיש | קוש |".
פל.

?נ? ב ו ר ז ש ע נ י נ ע - די, =ס. " חזיר=פלייש ספעציעל
צוגעריכט" | קטוו |.

?נ? ב ו ח ן ו ב ו ד ק | בויכען אובוידעק | - דער, =ים.
| בוכענים או בוידקים | -(לל ) אויספרעגער,
אויספארשער, עקזאמענירער. % גאט איז א גוטער
בוחן ובודק. דעם פארברעכער האט געגומען אויפן
פארהער דער בוחן ובודק אליין, דער הויפט=פראקורור.

27 בוחן ובודק געגנדזענע סטרונעס - שפאסיק פארדרייט
פון "גנזי נסתרות" ( פון א פסוק אין א ראש=השנה=
תפילה ).

ב ו ח ן | בויכ(ע)ן | ז יי ן - טרוו. ( לל ) אויספארשן, עקזאמענירן, טיף ארײנדרינגען אין עפעס/עמעצן.

% יעדער מענטש דארף אליין בוחן זיין די אייגענע מעשים. אז מע קומט אויף יענער וועלט איז מען גוט בוחן די מצוות און עבירות.

" ער האט געקאנט בוחן זיין מיט זיין בליק דאס הארץ פון א מענטשן". [illegible], זש׳ גק, נ׳ 10, ז׳ 48. 1951

ב ו ח ן ל ב ב ו ת | בויכ(ע)ן לעוואוועס | - דער בא. ( לל ) דער וואס קאן ארײנדרינגען אין הארץ, נשמה פון מענטשן, וואס ווייסט אלץ וואס דער מענטש פילט און טראכט. | דער אויסדרוק, גענומען פון א ראש=השנה= תפילה, ווערט געניצט ס׳רוב ווען ס׳רעדט זיך וועגן גאט |.

% פארן רבונו=של=עולם קאן מען גארנישט באהאלטן, ער איז א בוחן לבבות. א פסיכאלאג איז אויך א שטיקל בוחן לבבות.

" גאט איז אבער א בוחן לבבות". ש. מיללער, א צוואה, זש׳ גק, נ׳ 17, ז׳ 175. 1953

" איך אן עת=צרה לויפן צו אים די פארכטיקע, וואס האבן מורא פאר שטראף, ער איז א בוחן לבבות". ש. איזבאן, זש׳ גק, נ׳ 32 - 63, ז׳ 207. 1968

|| בוחן=לבבותדיק - אדי/אדווא | קטוו |. פארשנדיק, דורכדרינגענדיק. % א בוחן=לבבותדיקער בליק. ער קוקט אויף אים בוחן=לבבותדיק.

בוחן לבבות זיין 4.

|1685?|" אונ׳ ווען ער האלט וואש אים הש"י צו שיקט דש מיגליך איז צו האלטן אזוי איז הש"ית (בוחן לבבות ) דער בריכט אלי הערצר". עפש, דרך הישר לעולם הבא, פפד"מ, מצ - 1.

" |...| דעך השם=יתברך איז בוחן לבבות |...| ער פרווווט אלע הערצער". דצוו, אויסג, 1704, ציט מווג I, ז' 268.

ב ו ח ר | בויכער | - דער, =ים | באָכרים |. (לל) ווײלער, דער מענטש וואס ווײלט (קלײבט) אויס, האט רעכט צו ווײלן (צום שטאַטאט, קהילה, כנסת אע).

ב ו ח ר | בויכער | זײַן - טרוו. (לל, עלט) אויסקלײַבן, % קהל האט אים בוחר געווען פאר א גבאי. מע דארף בוחר זײַן א נײַעם פרנס=חודש.

1832 " די תורה |...| איז געבין געוואָרן צו ששים רבוא ישראל צו אזוי א פאלק וואָס גאָט האָט זייא בוחר געוועזן פון אלי שבעים אומות". מחזור, 2, דף קנב/א.

1867. " אונדזער רעדאַקציע |...| גייט זיך גלייך איר וועג, וואס זי האט בוחר געווען לטובת הכלל". ראַבינאַוויטש, פער 177, ז' 175 - III.

1902. " איך האב געהערט א מאל |רעדן| א היגן מאכער |...| וואס קהל האָט אים בוחר געוועזן, ער זאל זײַן דער דברך מיט א שררה עפעס |...|". לעווינזאהן, 36,1.

1957 " דער גרויסער מגיד נ"ע |האט| אים בוחר געווען, אז ער זאל זײַן דער מחבר |...|, לדב, דף פ"ג.

1725 " בכן האביך קפו"מ בוחר געוועזן שני אנשים נכבדים זאל מסבב זײַן מבית לבית איטליכר ב"ב זאל געבין לפי נדבת לבו". פנקס אה"ו, ציט ייווא=בלעטער XXXIII, ז' 118.

ב ו ט I - דער, =ן. 1. כלי פון האלץ, ענלעך צו א פאס, אן אן אייבערשטן דעקל. % א פולער בוט מיט וואסער.

[illegible]

2. (גארבערײַ) "א פאס ארײַנצולייגן די פעלן" | קטוו |.

ב ו ט II - דער, =ן. ( זאאל ) פיש | אנדערש פלאנצערקע, קאמבאַלע | סטוטש 247 |.

Engl.: flounder

בוט III - דער, ־ן. בנה.ב שוק?

|...| "מיט א דרייסיק יאר צוריק האט מען ( אין ווילנע ) געזונגען אזא ליד: 'ווער איז דער חתן? // ברודער נתן// ווער איז די כלה?// שוועסטער מאַלע.// ווער איז דער מחותן?// איצע מיט די בוטן'" | קטוו, מוו |.

ניט מיכוח מיט אלוועטייטש, גערעדט "בוטן" פונם פעטאַלשיק

קוקן ווי א בוט פון ווערסטל=קעשענע - קוקן ווי א גולם, תמעוואטע. [illegible]

ב ו ט IV - דער, בא. מין שטיין אויף בוי=מאטעריאלן. [illegible] % דעם פונדאמענט פון בנין האט מען אויסגעלייגט פון בוט. [illegible]

ב ו ט אַ ב י ---> בודטאבי | קטוו |.

ב ו ט אַ ד י ע ן - דער, בא. ( כעמיע ) אומגעזעטיקטער קוילן=וואסערשטאף, א גאז וואס באקומט זיך ביים פראצעסירן שטיינקוילן, געפינט זיך אין לייכטגאז און סמאלע, מע באקומט אים אויך קינסטלעך, דינט ווי דער רוישטאף פאר אויסארבעטונג פון סינטעטישן קאוטשוק.

ב ו ט אַ ן - דער, בא. ( כעמיע ) גאזפארמיקער קוילן= וואסערשטאף פון דער פאראפין=ריי, געפינט זיך אין פעטראל, דינט פאר באהייצונג.

ב ו ט אַ ן - דער, =ען. 1. די אנהייב=פארבינדונג פון בלאט, צווייגל אדער בלום ביי א פלאנץ; קנאָספּ.

% אַט זיינען געווען נאך גרינע בוטאַנען און איבער נאכט האבן זיי זיך צעוויקלט אין העלע קאלירטע בלומען. פון יעדער בוטאַן וועט זיך צעוואקסן א ניי צווייגעלע.

1922" דאס בעכערל פארדעקט די בלום פון אלע זייטן, ווען זי איז נאך אין בוטאַן, ביז זי אנט-וויקלט זיך". א. גאלאמב איבז, פון ג. באטש, געוויקסן I, ווארשע, ז' 18.

2. ( רעג, רומעניע ? )״ קנאָפּ, קנעפל״ | קטוו |.

3. ( לעג. פראנקרייך ) אויסשיט | יידן אין פראנקרייך, יובל II, 1942, ז' 196 |.

|| = טשיק - דער, =עס. קליינער בוטאַן ב1.

1890" ציפורה איז געווען אן אמתע בלומען=קנאספע, א בוטאַנטשיק, וואס הייבט זיך אן צו עפענען ביי זונען=אויפגאנג." ייפאל, נ' 6, ביילאגע. ז' 5.

ב ו ט אַ נ י א - | די? מצ? |. ( מעד ) קרייטעכץ געניצט צו היילן מאגן=קראנקהייט.

1728" נעם איין האנט פול ( בוטאַניא בלעטיר ) קאך זיא ~~אבער שליש=אייך=דדדד~~.אין איין האלבי מאס אלטן וויין אונ' לאז איין שליש אין זידן. דען טוא אניין אנדר האלב לויט בוטאַניא זאפט אונ' זאל אפט איין גלעזליין דא פון טרינקין". סור, שער אפרים II פיורדא, תפ"ח, כד - ב - I.

ב ו ט א נ י ע - דער, |=ס?|. ( רעג, פראנקרייך ) לעכער=שליפער ביי שניידערי. | יידן אין פראנקרייך, ייבל!!, 1942, ז' 197 .| (?נ?)

ב ו ט א נ י ע ר ק ע - די, =ס. קליין בוקעטל בלומען, אריינגעטאן אין שלייפל לאך ( קנאפלעכל ) פון בגד אדער צוגעשפיליעט צו אים. % די בוטאניערקע מיט רויזן ביים אויסשניט פון קלייד האט איר צוגעגעבן א סך פרישקייט. ער קומט קיין מאל נישט אן א בוטאניערקע אין זיין לאץ.

ב ו ט א פ א ר ( יע ) - די, =ן/=ס. ס'רוב געניצט אין מערצאל. 1. ( טעאטער ) די זאכן, וואס מע דארף אויף דער בינע בעת דער פארשטאלונג, ווי מעבל, בלים אע ( חוץ דעקאראציעס און קאסטיומען.) אויך רעקוויזיט. % רייכע בוטאפאריע. פארן עפענען דעם פארהאנג דארף מען קאנטראלירן צי אלע בוטאפאריעס זיינען דא. די נייטיקע בוטאפאריע האט מען טאקע צונויפגעשלעפט, דערפאר איז א האלב שטעטל געזעסן אין יידישן טעאטער אן בילעטן.

1934" עס האט קיין דריי שעה ניט געדויערט, זיינען די קאסטיומען, די בוטאפאריעס |...| געווען פארטיק". מ. ארענסקי, איבער באריען, קיעוו, ז' 13.

2. ( פיג ) זאכן ניט אמתע, וואס דינען נאר צו ווייזן ווי א מוסטער. אדער צו רעקלאמע. % די פרוכטן אין שויפענצטער זיינען נאר בוטאפארן, אבער שיין געמאכט. ס'איז ניט קיין פערל, וואס די דאמע טראגט, נאר בוטאפאריע.

42 זוג אד

(?נ?) ב ו ט א ק א ן - דער, =עס. ( שפאניזם, נאָ ).

1. א גרויסע שטול, א פֿאָטעל.

1961" איינע פון די חברטעס וואַרפט א בליק אויפן גרויסן בוטאקאן און נעמט די צייטונג אין דער האַנט אריין.

א. דובעלמאַן, זש' אמעריקאַנער, XI/1.

2. ארט אין פּאַרטער אין א טעאַטער=זאַל.

(?נ?) ב ו ט ב ל ע ק - דער, =ן. ( אַמ, נאַ ) שטיוולפּוצער.

(?נ?) ב ו ט ט ע ר = וו ע ק ק ל ע - דאָס, =ך. ( דטשמ, ארב ).

1. א שטיק פּוטער, אין דער פאָרמע פון א קליין אַדער מיט צוויי שפּיצן אין די עקן.

2. א געבעקס אין דער פאָרמע פון א קליין.

1828" אסתרלע שוויג! דוא מאַכסט מיך זוי וואַך שונסט, וויא א בוטטערוועקקלע". יוסף הערץ, אסתר אָדער דיא בעלאָהנטע טוגענד, פּיורדא, תקפ"ח, ז' 29.

(?נ?) ב ו ט י ל - דער, =ן | וויינכער ל |. ( רוסיצ, נאַ ) גרויסע פלאַש. % דער וויין איז געווען אין א גרויסן בוטיל ארומגעפלאָכטן מיט שטרוי. [illegible]

ב ו ט י ל ע ן - דער, נאַ. ( בעמיע ) גאַזפּאַרמיקער קוילן=וואַסערשטאָף פון דער אַלעפין=ריי, האָט 2 אַטאָמען וואַסערשטאָף ווינציקער פון בוטאַן, געפינט זיך אין לויכטגאַז.

(?נ?) ב ו ט י ל ק ע - די, =ס. 1. ( רוסיצ, נא )פלאש. | סטוטש 263 |.

2. במ. א מין שטיוול מיט כאליעוועס וואס זיינען ענלעך צו פלעשער; שטולפן=שטיוול. | סטוטש 527 |.

1938" "בוטילקעס" ( בוטלעך ) הייסן אזעלכע שטיוול". זש, נח פאנדרע, וואַרשע, ז' 103.

[בוטיל?]

(?נ?) ב ט י ב אַ - | דאס? די? אקצענט? |, בא.( ארב, מעד) הייל=קרייטעכץ, מיטל צום ברעכן.

1914" זאל ער נעמען גראז וואס עס הייסט באטנא בוטינע
~~[illegible]~~ און זאל נעמען דריי מאל אזוי פיל האניק ווי דאס גראז און זאל דאס אויפקאכן און דער קראנקער זאל דאס טרינקען|...| פרי און ביי נאכט". דער מלאך רפאל |...|, פשעמישל, ז' 32.

(?נ?) ב ו ט י ב י ע - די, =עס. ( רעג,רומעניע ) דער פלאץ אין א וואלד, ווו מע האקט אויס די ביימער.

(?נ?) ב ו ט י ע ם - ←----- בודטא(בי) | קטור |.

ב ו ט י́ ק - דער, =(ע)ס. [FR: boutique] קליין קרעמל, געוועלבל ( לעצטנס ווערט דאס ווארט גענוצט פאר א קראם, ניט קיין גרויסע אבער מיט געקליבענע ארטיקלען פון דער לעצטער מאדע פאר דאמען ( קליידער, טאשן אע.). % אין דעם בוטיק קריגט מען טאקע שיינע זאכן אבער פאר געזאלצענע פרייזן.

1944" |...| פון ביידע זייטן מיט כלערליי "בוטיקס", ווייגשענקלעך און גאלאנטעריי=טישלעך". זש, קיסר און רבי, נ"י, ז' 241.

1970" פארלייגן א "בוטיק", א געוועלבל הייסט עס, |...| און אזוי זיך איינהיימישן אין פראנקרייך |...|". ב. דעמבלין, פאר, V/24.

בוטל - דער, =ען | ווייכער ל |. פפ: בוטליע - די, =ס. פקפ: בוטלקע, בוטעלע. 1. גרויסע פלאש, אונטן ברייט און רונדיק, דאס העלדזל שמאל און קורץ. % א בוטל מעד. אין קעלער שטייען עטלעכע בוטליעס מיט אלטן וויין.

UK: Бутель/бутля
P: Butel/butla

| פל |" אייך בוטל ביר, צוויי בוטל ביר,// דריי בוטל- בוטל ביר!". פל.

1871" די זאפרען אויף וועלכע די פארפל ווארן פארקנאטן ווארן אויפגעלייזט ( צעפירט ) אין א בוטלקע וואס דארטן ווער הייוון |...|". אמד, דיא גייסטער געשיכטען, ווילנא, ז' 8.

| 1886 |" אז עס קומט צו איינעם אן אנגעלייגטער גאסט, שיקן אים |...| זיינע |...| פריינד שבת צום טיש א בוטל וויין". שע, יאסעלע סאלאוויי, ציט ארטשער, ווארשע 1925, 83. אלע ווערק, נ"י 1944, ב' III ב, ז' 83

1898" ווען איינער זעט דאס ראובן קאן זיך שוין פארגינען א שטיקל פוטער צום ברויט אדער א בוטעלע אוושאנע ביר, נו איז ער שוין פארברייט | גרייט | צו גיין צום ווירט |...|". א. מארגענשטערן, עגל הזהב. ווארשא, ז' 51.

1923" ווער עס איז פארנומען מיט איינקויפן האלץ, |...| ווער מיט אויפקויפן איבער די דערפער ברוכווארג, בוטליעס, פלעשער |...| - נאר צום אבתדיקן טיש

קומען זיי צום שווער". י. מאסטבוים, פאניטשעק,
ציט אנט, ז' 387.

1927" אראפגענומען פון שאפע דעם בייכיקן בוטל מיט
וויינשלזאפט און אנגעגאסן אין פסחדיקע כוסות".
ייִז, שטאל און אייזן, ווארשע, ז' 29.

1952" און וואס שייך גלאזווארג האט מען געקענט [illegible]
|...| א גרויסן סלאי |...| א בוטל, א גרויסע פלאש
און גאר א גרויסע פלאש - א בוטליע ". ש. הורוויץ,
אין מיין מאמעס קיך, יישפ XII, 4, ז' 117.

1972" אויף א דעמבענעם טיש |...| שטייט א גרינלעכע
בוטליע, קורץ און ברייט, וואס שמעקט מיט שבע=ברכות
און מחותנתטעס ". מ. גראס=צימערמאן, זש' פאש,
VI/1.

2. ( טעכט ) מעטאלענע כלי צו האלטן גאזן, שיטעוודיקע
זאכן א"א.

1956" אויף א ספירטאוועקע אין א בוטעלע פון כראם //
זיך דורכגעזאטן האבן סקאלפעלס און פינצעטן".
פמ, מלחמה II, נ"י, ז' 550.

1962" ניט געווען א סך צו פארקויפן. א האלב זעקל מעל,
אן אנגעהויבענער בוטל גאז, א ביסל אויסגעטריקנטע
טאראנקעס |...| אויס קראם". ש. מילער, יזכ ס' זווהיל,
ת"א, ז' 156.

0 בוטלפארביק - אדי. גרינלעך, ווי דער קאליר פון
א בוטל.

1924" הארבסט, טריבע, סומנע טעג. שיטערע, בוטל=פארביקע
בלאָטעס". ב. ארשאנסקי, אף כוואליעס, מאסקווע,
ז' 58.

ם ביטוילא/בוטעל

------> 1.

|1508?| " בצפחת - רש"י: ביטוילא בלע"ז". רייכלין 8.
מלחים א, יז - יב.

1795" דער נאך נעם אפ פון דעם איין קווארט אונ גיס אריין אין איין בוטעל אונ שטעל זיא אין דער ווארעם ניט זייער". איין ביכל וואש דרינן גפינט זיך זאכין טשיקאווי, שקלאוו, תקנ"א.

ב ו ט ל י ע - -----> בוטל.

ב ו ט ל ע ג - דער, בא. (אמ) שמוגל, קאנטראבאנדע.
| דער אויסדרוק און די אפשטאמיקע בוטלעגער, =יי זיינען געווען ספעציעל פארשפרייט אין די פאר'שטאטן בעת דעם אלקאהאל=פארבאט אין די 20=ער יארן|.

1936" דער איצטיקער ריין יידישער ס"=געיט=רעזשים איז ניט אזוי שטרענג, ווי אין די גוטע בוטלעג=יארן".
נאד, פאלעמיק, נ"י, ז' 162.

||=ער - דער, =ס. (אמ) שמוגלער, קאנטראבאנדיסט.

1935" אזא מסחר גאר? געוואלד, מאטל, א בוטלעגער ביסטו גאר געווארן?". ר. ראסקין, מאטלס צייטן, נ"י, ז' 26.

= עריי - די, בא. דאס פארנעמען זיך מיט שמוגל, קאנטראבאנדע, מיט שווארצן.

1930" די בוטלעגעריי איז דארט דאס אלטעגלעכע ברויט".
דא, פון בערלין |...|,ווארשע, ז' 243.

ב ו ט ל ע ו ו ע ן - אוטוו. ארייגגיסן אין בוטלען, פלעשער.

ב ו ט ס ן - מצ. 1. ספעציעלע שיך פאר פוטבאל=שפילערס, האבן הארטע, נעזער און איבערגעלייגטע פאסיקלעך גומע אויף די זוילן וואס איז א שוצמיטל קעגן אויס-גליטשן זיך.

2. שווערע זעלנערישע שיך, טייל מאל באשמידטע מיט טשוועקעס=קעפלעך אויף די זוילן.

1924" |...| דאס שוואכינקע סאלדאטל אין די בלאע פראנצויזישע אומוויקעלעך ארום די פיס און גרויסע בוטסן". (מ. ליפשיץ, איבזיך, פון ווס. איוואנאוו, פאנצערצוג, 69 - 14, מאסקווע, ז' 8.

באמ: אפשר אויסלייגן בוצן ?

ב ו ט ע - פארט. ( רוסיצ, נא ) דזוו בודטא=בי (<--).

1895" ימח שמם |...| די בארלינער וואס זאגן אז ברוך טאלנער האט אונדזער שליאמקען בוטע געכאפט מוצאי יום=כיפור מיט זיין ווייב און האט אים אפגעשלאגן די לונג=און=לעבער". ייל, דאס פוילישע יונגל, אדעס, ז' 146.

ב ו ט ע ל ק ע I - די, =ס. | ווייכער ל. ] אין די ציטאטן, חוץ דעם לעצטן איז ניט אנגעגעבן דער אקצענט, קאנען זיי זיך באציען צו צוויי באטייטן:

1) בוט(ע)לקע - פקפ פון בוטל(יע) ( <-- ).

2) בוטעלקע - קליינע פלאש , פלעשל.

[181.9?] " אין דער היים האט ער גיהייסין דעם ארענדאר זיינים ער זאל איהם אין קעליר דען ווייך אב ציהן אין בוטעלקיס אריין". י. פערל, מגלה טמירין, ציט, יידישע כתבים, ווילנע, 1935, ז׳ 50.

1863" אלע בוטעלקעס וויין פון דער אבטשעסטווע |קהל| |...|, זענען פארחתמעט מיט זייער חותם ". קמ, נ׳ 38, מודעות.

1885" ער האט געצאלט צען רובל פאר א געשמאקן מאלצייט, צען רובל פאר א בוטעלקעלע שאמפאניער". ייפאל, נ׳ 39, ז׳ 595.

1866" גאלדעלע נעמט עטלעכע בוטעלקעס וויין פון ר׳ ראובעלעס וועגן אנצוגרייטן". |אנאניס?|, ר׳ חיימל דער קצין, 2 אקט, אדעס, ז׳ 41.

1887 " זיי האבן געהאלטן אזא מין זאך ווי א פלעשל, א בוטעלקע, וואס יעדער באזונדער האט זיך אנגעבויגן צו זיך אין מויל אריין ". שע, סענדער בלאנק.
63, אויסג. אלר׳ וועדף, נ״י, 1944, ב׳ II ג, ז׳...

1950" בוטעלע, פוסבויטעלע, פוסבוטעלקע – א פלעשל, א האלב פלעשל בראנפן ". מ. מארק, יישפ X – I, ז׳ 20.

באמ: אפשר בכלל ניט געבן ווי א באזונדער זוכווארט?

< P: pętelka

ב ו ט ע ל ק ע II – די, =ס. |ווייכער ל| (ק׳נ?)

פפ: ביטעלקע, פּעטעלקע. שלייפל אדער לעכל אריינצוטאן א קנעפל | ס׳רוב ווען די בוטעלקע איז געמאכט פון א סטענגע, שטריקונג און טעסמע ניט אויסגעשניטן אין בגד |. % דאס קנעפל איז צו גרויס פאר דער בוטעלקע. די קנעפ פון דעם קאפטאן זיינען פארשפיליעט אויף שיינע זיידענע בוטעלקעס.

באמ: נייטיק צו געבן א באזונדערע פאזיציע? ס׳איז פאקטיש א פארגרייזטע פארמע,

ב ו ט ע ר ב ר אָ ד - דאס/דער, =ן. פּפֿ בוטערברויט, ברויטשניט,

( דטשמ, נא ) פוטערברויט, סענדוויטש, קאנאפּקע. (?נ?)

ב ו ט ע ר ב ר ו י ט - ----> בוטערבראָד. (?נ?)

ב ו ט ע ר ש נ י ט - דער, =ן ---> בוטערבראָד. (?נ?)

ב ו ט פּ ו ז - | דער? |, =ן. ( מוליאַרי ) א ניט פאַרגלייכט אָרט ( לאָך אָדער בערגל ) אין דער אייבער- פלאַך פון א וואַנט, סופּיט אַע. ?נ?

1932" ווו ניט ווו שטייט נאָך א מוליער מיט א הרעבאַקל אין האַנט און פאַרגלעט א בוטפּוזיקל". מ. עכטיאר, אפּנ דאַנבאַס, זש' שטערן, מינסק, נ' 3, ז' 5.

ב ו ט ק ע - די, =עס. ---> בודע, ב 2. (?נ?)

ב ו ט ש - דער, =ן. פּפֿ בוטשע. נעץ צו כאַפּן פיש, געמאַכט פון געפלאָכטענע ריטלעך.

1920" דו שמוליע, דער טייכמענטש, ניטא אויף דער וועלט אזא גלייכן!// באַשטענדיק דעם בוטש אויף די פּלייצעס, באַשטענדיק א נאַסער". שורמאַן, מק, רייזן, ווילנע, ז' 61.

(נ?) ב ו ט ש א ַ ז ש - דער, =עס | סטוטש 527 |, (פויל, נא)
שטיוול=מאכער, לאטוטניק.

144 251/13

ב'ו ט ש א ן - דער, מצ בוטשאַנען/=עס. דזוו באַטשאַן/ באַציאַן. איבערפלי=פויגל פון דער משפחה בראדזיענדיקע (ווסנ Ciconia), האט א לאנגן האלדז מיט א גרויסן שנאבל, הויכע רויטלעכע פיס מיט פינגער וואס זייגען צווישן זיך פאראייניקט מיט הייטלעך, שפייזט זיך מיט פיש, זשאבעס אע. % דער בוטשאַן האט זיך געמאכט א נעסט אויפן דאך. בוטשאנען בראדזיען איבערן זומפּ. שוין הארבסט - די בוטשאנעס פליען שוין אוועק.

1960" דער בוטשאַן און דער קראניק, דער פארביקער אייז פויגל |...| וואס טראגן זיך אויף זייערע פלי=רייזעס קיין דרום". י. וואלאך, טמז, IX/9.

1927" און איבער איר |...| א מחנה בוטשאַנען // שאטנט אוועק אויף צויק // אין די אורערשטע וועלדער". סוצ, פּוו I, 1963, ת"א, ז' 85.

1971" האט א מאל זיך צוגעקוקט, ווי א בוטשאַן כאפּט א היפּשן פיש |...|". חג, טמז, III/12.

|| בוטשאניכע - די, =ס. די זי פון בוטשאן.

L7 בוטשאַן, בוטשאַן, דיין שטוב (שטיבעלע) ברענט - אזוי האבן קינדער גערופן צו די בוטשאנעס, ווען זיי פלעגן אוועקפליען פון זייער נעסט, גלייבנדיק אז אזוי ארום וועלן די בוטשאנעס זיך אומקערן צוריק.

ב ו ט ש אַ ק | בוֹטשאַק? | - דער, =עס. ( לאקל, ריגע )

"ברעג פון א ברויט, חלה" | קטוו |.

?נ? ב ו ט ש אָ ר - דער, מצ בוטשארעס. P: bucior

גרויסער שטיוול, שטיוואלע.

" און דער בעקער, דער כאמולע, איז געשטאנען מיט 1964

א פאר פארמעליקטע בוטשארעס |...| און געפינטלט

מיט די אויגן פאר פחד". א. קארפינאוויטש,

זש' גק, נ' 48, ז' 105.

?נ? ב ו ט ש ו - | דער?, =ס? |. ( ק"ל ) שוך. | יישפּ,

VIII - 3 - 4, ז' 74 |.

ב ו ט ש יִ ק ע - ---> באטשייקע.

ב ו ט ש י ם - פארט. פּפּ (גאליציע ) בוצים. אויף

קאטאוועס, ניט אויף אן אמת, כלומרשט."שרעק זיך

נישט, זיי שיסן נישט צו הרגענען, זיי מאַכן דאס

נאר בוטשים, אַן אנשטעל" | קטוו |.

ב ו ט ש י ב ע - די, בא. האלץ פון בוק ( בוקסבוים),

וואס איז זייער שטארק.

1929" יעדער סטאלער קאן אים | דעם קלאמער | פאר זיך

מאכן פון גראַב, בוטשינע ( בוק ), יאוואר ( קליאן )

אדער פון אן אנדער שטארק האלץ". י. מ. בערמאן,

מעבל=ארבעט, ווארשע, ז' 21 - 22.

ב ו ט ש ע - די, =ס. דזוו בוטש.

ב ו ט ש ע ר - דער, =ס. ( אמ ) . 1. קצב, יאטקעמאן, דער וואס פארנעמט זיך מיט פארקויפן פלייש.

"1966.. פון וואנען זשע נעמט זיך דאס ווארט 'בוטשער' און פאר וואס איז בוטשער א קצב?". שע, מאטל!!!, 134 עמ' 1937 ,יי' אוליס 613

"1928 ס'פאסט איך צו זיין א 'בוטשער', נישט קיין סעקרעטאר אין א שול". אפא,!!!, ז' 224.

"1939 פארבעטן האלב שטאט:// דעם בוטשער, // דעם בעקער// און דעם גראסערי=מאן נישט איסגעלאזט". א. שומיאטשער, אלע טאג, נ"י, ז' 128.

"1961 זיין דריטער אפשטעל איז געווען ביי פינקלען דעם יידישן בוטשער פונעם שטעטל". הרב העפטערמאן, פאר, XI/ 26.

2. ( ביטול ) א פארטאטש, א שלעכטער בעל=מלאכה | קטוו |.

(?נ?) 0 בוטשער=יוניאן - ( אמ ) די, =ס. ( אמ ) פראפעסיאנעלער פאראיין, סינדיקאט פון די קצבים.

(?נ?) בוטשערסטאר - די, =ס. יאטקע, קראם פון פלייש.

(?נ?) בוטשערשאפ - ( אמ ) דער, =ס. דזוו דפוו.

ב ו ט ש ע ר ן - טרוו. ( אמ, נא ) שעכטן, קוילן א בהמה, אן עוף | סטוטש 259,244 |.

ב ו ט ש ק ע פ ע ל ע ! - פר, פפ בוץ קעפעלע! (ווייכער צ אויסרוף אין שפיל מיט קליינע קינדער: די מאמע בייגט צו דעם קאפ צו קינדס קעפעלע, טוט א לייכטן קלאפ און זאגט בוטש=קעפעלע!". אויך "בוטש" אליין.

?נ?

ב ו י – דער, =עס. א שווימסיגנאל אויפן וואסער, ווייזט אן די מעגלעכקייט דורצופארן פאר א שיף, זעט אויס ווי א קליינע קאנוספארמיקע כלי, מיטן שפיץ אויף. % דער רויטער בויביים ברעג האט געוויזן, אז דארט ליגט נאך א מינע.

ב ו י I – דער. 1. אקט אדער רעזולטאט פון <u>בויען</u>, <u>בבו2,1</u>; בויונג, דאס <u>בויען</u>. % <u>דער בוי</u> פון א וווינונג קאסט איצט טייער. <u>דער בוי</u> פון דעם יידישן מוזעום האט געדויערט עטלעכע יאר. מע פירט צעמענט און זאמד פאר דעם <u>נייעם בוי</u>. ביי דעם <u>בוי</u> פון בריק ארבעטן א סך מענטשן.

1905" פלוצלונג איז דער גאנצער <u>בוי</u> מיט זיינע פלענער מיט איין מאל געשטירצט | אומגעווארפן |". <u>י. מ. באדער</u>, <u>צביה פון אדעסא</u>, לעמבערג.

1957" גאנצע טעג פלעגט אפרים איצט אפזיצן אויף ברייטע קלעצער, וועלכע ס'האט געבראכט צו דער <u>בוי</u> פון א נייעם הויז דער שכן". <u>ר. ה. קארן</u>, <u>ניין דערציילונגען</u>, מאנטרעאל, ז' 97.

1968" אטוואצקער חלוצים האבן אנטייל גענומען אויף אלע געביטן פון <u>בוי</u> און קאמף פאר מדינת=ישראל". <u>יזב אטוואצק</u>, ת"א, ז' 237.

2. דער צונויפשטעל און די קעגנזייטיקע פארבינדונג פון די באשטאנדטיילן אין א געוויסער זאך; געבוי, סטרוקטור. % דער <u>בוי</u> פון אטאם. דער <u>בוי</u> פון מענטשלעכן קערפער איז זייער קאמפליצירט. מע וויל ענדערן דעם <u>בוי</u> פון פאר געזעלשאפט. קריסטאלישער <u>בוי</u>, פראפארציא-נעלער <u>בוי</u>. דער <u>בוי</u> פון זאץ איז ניט קיין לאגישער, נאר אן אקצענטירטער.

~~1919" דאס גאנצע געבענטשטע שאפן פון ארבעטער פאלק, דער גאנצער בוי~~

1919 " דאס גאנצע גייסטיקע שאפן פון אונדזער פאלק, דער גאנצער בוי פון זיין לעבן האט געהאט נאר איין אויסקוק און זינען: ווי אזוי ארומצוצירינגלען זיך מיט אן אייגענער נאציאנאלער אטמאספערע". זשיט, X, נ"י, ז׳ 15.

1923" דער היינטיקער פיזיקער פארנעמט זיך מיטן בוי און גרייס פון אטאם, מיט די איינצלהייטן פון מאלעקולארע באוועגונגען". ק. גוטנבוים, ספעציעלע און אלגעמיינע רעלאטיוויטעט=טעאריע, ווארשע, ז׳ 5.

1932" |...| אלע שטאמען זיי | די געוויקסן | פון איין אורפארעם, אלע האבן זיי איין און דעם זעלבן בוי". ~~ש~~, פגעז, נ׳ 7, ווילנע.

~~1941 " זעט דעם בוי פון דעם מזבח פון יהוה, וואס אונדזערע עלטערן האבן געמאכט". תי, יהושע, כב - 28.~~

1951" אינעם בוי פון דער נאציאאלער אויטאנאמיע האט דעם ערשטן פלאץ פארנומען די שולנעץ". י. בערגער, זב ליטע I, נ"י, ז׳ 226.

0 בוי=אונטערנעמונג - די, ען. געזעלשאפט, קאמפאניע, וואס פארנעמט זיך מיט בויען בנינים, וועגן אע.

בוי=אונטערנעמער - דער, =ס. דער וואס נעמט אן די גאנצע ארבעט אויפצושטעלן א בנין אדער אן אנדער בויארבעט; פאדריאדטשיק.

1934" אן אינזשינער פלאנט דאס הויז, און דער בוי=אונטערנעמער מיט די איבריקע בעלי=מלאכות בויען עס אויף". מ. קאפפלער, תורה און יודענטום, סיגעט, תרצ"ה.

בוי=אינדוסטריע - די =ס.

789 1961" ס'איז שוין באלד אוממעגלעך אנצוגיין מיט דער בוי=אינדוסטריע, אויב מען איז נישט גרייט צו געבן אונטערקויף=געלט דעם און יענעם באאמטן". קראנץ, טמז, VI/ 30.

בויאפפאל - דער, =ן. רעשטלעך פון די בוי=מאטעריאלן, (האלץ, אייזן א"ע) אויך דאס מיסט וואס בלייבט נאכן בויען.

790 1939" די קרעמל-ארבעטער און אנגעשטעלטע האבן אפגע-רייניקט דעם דראגונער=פלאץ פון ברעטער, שפענער און בויאפפאל". פמ, זב X דאס געזאנג פון די פעלקער, מאסקווע, ז' 32.

בויארבעט - די, =ן.

792 1947" אין 1927 האט זיך אנגעהויבן א קריזיס אין לאנד. די בויארבעט האט זיך אפגעשטעלט און א סך עולים באזונדער דער פארמעגלעכער עלעמענט האבן אנגעהויבן צוריקפארן קיין פוילן". ב. יעלין, יזכ טשענסטאכאווער יידן, נ"י, ז' 345.

בוי=ארבעטער - דער, =ס. בוי=ארבעטערין - די,=ס.

794 1966" הגם די יידישע בוי=ארבעטער האבן געבויט אין פלענער, איז זייער ארבעט געווען די סאלידסטע און בעסטע". א. אלפערט, יזכ א |...| שטשוטשין, ת"א, ז' 228.

בויארט - דער, בא. (מגבס) אופן פון בויען, בויסטיל.

1865" דער הויפטאלטאר, וואס איז זייער אלט און באדעקט מיט פארצירונגען, איז געמאכט אין גאטישן בויארט |...|". קמ, נ'5. ז' 75.

בויבראך - דער, בא. פפ: בויברוך. דזוו בויאפפאל.

" |...| די טראטוארן פארוואלגערט מיט בויברוך". 1974

אקרוטני, די קראם, ז׳ 10; ה"ל, 799

בויהאלץ - דאס, בא.

1928" באקומען פון דער דירעקציע פון די מלוכה=וועלדער

400 פ- מ בויהאלץ". טאז=ידיעות, ווארשע V. 10. 807

בויוואנט - די, מצ בויוועגט, רושטאוואניע.

" ווען בעלי=מלאכות ארבייטן אויף דעם שפיץ פון א בוים

אדער אויפן שפיץ פון א בויוואנט, א רעשטאוואניע,

מעגן זיי זאגן קריאת שמע". פיעט, ברכות ב׳, ד.

בויווארגער - דער =ס. בויארבעטער, מויערער.

| סטוטש 113 |.

בויליט - די, מצ. דזוו בוי=ארבעטער.

1868" זיי | די פאלאשן | זענען קאוואליעס, וועבער,

טעפער בויליט און דעסגלייכן". קמ, נ׳ 48. I - 358.

בויליטער - דער, =ס. אנפירער פון דער בויארבעט.

1973" די אנטיסעמיטישע בויליטערס האבן אונדז ניט

דערלאזט טאן וויכטיקע בויארבעט". ד. פרישבערג,

פינצטערניש אויף דער ערד, ת"א, ז׳ 428.

בוי=מאטעריאל - דער, =ן.

1965" האט איבערגעצאלט פארן פלאץ פון יידישן צענטער

פאר בוי=מאטעריאלן". באש, פאר, X. 29.

בויסטיל - דער, =ן.

1948" פרעגט זיך: טא ווו און ווען האט זיך פארט

געקענט אויסדריקן די יידישע ארכיטעקטאניק אדער

בויסטיל". ח. גארבער, גראדנער אפקלאנגען,

נ׳2, ב"א, ז׳ 4.

בויפלאן - דער, מצ. בויפלענער.

1973" ...

בויהאלץ - דאס, בא.

1928" באקומען פון דער דירעקציע פון די מלוכה=וועלדער 400 פ-מ בויהאלץ". טאז=ידיעות, ווארשע VI. 10. 807

בויוואנט - די, מצ בויוועגט, רושטאוואניע.

" ווען בעלי=מלאכות ארבייטן אויף דעם שפיץ פון א בוים אדער אויפן שפיץ פון א בויוואנט, א רעשטאוואניע, מעגן זיי זאגן קריאת שמע". פיעט, ברכות ב׳, ד.

בויווארגער - דער =ס. בויארבעטער, מויערער.

| סטוטש 113 |.

בוילייט - די, מצ. דזוו בוי=ארבעטער.

1868" זיי | די פאלאשן | זענען קאוואליעס, וועבער, טעפער בוילייט און דעסגלייכן". קמ, נ׳ 48. I - 358.

בויליטער - דער, =ס. (אנפירער) אנפירער פון דער בויארבעט.

1973" די אנטיסעמיטישע בויליטערס האבן אונדז ניט דערלאזט טאן וויכטיקע בויארבעט". ד. פרישבערג, פינצטערניש אויף דער ערד, ת"א, ז׳ 428.

בוי=מאטעריאל - דער, =ן.

1965" האט איבערגעצאלט פארן פלאץ פון יידישן צענטער פאר בוי=מאטעריאלן". באש, פאר, X. 29.

בויסטיל - דער, =ן.

1948" פרעגט זיך: טא ווו און ווען האט זיך פארט געקענט אויסדריקן די יידישע ארכיטעקטאניק אדער בויסטיל". ח. גארבער, גראדנער אפקלאנגען, נ׳2, ב"א, ז׳ 4.

בויפלאן - דער, מצ. בויפלענער.

1973" מען האט געבויט הייזער אין געהיים ביי נאכט, הינטער הויכע פלויטן, אן א בויפלאן און אן טעכנישער אויפזיכט". ברוקנער, מ׳ סוסנוביץ, ת"א, ז׳ 130.

בויפלאץ - דער, מצ - בויפלעצער.

בויציגל - דער, מצ דז.

1968" די דאזיקע מעשיות זענען בעצם עובדות, זיי זענען די גאלדענע בויציגל אין בנין עדי-עד פון יידישקייט און חסידישקייט". ש. גולדשטיין, יצק קדושי ליסקא, חיפה, ז' 20.

בוי=קאמיטעט - דער, =ן.

בוי=קאמיסיע - די =עס.

1951" די בויקאמיסיע האט געמוזט שאפן די מאטעריאלן אויף א לינקן וועג אדער פון חרובע בנינים פון געטא". א. ירושלמי, לב ליטע I, נ"י, ז' 1780.

בויקונסט - די, בא. ארכיטעקטור.

1865" מען האט געדארפט פריצייטיק לערנען די ארכיטעקטור (בויקונסט) מען זאל בויען טעמפלען |...| פאר די רעליגיעס". קול מבשר, I, נ' 1.

1962" דער דאך | פון דער שול | מיט די דעכעלעך און בייגונגען זענען כאראקטעריסטיש פאר די בויקונסט פון הילצערנע שולן אין פוילן". ש. פארקעס. העיירה בלהבות, יצק אולקניק, נ"י, ז' 225.

בויקלעצל - דאס, =עך. געאמעטרישע קערפער פון האָלץ, פלאסטיק אע פאר קינדער צום שפיל און לערנען.

..." אויפן זעלבן אופן האב איך באשריבן און אויפגעקליבן | דעם קינדס | אויסשערעכץ, קלעפונגען, קנייטשונגען, אפגעצייכנט עטלעכע קאנסטרוקציעס פון בויקלעצלעך". טאגבוך, ייבל XIV - 2.

בוישטאָף - דער, =ן. דזוו בוי=מאַטעריאַל.

1927" מיר האָבן ביז אַצינד נאָכגעשפּירט ווי דאָס עסן קומט אַריין אין קערפּער |...|. מיר האָבן געזאָגט אַז דאָס איז הייצונג און בוישטאָף פאַרן קערפּער". ט. בערלס, מענטש מאַשין, קיעוו.

1955" די בריסקער, די ווייניקע די לעבן=געבליבענע, וועלכע האָבן מיט ליבע |...| געבראַכט צוטראָגן בוישטאָף פאַר דער מצבה אויף זייער אומגעקומענער |...| אַלטער היים". א. שטיינמאַן, ענציקלאָפּעדיע, |...| בריסק דליטא "ב", ירושלים-תל-אביב, ז' ?.

בוישטיין - דער, =ער. 1. ציגל צום בויען.

2. ( פיג ) באַשטאַנדטייל, קאָמפּאָנענט.

1923" דער אַטאָם אַליין, וועלכער איז כלומרשט דער בוישטיין פון קאָסמאָס איז אָבער אַ ויך נישט איינפאַך". ק. גוטנבוים, ספּעציעלע און אַלגעמיינע רעלאַטיוויטעט= טעאָריע, וואַרשע, ז' 108.

1947" די דייטשע אוניווערסיטעטן האָבן אויף דערקענט זייער פליכט צוצוטראָגן בוישטיינער צום שטודיום פון יידנטום". מוו, היטלערס פּראָפעסאָרן, ז' 235.

3. ( פיג ) גרונדשטיין, יסוד, פונדאַמענט.

1952" ער איז צום לעצטן סוד דערלאָפן, צום בוישטיין פון דער וועלט". דאַ, געזאַמלטע לידער, נ"י, ז' 66.

71 – בוי

ם בויא

3. בעביי, בנין.

| ? XVI י"ה | " דא האט ער אין דש קוניגש טאל איין הויפשן בויא גימאכט.// און היש שטאט אבשלום דש הט ער אים דער טראכט". שב. סטראפע 1570.

0 בויא ארט. – בויסטיל, ארכיטעקטור.

1796" זיא בייא איינם פאלין וואלדי איינן פאלאסט פאן אלטר בויא ארט דר אבר דוך |...| פרעכטיג אויז זעהי". טויזינד אונד איין פירטל שטונד, פראנקפורט דאדר, תקנ"ו, דף מ/1.

בויא דרעקטר – | בוימייסטער? ארכיטעקט? |.

1770" איין מלך בויאט איין שלאס דורך זיין בויא דרעקטר |...|". יוסף דארמשטאט, איבז מ. אלשיך, תורת משה, קארלסרוא, תק"ל, דף כא/ד.

בויא האלץ.

1684" |...| זיינין די טירקן |...| קומן |...| אונ' פיל בויא האלץ אן גיצונדין |...|". יידישע כראניק פון דער באלאגערונג פון ווין, פראג, תמ"ד, ציט MGWJ, 1937, ז' 233.

בויא פעלד – [illegible] ארט פון וויינגערטנער אדער פרוכטגערטנער.

1602" וואבא אונ׳ איך ברוכט אויך | אייך | אין איין גוט לנד איין בויא פעלד דאש איר עשט זייני פרוכט". שעריר, ירמיה, ב - ז. | תי: אל ארץ הכרמל - אין א פרוכטיקן לאנד |.

בויא שטיין - ~~[illegible]~~ - שטיינער צום בויען, ציגל.

1610" אונ׳ דש הויש | הויז | אין זיינם בויא שטיין גנץ עש ווארד גיבויט |...|". טח | הפטורה |, מלכים א, 1 - ז.

ב ו י !! - דער, בא. 1. " א דיקער באנוולשטאף וואס איז פון דער רעכטער זייט גלאט און פון דער לינקער - האריק". | קטוו |.

2. "בארכאן" | קטוו |.

ס ב ו י א - ----> בוי. (?)

ב ו י א ו נ ג - -----> בויונג.

ס ב ו י א ן - -----> בויען. (?)

ב ה י א ן - דער, =עס. 1. סקאנדאליסט, אומגעצוימטער מענטש, שלעגער. % ווילדער בויאן. דער בויאן האט זיך צעבושעוועט, ער האט שויבן און שלאגט אלעמען. האלט זיך פון דער ווייטנס פון דעם בויאן - ווערסט נאך כאפן קלעפ.

R: Буян.

1939" דעם טרונק האט ער ליב, נאר קיין בויאַן איז ער ניט". זש, ביים דניעפּער, ווילנע, ז' 41.

1954" די פּאליציי האט פאר דעם צוועק מאביליזירט דעם אפּפּאל, בויאַנעס, מעסערהעלדן פון שטאט און דערפער ארום ". ש. ווינער, יזב כעלם, יאהאנעסבורג, ז' 150.

2.ווילדער אָקס.

1960" |...| און ארויס מקבל=פּנים צו זיין די צעיושעטע בויאַנעס". פ. רודאי, טאג, VII /3.

(?נ?) ב ו י אַ ן – דער, =עך. ( רעג. פראנקרייך )בוליאַן, יויך. | ד. ראבינאוויטש, יידן אין פראנקרייך, ייווא, 1942 II 202/3 |.

[ב=בּולזשע?]

3 ניגאיד 11

ב ו י אַ נ ס ט ו ו ע – די, באַ. | רוסיצ |. דאס סקאנדאלעווען, שלעגעריי, צעווילדעוועטקייט.

R: буйнство

1938" אז די קינדער אונדזערע זאלן זען: א סוף צו דער בויאַנסטווע!". איבז ה. קאמעניעצקי, פון מ. גארקי, א דערציילונג וועגן אויסערגעוויינלעכס, זש' שטערן נ' 3, מינסק, ז' 36.

1964" די שטאט דאלאס, אין טעקסאס, וואס האט זיך אויסגעצייכנט |...| מיט א היפּשער מאס בויאַנסטווע". בצג, טמז, X /2.

ב ו י אַ נ ע ו ע ן - אומוו. פּפ זן בויאַניען.
סקאנדאלעווען, צעווילדעווען זיך. % די חברה
בויאַנעוועט אזוי, אז מע קאן זיי נישט בארויקן.
די אונטערוועלטניקעס בויאַנעווען, שלאגן, ברעכן
שויבן.

1887" זיי | די רעקרוטן | האט מען געהאלטן דריי טעג
פארשלאסן אין די טשאסטן | מיליטער=אפטיילן |,
זיי זאלן ניט בויאַנעווען". ייפאל, נ' 47.
ביילאגע, ז' 814.

1910" יא, בויאַנעווען פון גאטס וועגן אין אויך ניט
כדאי, ווייל גאט דארף ניט קיין קאזאקן, וואס
זאלן זיך אננעמען פאר זיין מאראל". מר, V,
נ"י, ז' 172.

1961" די שענקערס אין טראקטיר בויאַנעווען צעיובעט
| ווילד | // און איבערגעמישט מיט בראנפן זיך
דער ציבעלע=גערוך האט". איבז י. רובינשטיין.
פון י. יעווטושענקא, פאר, X, 8/.
באַבי יאַר,

ב ו י אַ ק - דער, =עס. 1. ווילדער אקס, בוהאי.
% דער בויאַק האט זיך ארויסגעריסן פון שטאל.

Ukr.: буяк

2. דזוו בויאַק, "סקאנדאליסט, שלעגער" | קטוו |.

3. "ווייבערניק, א מאן וואס טשעפעט זיך צו דער ערשטער
בעסטער פרוי און רופט ארויס דערביי געשלעגן" | קטוו |.

ב ו י אַ ק - דער, =עס. ( פויל, שלש ) דזוו באַיאַק. (?נ?)
א פּחדן.

ב ו י ב ל ע ן (ז י ך) - אומוו. ( רעג, באסאראביע ).
בארבלען זיך, פּאָרען זיך אין עפּעס.

1932 " אין א טייכעלע |...| זיך צוויי קאטשקעס לאנג
געפליעסקעט, זיך גטובלט, // מיט די שנעבעלעך זיך
אין די פעדערן געבויבלט". אשט, מעששלים I,
טשערנאוויץ, ז' 104.

13 גאר 78

ם ב ו י ב ע ר יי א - | די? |. שלעכטע מעשים, ווויליונגערישע שטיק.

1676" מיר גפינדן דז זיך חסידים בהעפט האבן ניט פר לוסט אודר בויברייא וועגן נוארט צו בצאלן אירי שולד |...|". ברנט שפיגל, פפד"מ, פרק לה-.

באם: מעגלעך אז מע מיינט " בובריי".

ב ו י ב ע ר י ק I - דאס, בא. 1. ( גב )
יידישער נאמען פון א שטעטל אין מזרח=גאליציע
( P: Bóbrka ).

2. שלום=עליכמס נאמען פאר א דאטשע=יישוב הינטער קיעוו ( R: Боярка ).

1901 " איך ווייס נישט, ווער האט דאס אויסגעטראכט אט בויבעריק?". שע, גלות דאטשע, [illegible]
[illegible] נ"י, 1944, ב' VI, ז' 21.

3. ( רעג, ישראל, איר ), נאמען פאר דעם שטעטל בני=ברק" | קטוו, ישראל קאפלאן |.

4. ( פיג ) א ווייטע, ניט=עקזיסטירנדיקע שטאט, אן ארט וואס מע ווייסט נישט ווו דאס איז.

... " שפעטער |...| וועסטו א משכון פארזעצן |...| און פארן אדער גייען צו פוס קיין בויבעריק".
ממוס, גילגולים, ז' 9.

1899" ווהיך קען פארפירן א וועגווייזער, וואס טייט מיטן פינגער אויף בויבעריק, בעת דער גייער זוכט זיך א וועג קיין האצעפלאץ?". זש' דער אידישער ארבייטער, נ' 7, | לאנדאן? |, ז' 48.

בו - 76.

"1910 נאך א לולב זיך שלעפן - איך ווייס! - אין ב[illegible]
<u>בויבעריק</u>, אין גושן". <u>פרוג I</u>, נ"י, ז' 86.

5. ( <u>פיג, איר</u> ) אן ארט וואס מע דארף ניט, אדער
פונקט דאס פארקערטע.

"1904 נאר שא! איך בין שוין, דאכט מיר, ווידער
אוועק קיין <u>בויבעריק</u>". <u>שע</u>, <u>ארעמע און פריילעכע I</u>,
613 אלע ווערק, נ"י, 1944, ב' XVI, ז' 233.

7 <u>פארקריכן ( פארפארן ) קיין בויבעריק</u> - ( <u>איר</u> )
א) גיין, פארן ניט אין דער געהעריקער ריכטונג,
פארבלאנדזשען, אראפגיין פון וועג.
ב) אראפגיין פון דער טעמע, רעדן ניט צום ענין.

"1889 |...| וואס זיי <u>פארקריכן</u> מיט זייערע אידעען
אזש קיין <u>בויבעריק</u>". <u>העני העלפמאן</u>,
<u>דיא פערפירטע יוגענד</u>, ווארשא, ז' 22.

<u>דערציילט אים פון בויבעריק</u> - <u>וועט ער פארשטיין</u>? -
"אויף איינעם וואס פארשטייט גארנישט" | <u>קטוו</u>,
<u>רעג</u>, גאליציע |.

<u>דער קאפ איז אים אין בויבעריק</u> - ער איז פארטראכט,
פארטראגן; ער ווייסט נישט וואס ס'טוט זיך מיט אים.

ב ו י ב ע ר י ק <u>II</u> - <u>אדוו</u>. ( <u>איר</u> ) ניט גלייך
(ניט דירעקט ), ניט אין דער געהעריקער ריכטונג
אדער גאר פארקערט.

"1897 וואס ציט מיר |מיך | צו איר?... איר שווארצער
פנים?... אירע קאסע אויגן, וואס קוקן <u>בויבעריק</u>?
גיין!". <u>ג. ח. לעוונער</u>, <u>אויס ראמאן</u>, ווילנא,
ז' 25.

1900" דא קריכט א ברעם בויבעריק, דא הייבט זיך א האלבע
ליפ און קרימט דעם שענסטן מויל". איש יהודי,
זב בלעטער פון א טאגבוך I, פעטערבורג, ז' 11.

[illegible] מ[illegible] פארט, דאכט זיך, קיין יעהופעץ, און פלוצעם
[illegible]אל גא[illegible] [illegible]יסקומען בויבעריק". ממוס, דער פר[illegible]יוו,
[illegible] 1910, נ"י

17 עטפערן ( מאכן ) בויבעריק - ניט צו דער זאך,
קאפויער.

... " מאכט ער בויבעריק |...|". ממוס, בישיבה של
מעלה |...|, ז' 15.

... ענטפערט ער בויבעריק |...|". שע, XI, ז' 241.

ב ו י ג - דער, =ן. ----> בייג.

ב ו י ג ו נ ג - ----> בייגונג.

ב ו י ג ז א ם (קייט) --- ----> בייגזאם(קייט)

ב ו י ג י ק - ----> בייגיק.
ב ו י ג ל ע ן - טרוו. מאכן געקרייזלט, קרייזלען
די האר. | מארק ווב 1360 |.

............................................................
באם: אפשר מיינט ער 'בייגלען' - פון בייגל?
............................................................

ב ו י ג ן I - דער, =ס, פקפ בויגנדל |הן| בייגל |,
מער געניצט (אין צווייטן גראד) פקפ בייגעלע.
1. ( געאם ) סעגמענט פון א קרייז אדער עליפסע.
| טערמינאלאגיע פון געאמעטריע און טריגאנאמעטריע,
ווילנע, 1921 |. % באשרייבן א בויגן מיט א צירקל.
שארפער בויגן, פלאכער בויגן. אנצייכענען א בויגן
אויף א ווינקל פון 95°.

בו – 78.

2. סתם א ליניע, וואס זעט אויס ווי א בויגן.

% אויסקרימען דעם שטאנג אייזן אין א בויגן.

דער סאלדאט קרייזט ארום דאס מינירטע פעלד אין א

ברייטן בויגן. דער טייך רינגלט ארום די שטאט

אין א בויגן. די ראקעטע טראגט זיך דורכן הימל

אין א גרויסן בויגן.

1922" די סימנים זיינען פאלגנדיקע: איינפאכע בויגן=

נערוויקע בלעטער, דאס רוב אויך מיט גלאטע באנדן".

איבז א. גאלאמב, ג. באטש געוויקסן, I,ווארשע,

ז' 68.

1929" קיינער פארנעמט ניט די לייד פון פארגיין,//

קיינער זעט ניט, ווי פארביקער בויגן פיבערט". 949

האל, וויי און מוט, מאסקווע, 1929, ז' 10.

1970" מיטאמאל האבן אנגעהויבן מוראדיקע בליצן צו קראצן

דעם הימלשן "בויגן און א בייזער דונער איז 982

אראפגעפאלן". ה. יאכימעק, יזב זלאטשעוו,

ת"א, ז' 158.

3. די אפשפיגלונג פון דעם זונשיין=ספעקטער דורך די

וואסער=טראפנס אין דער פארם פון א בויגן, סרוב נאך

א רעגן; מערסטנס געניצט אין צונויפהעפט רעגן=בויגן.

( פיג ) אויך דער סימבאל פון דעם בונד(ברית )

פון גאט און מענטשן, אז ס'וועט מער קיין מבול

ניט זיין. % דער רעגן האט אויפגעהערט און פון

מערב=זייט האט דער בויגן געשפילט מיט אלע זיינע

קאלירן. דער בריליאנט פינקלט ווי דער רעגן=בויגן.

1941" און דער בויגן וועט זיין אין דעם וואלקן".

יהואש בראשית ט – 16. א' 963

4. ( ארכיט ) עלעמענט פון בנינים=קאנסטרוקציע אין דער פארעם פון א בויגן, אין פענצטער, סופיטן, טויערן אאַע; געוועלב, ארקע. % די בויגנס פון דעם קלויסטער זיינען גאטישע, פארשפיצטע פון אויבן. די באפרייערס פון דער שטאט זיינען אריין דורך דעם מיט בלומען באצירטן בויגן פון נצחון.

? | " עס איז באשלאסן געווארן אז פאר דער שטאט אויף דעם וועג ווי דער רב דארף אנקומען איין טריומף=בויגן צו מאכן". פאן לאיזע. דעם קעניגס געשעפטס-פערזארגער, בוקארעשט. 980

? | " בויגן, סטרוקטור, וואס איר פארם איז געבויגט אויפן סעגמענט פון א קרייז". ר. ווישניצער, ייבל XXIX, ז' 49. 974

5. האנטגעווער צום ארויסווארפן פיילן. באשטייט פון אן אויסגעבויגענעם שטאנג און א שפאנשטריק, וואס איז אנגעצויגן אויף זיינע צוויי עקן; איצט ווערט דער בויגן גענוצט נאר אין ספארט. פייל=בויגן/ פייל=און=בויגן. % אנציען ( אנשפאנען ) דעם בויגן. שיסן פון בויגן. די ווילדע שבטים אין דרום-אמעריקע ניצן נאך איצט בויגנס צו געיעג. בעת דער אלימפיאדע פארמעסט מען זיך אויך אין שיסעריי פון בויגן.

רעדט: אַלפֿאַבעט גיבן פּשט בעסער ווי די באַזונדערע צוזאַמענשטעל?

1895" און דער בויגן איז שוין אנגעצויגן" איבז יונה טרובניק, רבי יהודה הלוי, ווילנע. 969

1918" די ריטערשע שווערדן און בויגן און ברעכן זיך אין געראנגל מיט די גאלדענע מעטאלן פון די ניי=אויפגעקומענע ריטער - די הענדלער און סוחרים". ב. מיכאלעוויטש, אונזער פראגראם, ווארשע, ז' 20. 1021

"פלינק געוועזן איז היאוואטהא: פלעגטא פייל פון
בויגן שיסן, דאן זי שנעל אריבערלויפן ביז זי 1006
הינטער אים פלעגט פאלן". יהואש, היאוואטהא
און מאדזשיקיוויס, 44 ז', .

1966" האבן די בויגן=ציערס אויסגעגלייכט די רייען א
און אנגעשפאנט די בויגנס ". י. מאנדעל, 967
טמז, 12.1.

6. ~~האנט=די=בויגן=ציערס~~ דער מכשיר מיט וועלכן א
פידלער, טשעליסט אע פירט איבער די סטרונעס פון
זיין אינסטרומענט; סמיטשיק. % דער פידלער ציט
אן זיין בויגן שטארקער. ער רירט קוים אן די
סטרונעס פון פידל מיטן בויגן און עס גיסן זיך
שטילע, אומעטיקע טענער.

1866" און די רעכטע האנט | פון פידלער | פירט
מיט א פעסטקייט און שנעליקייט דעם בויגן, ווי 989
א געשיקטער מאלער דעם פּינזל". קול מבשר,
נ' 19, ז' 290.

"אז די בריטשקעס זענען אריין אין וואלד האבן
די קלעזמער א הייב געטאן די בויגנס און איבערן 976
וואלד האט זיך צעשאטן א פריילעכס". אפּא, אליין, IV,
ווילנע, ז' 115.

7. א דינער בייגעוודיקער שיכט פון א געוויסן מאטער-
יאל אין א באשטימטן פארמאט. % א בויגן פאפיר,
א בויגן קארטאָן, א בויגן בלעך. דאס פענצטער
האט מען פארקלאפט מיט א בויגן דיקט. די אדרעסן
האט ער זיך פארצייכנט אויף א בייגעלע פאפיר.

..." ווו וועט ער עס שטעלן? – אונטער דער טיר. //
מיט וואס עט ער עס צודעקן? – מיט א בויגן פאפיר". 944
פל.

1933" צוגרייטן בויגנס פאר טראפארעטן האט ער שוין
1054 געקאנט". ל. קוויטקא, צווי חברים, מאסקווע,
ז' 57.

1938" סימע נעמט אפער א בייגעלע פאפיר פון אונטער דער
943 צעראטע וואס דעקט צו דעם טיש". מאג, נאענטע
געשטאלטן, ווארשע, ז' 74.

1948" אין גיכן איז | ער | שוין געזעסן אויפן דאך
1055 און שפרה האט אונטערגעטראגן און דערלאנגט אריף
בויגנס בלעך". ה. פאלאנקער, שמייע גאזלען,
מאסקווע, ז' 216.

8. ( ספעצ, דרוקעריי) איינס פון די אויסצורעכענען
דעם פארנעם פון א געדרוקטן בוך: 16 זייטן.
% דאס נייע ווערק וועט האבן ארום 20 בויגן.
דריי בויגן זיינען שוין אפגעדרוקט.

1856" דיזער זורנאל האט גיהאלטין מעהר אז הונדערט
942 בויגן. אמד, פלאי ה, ווילנא.

1864" נאך די וואך האבן מיר געמוזט ארויסגעבן א
964 האלבן בויגן |...| נאר פון אויפדעוואך אן וועלן
שוין ווידער ארויסגיין גאנצע בויגן". קול מבשר,
נ' 41, ז' 617.

1951" לויטן קאנטראקט פון יאר 1865 האט די געזאלט צושטעלן
1003 דריי בויגן א וואך פאר א האנאראר פון 2 רובל
א בויגן". מ. סודארסקי, זב ליטע I, נ"י, ז' 753.

9. ( אנאט) געוויסע ארגאנען אין דער פארעם פון א
בויגן. % עלנבויגן, אלוועאלאר=בויגן, קינבאקן=
בויגן, גומען=בויגן, שדרה=בויגן, יאכבויגן.
| סטוטש 240 |.

1929" אפט הערט מען, אז פארן זיבעטן (!) יאר דארף מען נישט באזייטיקן די מאנדלען; אז מ'דארף באזיי־טיקן נאר דאס וואס עס שטייגט ארויס הינטער די בויגנס". "טאז=שריפטן, ווארשע.

10. ( פיזיק ) די לויכטנדיקע ליניע אין דער פארעם פון א בויגן צווישן צוויי קויל=עלעקטראדן, דורך וועלכע ס'גייט דורך אן עלעקטרישער שטראם; וואלטא=בויגן.

|| בויגנדיק - אדי/ אדוו. אין געשטאלט פון א בויגן, אזוי ווי א בויגן. % א בויגנדיקער ברעג פון טייך. דער וועג פארקערעוועט זיך בויגנדיק צו דער שטאט.

בויגנווייז - אדוו. צו איינציקע בויגנס, איין בויגן נאכן אנדערן. % דאס פאפיר האט מען געקנ־טשט בויגנווייז, קיין מאשינען דערצו זיינען ניט געווען.

1823" אבער איך דרוק נאר איין בויגן וויש פון וועגין צוויא אוהר זאכין". מנשה אילי[ע]ר, לעבן מיטל, ז' 199.

0 בויגן=אינסטרומענט - דער, =ן. מוזיקאלישע כלי צו וועלכער מע ניצט ביים שפילן א בויגן, [illegible] א סמיטשיק. % צו די בויגן=אינסטרומענטן געהערן א פידל, א וויאלאנטשעל אע. דער מוזיקער איז זייער א פעיקער - ער קאן שפילן סיי אויף בויגן=אינסטרומענטן, סיי אויף בלאז=אינסטרומענטן.

בויגנגאנג - דער, =ען. געוועלב, ארקאדע.

בויגנראד - דער, =ן. ( גענאם ) | סטוטש 54 |.

בויגן=דורכגאנג - דער, עך. | מארק ווב 960 |.

בויגן*דריל - דער, =עך. מין עקבער ( בויערער )
צו מעטאל=באארבעטונג. | סטוטש - 205 |.

0 בויגן=טויער - דער, =ן. טויער וואס דער אויבער-
שטער טייל איז אין פארעם פון א בויגן; ארקע.

"1964" זיי זענען דורכגעגאנגען א בויגן=טויער.
1028 זיי זענען פארביי די שוועל פון א טונקעלען געביי".
ש. איזבאן, טמז, IV/10.

"1971" זיך דערנענטערט צום בויגן=טויער ביי וואשינגטאן=
1027 סקווער". ב. רעסלער, טמז, VIII/ 10.

בויגן*לאמפ - דער =ן. לאמפ וואס גיט שיין לויט
דעם פרינציפ פון עלעקטרישן בויגן ( וואלטא=בויגן ).

בויגן=סטרונע - די =ס. 1. דער שפאנשנור פון
א בויגן ( פיילן=בויגן ).

2. די פערדישע האר וואס מע ציט אן אויף א בויגן
צו שפילן, אויף א סמיטשיק.

בויגן=צווענגל - דאס =עך. " אינסטרומענט אויסצו-
קנייטשן פארמעס" | קטוו |.

בויגן=ציער - דער, =ס. דזוו בויגן=שיסער.

"1964" זענען די טויערן פון שטעט געווארן באוואכט
1036 שפיזן=טרעגערס און בויגן=ציערס". ש. איזבאן,
טמז, IV/ 10.

בויגן=צירקל - דער, =עך. ( געאמ ) מעסט=אינסטרומענט.

בויגן=קווארטעט - דער, =עך. ( מוז ) גרופע
פון פיר שפילערס אויף בויגן=אינסטרומענטן: I
I. פידל, II פידל , וויאָלאַ, וויאלאנטשעל.

בויגן=רעגן - דער, בא. (שנש) דזוו רעגן=בויגן.

1944" מיר קושן דעם זוים פון דיין בויגן=רעגן".

נאד, מודה אני, נ"י, ז' 204. 1038

בויגנשאס - דער. 1. דער שאס פון א פײַלן=בויגן.

(Ofte)

2. פארצייטיקע מאס פון מהלך, דיסטאנץ.

1885" און זי איז געגאנגען און זי האט זיך געזעצט

פון וויַיטן, ווייט אזוי ווי צווײ בויגנשאס". 1039

[מחזור] קריאה ליום א של ר"ה, ח"ר, פ"מ, ז' 88.

1941" | הגר | האט זיך געזעצט אקעגנאיבער פאר א

בויגנשאס ווייט". תי, בראשית, כא - 16. 1040

בויגנשטאק - דער, =~ שטעק. א מין שטאק געניצט

אין שטיקערײַ, האפטערײַ.

בויגנשטריק - דער/די. מצ דז. שטארקער שטריק

(שנור) וואס ציט אן דעם פײַלן=בויגן.

1941" אז מע זאל מיך בינדן מיט זיבן פרישע בויגנשטריק,

וואס זייַנען נאך ניט איינגעטריקנט געווארן, וועל 1044

איך אפגעשלאפט ווערן ".תי,שופטים, טז - 7.

בויגן=שיסער - דער =ס. 1. ספארטלער, וואס פארנעמט

זיך מיט צילעווען פון א פײַלן=בויגן.

2. פארצייטישער יעגער אדער קריגער וואס האט געשאסן

פון פײַלן=בויגנס.

1936" די זין פון אפרים באוואפנטע בויגן=שיסער

|...|". אוֹבֿ נג, תהילים עח - 9. 1046

1941" און ער | ישמעאל | איז געווען א בויגן=שיסער".

תי, בראשית כ-א - 20.

3. (אסטראנ) איינע פון די דרומדיקע שטערן=

קאנסטעלאציעס.

אלוועלאר=בויגן, גומען=בויגן, ווארבל=בויגן,

יאכ=בויגן ÷( אנאט ) ארגאנען פון קערפער אדער
טיילן זייערע וואס האבן די פארעם פון א בויגן.
| סטוטש 240 |.

אנקעטע=בויגן – א רשימה פון פראגעס צו ענטפערן
( ביים אננעמען א שטעלע, ביי וויסנשאפטלעכע
שטודיעס און געזעלשאפטלעך=פאליטישע דיסקוסיעס א"א)

אפליקאציע=בויגן – פפ אפליקיר=בויגן, רשימה פון
פראגעס צו ענטפערן ביים אננעמען אין בילדונגס=
אנשטאלט, ביים קאנדידירן אויף א שטעלע.

| ? |" אין דעם אפליקיר=בויגן פון יעיל". ייבל
XXVI, ז' 188. 1002

באלאנס=בויגן, באריכט=בויגן – ספעציעלע פארמולארן
פאר צוזאמענשטעלן א פינאנציעלן אדער אנדערן באריכט.

בריוובויגן – ספעציעלער פאפיר=פארמאט פאר בריוו
( אפט אין פקפ בריוו=בייגעלע ). דריל בויגן
( ---> בויגנדריל ). וואלטא=בויגן – די
אויסלאדונג פון עלעקטרע אין דער לופטן, אין א
גאז אדער צווישן צוויי עלעקטראדן. זאמל=בויגן –
ליסטע פון באשטייערונגען פאר א געוויסן צוועק.
טריומף=בויגן – טריומף=טויער וואס ווערט אויפגע-
שטעלט צו באגעגענען א העלד א זייער בכבודיקן גאסט
אע. פידל=בויגן – סמיטשיק. פיילן=בויגן
+ פייל=און=בויגן ) -----> זבז. פרווובויגן
– קארעקטור=בויגן. פראגע=בויגן/פרעג=בויגן –
דזוו אנקעטע=בויגן.

1970/71" מיר האבן ארויסגעשיקט פראגע=בויגנס געפאדערט
און געבעטן, מ'זאל אונדז " שיקן די נעמען פון
קרובים און באקאנטע". רעד. י. פרידמאן, יזב
זלאטשעוו, ת"א, ז' 16.

2. רשימה פון פראגעס און אויפגאבעס וואס מען גיט
ביי אן עקזאמען.

קארעקטור=בויגן - די זייטן אדער שפאלטן פון א
געדרוקטן טעקסט וואס מע גיט צום קארעגירן
( פארריכטן ) די עווענטועלע גרייזן און אויסלאזן.

רעגן=בויגן - 1. בויגן ב' 3. נאכן גאס איז
צוריק ארויס די זון און ס'האט מיט אלע קאלירן
געפינקלט דער רעגן=בויגן.
2. ( פיג ) פילגעשטאלטיקייט, פארשיידנמיניקייט.

1970/71 " מיר וועלן זען דעם גאנצן רעגנבויגן פונעם
געוועזענעם יידישן לעבן אינעם שטעטל, אין אלע זיינע 1052
שאטירונגען". רעד. י. פרידמאן, יזב זלאטשעוו,
ת"א, ז' 17.

שפיצבויגן - קאנסטרוקציע = עלעמענט אין דער פארעם
פון צוויי בויגנס וואס גייען זיך צונויף פון
אויבן אין א שארפן ווינקל; גאטישער בויגן.

בויגנארטיק - אדי/אדוו. דזוו בויגנדיק.
| סטוטש 156, מארק ווב 960 |. =ט.
=יט. | מארק ווב 295, 542 |.

/7 ווי א פייל פון בויגן - לויפן ( פליען, שוועבן,
טראגן זיך) ( פפ ) - זייער גיך.

פייל=אויסן=בויגן - דזוו דפוו.

1908" א ווינט גיט א ווײ און ווי א פייל אויסן
בויגן // ווערט אלעס פארשווונדן פון אונדזערע 966
אויגן". מר. I, נ"י, ז' 192.

<u>איבערציען דעם בויגן</u> – זאגן אדער טאן עפעס איבער
דער מאס, איבערגייין די גרענעץ פון מעגלעכן,
אומדערלויבטן, פון עמעצנס געדולד, טאלעראנץ.

1883" מע מוז אבער <u>איבערציען דעם בויגן</u> // כדי מע
זאל שונאים שטעכן די אויגן". <u>ייל</u>, <u>וועלט=לוח</u>, 1007
אדעס, תרמ"ג, ז' 49.

1869" דער אמת איז טאקי, מע טאר זיך ניט איילן, מען
דארף נישט אויף איין מאל <u>איבערציען דעם בויגן</u>. 945
פארשטייט איר?". <u>ממוס</u>, <u>די טאקסע</u>, [illegible] נ"י, 1910.

<u>מאכן א בויגן</u> – ( <u>אקטיאריש</u>, <u>איר</u> ) – באהאלטן זיך,
ארויסדרייען זיך.

1955" אבער קוים דערשפירן זיי | די טעאטער פאטריאטן |
אז די אקטיארן זיינען "גאלע", אן געלט הייסט עס, 979
דעמאלט פארשווינדן זיי ווי איין וואסער אריין און
מ'זעט זיי נישט. און טאמער " דערזעט מען זיי זא,
<u>מאכן</u> זיי א "<u>בויגן</u>" כדי מ'זאל זיי נישט דערזען".
<u>ש. י. הארענדארף</u>, <u>טעאטער=קאראוואנען</u>, לאנדאן.

ם <u>בוגן/בוגין/ בויגן</u>.

------> 5.

|XV.|" ינונתן גאב דעם קנאבן דיא <u>בוגן</u> אונ' אויך
דיא פפייל. // ער שפראך טראג עש ביים גיא היין 965
אונ' אייל". <u>שב</u>, [illegible] 509.

|...|" רשפי קשת – דפילא דיש <u>בוגנש</u>, כלומ' החצים
המעופפים" <u>רייכלין 8</u>, תהילים עו, ד. 1010

1610 " |...| אונ' איז ביזעצט מיט שטערקייט זיין
<u>בוגין</u> |...|". <u>טח</u>, רשי, בראשית מט–כד. 950

1711" אונ' דען שטרייט פון שווערט אונ' <u>בויגן</u>
וויל איך צו ברעכן ". <u>צור</u>, אמשטרדם, תע"א,
במדבר הפטורה, קד –IV.

.7 ←----

1794" און מען קען אויף איין גנצין בוגן ניט דער
1009 שרייבן אלי דיא גברעך און קרענק פון דעם ( דור )
פון דיא בײזי ( מנהגים )". זאב וואלף בר' יוסף
מק"ק ברלין, דרישת הזהב, נאווידוואהר, תקנ"ד,
דף יט/2.

.8 ←----

1699" פי אם הספר שנדפס בלשון לוע"ז מעשרה בויגין
[ וורקר ארבות? ]
960 |...|". ועד, תנ"ט, ציט י. היילפרין,
ועד ארבע ארצות, ירושלים, תש"ה, ז' 242.

1775" און' דש ווייש איך ווען מען ווערט האבן עטליכה
946 ביגן גלייאנט אונד פר שטאנדין האבן ". מ. ז. איידליץ,
מלאכת מחשבת, פרק ג ד, תקל"ה, דף ח -.

0 בויגן שיסר

1625"עש קאן ניט אוועק יאגן ( בן קשת ) איין בוגן=שיסר
1050 |...|". סהמן, איוב, מא - ב, לובלין.

ודרב -

ב ו י ג ן ( זיך ) - ←---- בייגן (זיך )

ב ו י ג ל ע ן - טרוו. מאכן געקרייזלט, קרייזלען
די האר. | מארק ווב 1360 |.

באם: אפשר מיינט ער "בייגלען" - פון בייגל?

בקר יש לכם את נה בדף בו-77.

ב ו י ג ע ו ו ד י ק ( ייט ) - ----> בייגעוודיק(ייט).

ב ו י ד ! - די, =ן. אמאליקער גרויסער וואגן מיט א געוועלבטן ברעזענטענעם איבערדעק, געדינט ס'רוב איבערצופירן מענטשן. % פארן מיט דער בויד. א פולע בויד מיט פארשוינען. דינגען א בויד. אין מארק האבן זיך אפגעשטעלט עטלעכע בוידן מיט חסידים וואס זיינען געקומען צום רבין אויף יום=טוב. די לאנג ניט=געשמירטע רעדער פון דער בויד סקריפען. אויף דער קעלניע פון דער בויד זיצט דער בעל=עגלה. אלע האבן זיך שוין אויפגעזעצט אויף דער בויד.

1872" דיזע |די| אומגעבעטענע געסט קומען ניט צו פארן אין פאיעטאנען ( פולקארעטקעס ), ניט אין בראָדער בוידן". אמד, שעפקע דער יאנקיצער ארעם בחור אין אילון". ווילנע, ז' 8.

|פל| " פאָר איך מיר ארויס אין אן ענגער בויד מיט פערדעלעך פיר אין דער ברייט".

1878|" בוידן, דראזשקעס, טעליגעס - האבן זיך געצויגן איינע הינטער דער אנדערער אין א גאנץ לאנגער שורה |...|". ממוס, מסעות..., ציט אויסג "מענדעלי", וָוארשע, 1913, ז' 78.

1901" עס זיינען נאך דא מענטשן, וואס געדענקען נאך די בוידן, דאס הייסט די גרויסע וועגענער, וואס זיינען געווען באדעקט מיט לייוונט |...|. מענטשן פלעגן זיך דארט אנשפארן און איין קוועטשן ווי הערינג אין א פאס און די פאסאזשירן פלעגן זיך פיל מאל פארבייטן מיט די פיס, ווייל געפילט די אייגענע פיס האט מען ניט". איש יהודי | ל. ראבינאוויץ | זש' בלעטער, נ' 26, סט. פעטערבורג.

1915 " ארעמע קרעמער און סתם יידן |...| פלעגן
שוין פארן מיט דער בויד, וואס דאס האט אויסגעמאכט
א העלפט געלט". אר, ציט אלע וואך XIV
נ"י, 1930, XIII ז' 87.

1936" מרדכי האט געדונגען א בויד נאך קאצק און זיי
זיינען ווייטער געפארן". אפא, VI, ווילנע, ז' 124.

1964" משהקע אליין פלעגט אין זיינע יונגע יארן
אנציען מיט זיין בויד אזש ביז סמאלענסק און
ניזשני=נאווגאראד ". ז. שזר, סמז, IX/20.

2. דער איבערדעק אליין פון דעם וואגן.

1896" כאט איך בין געווען א בוידפארשוין, פון דעסט-
וועגן האב איך אויסגעזען ווי א רוח|...|. די
בויד איז געווען פול מיט לעכער |...| און דער
רעגן האט געפאטשט גלייך אין פנים אריין".
י. ל. בינשטאק, בייא ר' שלמה בערלינער,
לוואוו, ז' 6.

3. ( לאקל, לאדז, פוילן ) א גרויסער פאק, א סך.

1921 " 'ווער עס פוילט זיך פלעכטן חלות, //
פלעכטן וועט א גרויסן צאָפּ - // יאגט די באבע מיך
צום מולטער. // כאפ איך שטיל זיך פארן צאָפּ: און
דאס געלע בעקער=מיידל? חלות יעדע וואך - א בויד //
אנגעפלאכטן אויסגעטאקטע // און געבליבן אלטע מויד!".
מ. אולינאווער, דער באבעס אוצר, ווארשע, ז' 13.

4. ( שגל ) לאסט=אויטאמאביל פון דער געסטאפא און א
אויך די פאליציי וואס פלעגט קומען אין אים.

1966" אין ראיאן האט גראסירט | ארומגעפארן | א ספעציעלע
שטראף=קאמאנדע, וואס האט דורכגעפירט פיל מארדן

איבער יידן |...| די שטראף=קאמאנדע | האט מען | גערופן 'די בויד', ווייל די מערדער פלעגן קומען אין א לאסטאויטא איבערגעדעקט מיט א |...| ברעזענט". [illegible] צ'ציק..., ת"א, ז' 237.

0 בויד=ארעמעליט ( עלט ) אזעלכע וואס האבן געהאט אייגענע פערד=און=וואגן. [illegible]

בוידוואגן - דער, =ס/וועגענער. פארמאכטער לאסטאויטא.

1947" פארן מיר אויף א גרויסן מיליטערישן בוידוואגן". הל, מיט דער שארית הפליטה, | מאנטרעאל ?|, ז' 246.

בוידפארשוין - דער, =ען. פאסאזשיר, פון בויד.

1896" כאט איך בין געווען א בוידפארשוין, פון דעסטוועגן האב איך אויסגעזען ווי א רוח |...| די בויד איז געווען פול מיט לעכער |...| און דער רעגן האט געפאטשט גלייך אין פנים אריין". י. ל. בינשטאק, בייא ר' שלמה בערלינער, לוואוו, ז' 6.

" די פארשוינען, וואס זיינען געזעסן 'פּאַריטש', אקעגן אונדז, ליגן, מחילה, פון אונטן! און מיר, בוידפארשוינען - פון אויבן, אויף זיי, שע, קליינע מענטשעלעך מיט קליינע השגות, [illegible]

ב ו י ד II - די, =ן. ( עלט ) באהעלטעניש, פארדעקט ארט.

1832" דייך פארבארגעניש איז אין פינצטירקייט אונ איין נעביל איז דייך בויד". מחזור לראש השנה, סלאוויטע, נז/ב. | העברעיש: חושך סתרך וערפל סכתך |.

□ 1625" ( יארוב ) ער ליגט איך פר בורקנס גלייך אז אייך לייב אין דער בויד ". סהמ, תהלים, י- ט, לובליך, שפ"ו. | תי: ווי א לייב אין זייך צודעק |.

ב ו י ד א ק - דער, =עס. מין שיף צום איבערפירן סחורות איוף טייכן.

Ук: байдак.

"1939 האט בענציע |...| געפירט זעקלעך מעל פון שפייכלער צום בוידאק, וואס האט זיך |...| פאראנקערט אין זאמדיקן ברעג". זב נייע בלעטער, קאונאס, ז' 83.

ב ו י ד ז י ו ו ע - די, בא. ( רעג, ליטע ) " לייב=אייגנטום, פאנשטשינע". % "ארבעט ווי אין באודזיוועס" | קטוו |.

(?נ?)

ב ו י ד ז ע ל ע - דער, =עך ( לאקל, ווילנע ) [פראסטער מענטש, פויער, גראבער יונג.?]

" אייגענע מענטשן זיינען געווען זיכער, אז שמייקע |?| וועט סוף=כל=סוף געבן דאס געלט, ווייל ערשטנס איז ער געווען א גוטער בוידזעלע |...|". א. קארפינאוויטש,ביים ווילנער דורכהויף, ת"א, ז' 138.

1967

באמ: ניט זיכער אין באטייט.

ב ו י ד י ק - דער בא. ( שש )"א טרונק בראנפן, א כוסע". "מאכן א בוידיק, אויסטרינקען א בוידיק - אזוי האט חברה בעלי=עגלות, דארפסגייער געזאגט אויף א טרונק בראנפן " | קטוו |.

ב ו י ד ן - דער, =ס. ( רעג,אונגערן? ) באדן, ערד.

1932" קוים נאר וואס דער ייד האט דערפילט אונטער זיך
א פעסטן בוידן |...| האט ער אויך פארגעסן אין
אלע זיינע צרות |...|". י. ל. שפירא, דער אידישער
גייסט |...|, מונקאטש.

1968" נאך דעם ווי מ'האט דעם גריב | מיט די דער-
הרגעטע יידן | צוגעדעקט מיט ערד האט מען געזען
אין משך פון דריי טעג ווי דער בוידן האט זיך
געהויבן און ס'האט זיך ארויסגעוויזן דאס פאר-
גאסענע בלוט ". ~~ס' ספרית קדושים לשונות~~ ילק קרפטורוס-
מרמורש, רחובות, ז' 30.

........................................................

באם: אפשר פשוט א גרייז?

........................................................

?נ? ב ו י ד ע - די, =ס. ( פויל, נא ) אויסטראכטעניש,
<P: bujda
גוזמא, א ליגן.

ב ו י ד ע ם - דער, =ס/ ביידעמער, זן ביידעם/בוידעמער.

1. דאס ארט צווישן דעם סופיט און דעם דאך פון
א הויז. % א גרעאמער בוידעם. ארויפקריכן אויפן
בוידעם. דאס וועש הענגט אויפן בוידעם. צושטעלן
א לייטער צום בוידעם. בעת דעם פאגראם האט מען זיך
באהאלטן אויף די בוידעמס. פאר פסח נעמט מען אראפ
דאס פסחדיקע געפעס פון בוידעם.

1843 " און האט גילערנט דארטין מיט די קינדער אין
האט אפגיגעבין צו די בעלי דברים דעם בוידים". 1173
שבחי בעשט, זאלקווא 1843.

... " אזוי ווי איך קלער מיר אזוי, פליט ארויס א
טויב פון איר נעסט אין ווינקל בוידעם און בלייבט 1137
שטיין אויף א בעליק". ממוס, בישיבה של מעלה,
ציט אויסג, ווארשע 1913, ז' 13.

1929" ווינטן פון וואלד |...| האבן איבערגעטאשעוועט
1178 שטיבלעך מיט געזלעך, און קעלערס מיט בוידעמס".
פמ, דאר=אויס, דאר=איין, כארקאוו, ז׳ 270.

"זיי | די חלומות | הענגען ווי שפינוועבס אויף
1236 ביידעמער, וואס האבן צום ליכט ניט קיין טיר".
מ. כאראץ, זש׳ גק, נ׳ 76, ז׳ 136.

1970" וועגן דער עקזעקוציע פון די זקנים האבן שפעטער
1169 איבערגעגעבן פרטים פאליאקן, וואס זענען געזעסן
אויף די בוידעמס און געזען די שוידערלעכע סצענע".
רעד׳ ר. מאהלער, פנקס סאנץ, ת"א, ז׳ 187.

2. ( ארע ) בוידעמשטוב, פאציאטקע.

1818" |...| און בויאט אדר מויערט זיך איין הויז
1208 דרוף דה צו מאכט ער זייני ביידים אויך פון אום
רעכט " שבע זכירות, לעמבערג, | ז׳ 25 |.

1898" ( המקרה במים עליותיו...) גאט באלקנט איין
1133 וואסער זינע בוידימעס". מ. א. גליקמאן,
ספר ברכי נפשי, ווארשא, ז׳ 12 - 13.

3. ( ארכ ) גארן ( שטאק, עטאזש ).

1872" דריי בוידעם איבער אנאנדער וואר די תיבה".
1195 צור, נח, תרל"ב.

4. "איך בייטל=מאכעריי - דער דנא ( דעק ) פון א דאמען=
בייטל, אויך דאס לעדער פאר דעם טייל" | קטוור |.

באמ: אפשר באדעם=באדן?

|| = דיק - אדי. וואס איז שייך צו (איז פון ) בוידעם.
1968" |...| ווי ווייטע אורחים קומען זיי אין בוידעמדיקן
1238 חדר". סוצ, פור I, ת"א, ז׳ 41.

1968 " למען האמת האט אין יענער בוידעמדיקער נאכט
// ארומגעפלעמלט גאר אן אנדער יום=טוב |...|". 1239
מ. דלוזשנאווסקי, פאר, XII/1.

||ש= - דזוו דפוו.

1966 " |...| געהערט דעם שטיוולשן גאנג אויף דעם
בוידעמשן זאמד". י. שפיגל, שטיגן, ת"א, ז' 167.

0 בוידעם=אלייע - (שגל) ריי דורכגענג צווישן
די בוידעמס פון די הייזער, געמאכט כדי צו קאנען
אנטלויפן בעת די זוכנגען פון די דייטשן.

1974" נאלעווקי ברענט, מע דארף אפשר פארמויערן
די לעכער פון די בוידעם=אלייען?". י. עלבערג, 1213
אויפן שפיץ פון א מאסט". מאנטרעאל, ז' 151.

בוידעם=דורכגאנג - דער, ~=גענג. (שגל) דזוו דפוו.

1974"מע קאן זיך מער נישט פארלאזן אויף די בוידעם=
דורכגענג. דצוו, ז' 151.

בוידעממענטש - דער, =ן. פחדן, מענטש וואס באהאלט
זיך בשעת סכנה, שטעלט זיך נישט קעגן.

1973" ליידער, זענען אויפן פשיטיקער פראצעס קיין
גרויסע העלדן נישט פאראן, כמעט אלע באשולדיקטע 1194
באמיען זיך צו באווייזן, אז זיי זענען בוידעממענטשן
און דעריבער האבן זיי נישט געקענט שיסן".
יצב פשיטיק, ת"א, ז' 178.

בוידעם=קאמער - די, =ן. דזוו בוידעמשטוב (<--).

בוידעם=קוקערל - פענצטערל אין איין זייט פון בוידעם.

% פון דעם בוידעם=קוקערל האט מען געזען דעם גאנצן מארק.

בוידעם=שטיבל - דאס, =עך. בוידעמשטוב.

17 ( פפ ) חושך ווי אויפן בוידעם. הויך ווי דער בוידעם.

ענטפערן ( רעדן, זאגן ) בוידעם ( וואר: בוידעם – פאליצע, בוידעם – קלאץ ). – אויסדריקן זיך ניט צו דער זאך, אומשייכותדיק, צעפלאנטערט.

% זאגט ער בוידעם, זאגט זי פאליצע. מע פרעגט אים בוידעם, ענטפערט ער קלאץ.

" האט ער געענטפערט בוידעם" ממוס, ~~קליינע מענטשעלאך~~, גוטע קליינע 1864
[illegible] ווארשע 1928, ז' 55.

" ער פרעגט אים פידריך, ער ענטפערט אים בוידעם". 1409
ווייסער, ווערק,
שע, I, ז' 74.

בוידעם=פאליצע אויסמישן - צונויפשטעלן ( אין רייד ) זאכן וואס האבן ניט קיין שייכות צווישן זיך.

..." ער וויל ארויסווייזן זיינע לומדות און מישט אויס בוידעם=פאליצע, איבערקייענדיק צען מאל איין ווארט. ממוס, די אלטע מעשה,.... [illegible].
פון [illegible] ווילנע, 1928, ז' 8.

אין בוידעם - אין האצעקלאץ - אין ערטער וואס האבן ניט קיין שייכות, פארבינדונג צווישן, זיינען ווייט איינע פון אנדערן.

1867" אבער וויפל געפינט זיך אזוינע? |...| א זשמענקע! אי דאס ווי זענען זיי ? דער אין בוידעם און דער אין האצעקלאץ". קמ, נ' 20, I - 155.

בוידעם (מיט) לאקשן - לאקש בוידעם - זאכן אומשייכותדיקע, אן לאגישער פארבינדונג.

1879" דער נשמה וואס בארירט, אז דער גוף איז אויסגעצירט? בוידעם מיט לאקש וואס קער זיך אן ?". ייל, בייזער מארשאליק, ווארשא, תרל"ט, ז' 37.

לאקש, בוידעם, פאליצע ( ציבעלע ) - ( שש) אויסרעכענענדיק פארשיידענע זאכן, וואס מע גיט ניט אן וועלכע ( א שטייגער ווי צו זאגן " און אזוי ווייטער", און "דאס גלייכן" ). % איך האב איינגעהאנדלט מציאות אין מארק - קארטאפל, אוגערקעס, דאס, יענץ, לאקש , בוידעם , ציבעלע.

א בוידעם מיט א בוידעם - זאכן פונקט פארקערטע, היפוכדיקע.

אויס בוידעם - וועגן פארפלאנטערן זיך, וועגן ארופגיין פון דער טעמע, פון דעם עניין פון וואס מע האט גערעדט.

... " אויס בוידעם, גארניט דאס פון וואס מע האט אנגעהויבן". ממוס, אלטע מעשה,.... 

בוידעם, בוידעם – אויס בוידעם – אויף א מענטשן, וואס איז אראפגעפאלן פון דער מדרגה ( מאטעריעל, געזעלשאפטלעך אע ). מיטן בוידעם אראפ (גיין) ארויסקומען שלעכט, האבן א דורכפאל. % ביי מיר גייט עס איצט מיטן בוידעם אראפ, אלץ איז שלעכט.

א פוסטער בוידעם – א זאך וואס איז ניט בנמצא, אן אויסטראכטעניש. % ס'איז א פוסטער בוידעם, לא היה ולא נברא.

( ס'איז ) אויפן בוידעם א יאריד – ס'איז נישט אמת, ס'עקזיסטירט נישט, ס"איז נישט געשטויגן נישט געפלויגן. | וואריאנט: אויפן בוידעם איז א יאריד ( און ) אין מצרים פויקט מען |.

איינרעדן אויפן בוידעם א יאריד – אריינגנארן עמעצן אין א מסחר, אונטערנעמונג, צוזאגנדיק זאכן וואס זיינען נישט וואר, עקזיסטירן נישט.

אויסלאזן זיך א בוידעם – ענדיקן זיך מיט גארנישט, אן רעזולטאט, מיט א דורכפאל.

... " מען שטעלט פיס און מען קוקט זיך ניט אום – און פונעם גאנצן מסחר לאזט זיך אויס א בוידעם, א נעטיקער טאג ". ממוס, אין א שטורעם צייט,..

" טאמער מאכט זיך נאך דעם, עס לאזט זיך אויס א בוידעם – זאלט איר אויף אונדז ניט ארויפלייגן די באד ". שע, מעשיות פאר יידישע קינדער II, די ערשטע קאמונע, (ז' 161 – 162.

1907 "איך האב געמיינט, אז איך וועך שוין א בעל=הביתל, לסוף לאזט זיך גאר אויס א בוידעם מיט א פאליצע ". י. גארדין, די געברידער לוריא, ווארשא, ז' 42.

1938 "האט זיך פון אלץ אויסגעלאזן א בוידעם. איך געליבטער האט זי אוועקגעווארפן ". מאנ, נאענטע געשטאלטן, ווארשע, ז' 193.

[צוויי השערות וועגן אפשטאם פון ווערטל:
א) "אין פארבינדונג מיט "באדעם - באדן " - אלץ איז אויסגערונען, געבליבן נאר דער באדן, דער דעק, גרונט" |קטור|. ב) דער רעיון פון ווערטל איז |...|, אנשטאט דעם געהאפטן פאלאץ אדער הויז באקומט זיך גאר א בוידעם... מיר האט אבער |...| באוויזן באותו ומופתים א ליטווישער גרויסער רב שליט"א, אז דאס זאל אויך האבן טיפע ווארצלען אין דער באקאנטער שקלא=וטריא פון גמרא וועגן דין ' בית ועליה - א הויז און א בוידעם, ווו באהאנדלענדיק די פראגע ( בבא מציעא, בבא בתרא, נדרים אאז"וו ) צי א בוידעם איז בכלל הויז |...| קלערט מען, אויב, א שטייגער, ראובן זאגט צו שמעונען: איך פארקויף דיר 'מיין' הויז, און עס לאזט זיך אויס, אז ער, ראובן, האט קיין אנדער הויז ניט ווי א בוידעם". עקיבא גאלענפאל, אונדזערע אידיאמען, ז' 11.|.

פארקריכן אויפן בוידעם - אראפגיין פון דער טעמע, רעדן ניט צו דער זאך, פארפלאנטערן אן ענין.

1902 "אשר זיצט און שרייבט דעם ראפארט |...|, וועך ראפארט, וואס ראפארט, ער איז פארקראכן אויפן בוידעם, געמאכט זיבן גרייזן אין איין רגע". זש' דער לאנדארבייטער, ווילנא, ז' 214.

<u>פון א הוידעם ווערט א בוידעם</u> – ( <u>רעג, גאליציע</u> )
"פון א קליינער זאך מאכט מען א גרויסע זאך, מע
צעבלאזט אן ענין" | <u>קטור</u> |.

<u>פון א גרויסן הוידעם ווערט א קליינער בוידעם</u> –
( <u>לאקל, סאניק, גאליציע</u> ) – פון גרויסע פלענער,
פון טומל ארום אן ענין, לאזט זיך אויס גארניט
אדער גאר א קליינינקייט. | <u>יישפ</u> XIV – 1, ז' 28|.

<u>שלעפן די קו אויפן בוידעם</u> – טאן אן ארבעט קאפויער,
ניט לאגיש, זיך מאטערנדיק אומזיסט, אנשטאט צו
מאכן עס פשוט. | דאס היי פאר דער קו פלעגט זיין
אויפן בוידעם, איז שכלדיק אראפצונעמען עס פון
בוידעם, איידער ארויפצושלעפן די קו אהינצו |.

<u>אראפפאלן ( ווי ) פון בוידעם</u> | <u>זן</u> ארייגפאלן | –
~~[illegible]~~ – אזוי
זאגט מען אויף עמעצן, וואס ווערט איבערגעראשט פון
א ידיעה, געשעעניש, וואס איז אלעמען באקאנט.
% אויף משהן פרעגסטו זיך, <u>ביסט פון בוידעם אראפגעפאלן</u>?
ער איז שוין זינט יארן אוועקגעפארן.
1898" דערויף | הערנדיק דאס | איז דאס טעכטערל
<u>אריינגעפאלן אזוי ווי פון בוידעם</u> און האט
געשריגן |...|". <u>מ. מ. אויזערקיס</u>, <u>דער פריוואט-
לעהרער</u>, IV, ~~[illegible]~~ ברילהאָלבוטש, ז' 70.

<u>מיט מיר שלאגט ( שאקלט ) מען אויס דעם בוידעם</u> –
איך האב נישט קיין ווערט, קיין חשיבות – אויסדרוק
פון אמתער אדער כלומרשטער עניוות, אונטערטעניקייט.
| <u>סטוטש</u> 547 |.

וואָרפן די צייג(ער) אויפן בוידעם - ניט האָבן שוין גאָרניט וואָס צו עסן, ניט האָבן אין גאַנצן קיין פּרנסה.

1913" א יידישער לערער איז ( קיין שום צוועק ניט: ווען ער ווערט אַלט אָדער |...| שלאָף אָדער ווען ער גייט אַרויס פון דער מאָדע ( וואָרעם יידישע לערערס זיינען נאָך דער מאָדע ), מאַג ער געוויס וואָרפן די צייגער אויפן בוידעם". ט. קאַמינסקי, א ביאָגראַפיע פון א ישראל=קלען, קיעוו.

דער טאַטע האָט אים געמאַכט אויפן בוידעם - זאָגט מען שפּאַטיש אויף איינעם וואָס גריישט זיך מיט זיין הויכן אָפּשטאַם, מיט אמתן אָדער כּלומרשטן ייחוס.
| יישפ, VI, 3 - 6, ז' 56. |.

אַז די קו עסט קלייען, שאַקלט זיך דער בוידעם - [illegible] שפּאַטיש וועגן אַן אומלאָגישן, אַבסורדאַלן אויספיר, וועגן א ראיה וואָס איז קיין ראיה נישט.

ם בודים/בודם/באַדן.
1.

1676" ר' יהושע הוט |...| אין מכבד געוועזן אונ' הוט אין גיליגט אויף דען באַדן אונ' הוט אים די לייטר הינוועק גינומן |...|". ברנט שפּיגל, פפד"מ, פּרק כט.

1716" אונ' דער אהוד קאַם צו אים אונ' ער | דער מלך | זאָס עבין בעלית אויף דעם בודים |...|". סהמ III, שופטים, ווילהרמרשדאָרף, כא - I.

1795" לאָזן מיר גין אויף דעם בודם אין אונזרין הויז |...|". קה, הוראָדנאַ, תקנ"ה.

2. ←-----

" תחתים שנים ושלישים - אונטרשטע בודים, אנדרי בודים, 1737
דריטי בודים". מש, !7-.

בוידעמשטוב - די, שטיבער/שטובן,
מער געניצט די פקפ בוידעמשטיבל ( דאס, =עך ).
א וווינונג, ס'רוב פון איין צימער, צוגעבויט
אויפן בוידעם אין איינער פון די דאכזייטן;
אייבערשטיבל, פאצעאט(ק)ע. % די מעלה פון
קליינעם בוידעמשטיבל איז געווען דאס קיילעכיקע
פענצטערל, פון וואנען מע האט געזען דאס גאנצע
שטעטל. דער זיידענער איידעם איז גאנצע טעג
געזעסן אין זיין בוידעמשטיבל און עוסק געווען בתורה.

1924" און געוווינט אין א בוידעמשטוב וואלט ער דארט
ערגעץ, // וווּ סע רינט אריין דורכן דאך א רעגן".
מלה, די גאלדענע פאווע, קליוולאנד, ז' 82.

1925" |...| דעמאלט זענען זיי ביידע געווען יונגע
בחורימלעך, ביידע געוווינט אין איין בוידעמשטיבל
אין קראקע " ייז, "אויף פרעמדער ערד ",
ווארשע, ציט אנט, ז' 281.

1964" |...| יידישע שרייבער וואס זיינען געקומען
נישט פון נגידישע היימען |...| נאר פון קעלערס
און בוידעמשטובן ". זש' פאריזער צייטשריפט,
נ' 33, פאריז, ז' 60.

1970" מיר קומען אן אין א בוידעמשטיבל פון א יידיש
הויז, דורך א צופאל האבן די דייטשן ניט באוויזן
צו פארזיגלען דאס הויז ". ה. יאכימעק, יעקב זלאטשעוו,
ת"א, ז' 334.

<u>אין בוידעמשטיבל איז פוסט</u> – אויף איינעם וואס פעלט אים שכל, איז ניט פעיק.

<u>גערירט אויפן בוידעמשטיבל</u> – אויף עמעצן וואס איז ניט ביי די קלארע געדאנקען; גערירט פון זינען.

ב ו י ד ע ר – דער, =ס. אומגעהייער גרויסע זאך, | ל2 |.

1934" א פאר מאזשארעס הויכע, אומגעלומפערטע <u>בוידערס</u> |...| אן פערד און לייפיק". <u>נס</u>, <u>הויפטשטעט</u>, כארקאוו, ז' 234.

באמ: ס'איז מסתמא א לאקאליזם, ביי אונדז | וואלין | נישט געהערט.

ב ו י ד ע ק – דער, |=עס?|. (<u>גלש</u>) בוידעם [Kurka]

ב וֹ י וו אָ ל – דער, =ן. ווילדער אקס, בופלאקס.

1904" |...| ווייטער פון די שטעלער | שטאלן | פון די <u>בוֹיוואלן</u> קענען זיי ניט גיין ". <u>ק. גזשטיינבערג</u>, <u>הינדא אידעלסאן</u>, קראקע, ז' 12.

1922" נאך דער שטארקייט נאך טיילט זיך רינדפעל אויף גאר שטארקע <u>בוֹיוואל=פעל</u> און ביקעס=פעל". <u>ה. וואלאך</u>, <u>האנטביכל פאר לעדער אויסארבעטונג I</u>, פעטראגראד, ז' 5.

|| <u>=יש</u> – <u>אדי</u>. ( ווי ) פון א בויוואל.

1938" |...| דאס גראבע <u>בוֹיוואלישע</u> פנים פון דער מאדעמואזעל לעווי |...|". <u>ז. סקאלאוו</u>, <u>צייטן בייטן זיך</u>, ווילנע, ז' 39.

ב ו י ו נ ג - די, =ען. 1. אקט אדער רעזולטאט פון בויען ( א בנין, וועג, בריק, מאשין אע ).

דזוו בוי, ב1. % מעכאניזירטע בויונג פון הייזער. די בויונג פון נייע קווארטאלן אין ירושלים. מע פלאנירט שוין די בויונג פון א קאנאל צווישן מיטללענדישן ים און ים המלח.

1929" די שטאט איז נאך פארחרובט |...| און דער ארטווירט | ארטיקער ווירטשאפטלעכער קאמיטעט | האט ניט געהאט קיין געלט אויף קיין נייער בויונג". מ. טייטש, ארום דער פאבריק, מינסק, ז' 42.

1932" חוץ דעם פאדערט זיך פונעם זאוואד פאר מאשין= בויונג, אז דער אייזנגוס זאל זיין פון א הויכער קוואליטעט". ל. פרומין, וואס דארף מען וויסן וועגן א וואגראנקע, כארקאוו, ז' 4.

1951" רייכערע יידן |...| באטייליקן זיך אויך אין אייזנבאן=בויונג און מלוכה=פאדריאדן ". מ. ווישניצער, זב ליטע I, נ"י, 1951.

2. ( סאוו ) קאמפלעקס פון בנינים, פאבריקן, איינרי־כטונגען אין פראצעס פון אויפבוי. % די גרויסע בויונגען פון פינפיארפלאן. די יוגנטלעכע זיינען אוועק אויף די נייע בויונגען פון וויטן מזרח.

1971" מיט א פוטיאווקע | דאקומענט פון א שליחות | פון קאמיוג | קאמוניסטישער יוגנט=פארבאנד | בין איך אוועק אויף א בויונג ". ד. דראגונסקי, סה '65, נ' 3, ז' 31.

1972" ער שרייבט לויבגעזאנגען צו די נייע בויונגען און ער טוט עס פונעם גאנצן הארצן ". ~~ש. ל. שניידערמאן~~ ש. ל. שניידערמאן, גק, נ' 77, ז' 68.

3. ( פיג ) שאפונג, אויפשטעלונג, ארגאניזאציע פון עפעס. % קולטור=בוי‏ונג. סאציאליסטישע בוי‏ונג, די חלוצים האבן פארלייגט די פונדאמענטן אין דער בוי‏ונג פון מדינת=ישראל.

1923" און דאך איז די רעלאטיוויטעטס=טעאריע נישט קיין צעשטערונג, נאר א בוי‏ונג, א קריטיק מיטן צוועק צו שאפן ". ק. גוטנבוים, ספעציעלע און אלגעמיינע רעלאטיוויטעטס=טעאריע, ווארשע, ז׳ 27.

1948 " די יידישע סאציאליסטישע בוי‏ונג אין סאוועטן=לאנד |...| וואלט מער דערגרייכט, ווען זי וואלט אריינגעהאלטן אין זיך אט דעם עלעמענט". ב. ריווקין, גרונט=טענדענצן פון דער יידישער ליטעראטור, נ"י, ז׳ 225.

1951" איך האב געפרעגט, צוליב וואס איז נייטיק די גאנצע בוי‏ונג פון דער אויטאנאמיע אין ליטע". ל. בערגער, זב ליטע I, נ"י, ז׳ 231.

ם בוי־ ב׳ו׳י ז ו י כ ט / ב ו ז ו י ה ט - דער,

.BOESE WICHT: מה"ד. |=ן?|. שלעכטער מענטש, רשע, מנוול.

... " אונ׳ זאמיל אל יהודה אונ ׳ קום דען ווידר גלייך. // איך לוש דעם בויזוויכט שבע ניט מיין קיניגרייך ". שב, סטראפע 1633.

... " המן, דער בויזוויכט // די בר לירן די יודן הט ער גטיכט | געדאכט, געחלומט |". מגילה מינכן, מ/109 א.

| 1508 | " נבל - איין בוזוו"יהט, ל׳ רשע". רייכלין 8, | תי: מנוול |.

ב ו י ט - דער, =ן. שטעקן צו בויטען ( צעמישן, צעוויגן) דאס וואסער ביים כאפן פיש.

1948" די סעטקע | נעץ | האט זיך געטריקנט אויף דער זון, // דער 'בויט' איז געשטאנען לעבן איר".

י. ראלניק, גל, נ"י, ז' 165.

..." און איך בין פארלאפן א שטיק אויף צוריק // מיטן 'בויט' אין די הענט // און דעם וואסער געפאטשט און געשלאגן ". דארט 166.

ב ו י ט ו ן - דער, =עס. ----> באלטון.

(?נ?)

באמ: ס'וואלט געדארפט זיין 'באָוטון'. Цк: бовтун

ב ו י ט ל - דאס, =עך. ( [illegible] (борозда?) ) קנייטש, פארטיפונג, רינעלע.

| 1909 |" די פאדערשטע טייל פונעם קאפמארך הייסט גרויסער מארך און באשטייט פון צוויי העלפט; אויף בײדע העלפט(טייל) געפינען זיך בויטלעך ( פורכע, (борозди) וועלכע זיי הייסן אויך קרימונגען". איבז ש. ליוועו, ד"ר א. א. גאלדשטיין, צומישונג און משוגעת, פיעטרקאוו.

באמ: [illegible] 'בײַטל', פון בײַטן. אוכ... :

ב ו י ט ן = ז א מ ל ש ט ע ל - די, =ן. ( שגל ) זאמלפונקט פון קריגסרויב, וואס די דייטשן האבן ארגאניזירט בעת דער צווייטער וועלט=מלחמה אין די אקופירטע געגנטן.

D: Beute.

1955 " בראש פון איינער פון די בויטן=זאמלשטעלן
איז געשטאנען א דייטשער לייטענאנט |...|".
ייבל, XXIX, ז' 155.

בויטע=לאגער - דער, =ן. דזוו דפוו.

(רשגל)

2. סקלאד מיט פארכאפטן געווער.

1957" בויטע=לאגער - סקלאד מיט פארכאפטן סאוועטישן
געווער, ווו ס'ארבעטן יידן און גנבנען פון דארטן
געווער וואס מע ברענגט אריין אין געטא |...|.
בלום, יישפ XVII- 2, ז' 59.

ב ו י ט ע - דער, =ס. (שש) „אפגעלאזענער,
פארגרעבטער מענטש" |קטוו|.

ב ו י ט ע|ן - טרוו, פפ בויטעו. צעוויגן, אויפרירן
א פליסיקייט פון איר סטאבילן, שטייַקן צושטאנד
דורך מישן, טרייסלען אע. % די קינדער בויטען
דאס וואסער פון טייכל מיט שטעקנס און שטיינער.
דאס שווענקעכץ דארף מען א ביסל בויטען פארן באניצן.

1926" גיסט אויס די פליסיקייט גלייך אויפן פילטער
( בויטעט ניט די פליסיקייט )". יאב II, ז' 56.

1965 " זיי זיינען דורכגעפארן |...| די הרעבליע אין
וועלכער עס האבן |...| געבויטעט די |...| בלויעלעכע
כוואליעס פון סטאוואק". נאטע לוריע, הימל און
ערד, מאסקווע, ז' 133.

2. ( פיג ) צעטרייסלען, אויפרודערן עפעס, ארויספירן פון רויקן מצב.

1932" ער איז צו גלייך צום אויסגעשפרייטן פאפיר=בויגן, א בויטע געטאן די אויגן |...| ווי ער גרונטעוועט עפעס פון זייער טיף ". א. קאהאן, אינזשעניערן, קיעוו, ז' 27.

1934" געדיכטע מאסן מענטשן האבן מיט הענטבאוועגונגען געבויטעט די לופט". ש. ברעגמאן, ~~אויפן~~ אופן מיזרעכ איז אומרויק, מאסקווע, ז' 125.

1974 " די גלאקן |...| טרייסלען, בויטען און רודערן אויף די נאכט ". ע. שעכטמאן, ערב !!!, ...ז' 3.

..." וואס בויטע איך כוואליעס פון היץ?". האפ. גל, ...ז' 25.

בויטען זיך - אוטוו. 1. ( וועגן א פליסיקייט ) ווארפן זיך אהין און אהער, שאקלען זיך, ניט זיין אין א שטייִקן צושטאנד.

1929" דער מיטאגדיקער ארבעסזופ האט זיך געבויטעט פארשעמט אין די בלעכענע באקעס, קיינער האט ניט געגעסן". פמ, דאר=אויס, דאר=איינ", כארקאוו.

1939" |...| ביים אויסזען פונעם ביטערן געטראנק, וואס בויטעט זיך אין די ליכטיקע, גלעזערנע וועגנטלעך". אי. קיפניס, פון די יונגע יארן, קיעוו, | ז' 265? |.

2. ( פיג ) אויפרודערן זיך, צעמישן זיך.

1898" א ווארטש פונעם סטאנאוואיס | פאליציי=עלטסטער | הונט |...| מאכט שוין א שרעקלעכן רושם, אז אלע מוחות הייבן זיך אן צו בויטען, און די קאלוזשע קאכט שוין ". ייל, ניט טויט ניט לעבעדיק, ווילנא, ז' 10.

ב ו י ט ר ו ק - דער, =עס. ( לאקל, מינסק )

" א מערדער, א גזלן, נידעריקסטער מענטש" | קטוו |.

ב ו י ט ש - דער, =ן. קלאנג פון א קלאפ, פון א פאל.

1969 ..." ער האט דערהערט גאר א מאדנעם בויטש אין וואסער". קצז, 613 גש, II, ת"א, 1969, ז' 98.

בויטש בערל אין פאמוינציצע! - זאגט מען ווען עמעצער פאלט פלוצעם אריין אין די רייד, דער עיקר ווען ניט צו דער זאך. | יישפ, XXV- 2, ז' 57.

ב ו י ט ש ע - די, בא. ( לאקל, ווילנע ) "מורא.

" ער האט פאר אים בויטשע". | קטוו |.

ב ו י ט ש ע ן I - אוטוו. ( שש ) באטשקען, באלעבעטשען, פלאפלען.

1932" וואס בויטשעסטו, וועלכע יאפאניער? וואס איז דען, זיי האלטן מלחמה?". ש. ברעגמאן, דורך קריג און רעוואלוציע, אדעס, ז' 299.

ב ו י ט ש ע ן II ( לאקל, שקלאוו? ). שאקלען, טרייסלען ( מיטן קאפ ).

1938" ביסט א קצב? - נח פאנדרע האט, ווי אן אקס, א בויטש געטאן מיטן שווערן קאפ". זש, נח פאנדרע [ג"ל ?], ווארשע, ז' 27.

1951" |...| ווי ירחמיאלקע טאנצט |...| אויף איין פיסל, ווי ער בויטשעט דערביי מיטן קאפ |...|". זש, שקלאווער קינדער, נ"י, ז' 80.

1963" משהקע גיט א שאקל צו מיטן קאפ - בויטשע מיר
ניט מיטן 'קירבעס', הערסט? איך וויל ווערטער,
וויל איך". זש, טמז VIII, 18.

ב ו י ך - דער, מצ בייכער, פקפ בייכל, בייכעלע.

1. דער טייל פון גוף ביי מענטשן און בעלי=חיים, ווו עס געפינט זיך דער פארדיי=אפאראט, די נירן, די אינעווייניקסטע געשלעכט=ארגאנען. % די בלינדע קישקע איז אין דער רעכטער זייט פון בויך. מע האט אים אפערירט אויפן בויך. זי ליידט פון גאזן אין בויך.

1850" ווען איין מענש עסט אופט קנאביל צו טרייבט עס ווינטין פון דעם בויך, און לאקסירן זי באמילך און מאכין דעם בויך ווייך. תעלה ארוכה, לבוב.

1945" די וויסנשאפט זאל אויפטאן, וואס זי וויל |...| האט מען געשניטן לעבעדיקע בייכער. סעג, איצטער, נ"י, ז' 30.

1962" יעקב און עשיו זענען ארויס פון איין בויך". באש, פאר, VII/ 14.

2. פאדערשטע און דרויסנדיקע זייט פון גוף צווישן ברוסטקאסטן און די לענדן. % ער ליגט אויפן בויך. מע האט צוגעלייגט א ווארעמפלאש צום בויך.

1876" דאס ווייבל האט זיך געמוזט טובלען אויפן בויך". ~~מע האט צוגעלייגט א~~ ייל, דאס משלחת, זשיטאמיר, ז' 29.

~~1905" |...| דארף מען צולייגן צום בויך לייכטע פריפארקעס פון אנגעווארעמטע האבער". א אינסטרוקציע פון ווילנער גוראטשעבנע אטדיעליעניע, ווילנא, ז' 13.~~

1924" נעמט דער באק און גיט דעם חכם ווי מיט א טשוואק
א דוצקע אין סאמע בויך אריין ". מלה, גאלדענע
פאווע, קליוולאנד, ז' 181.

1971" |...| א נידעריקער, מיט א בויך וואס האט זיך
ארויסגעפאלדעוועט אריבערן גארטל פון זיין קיטל".
ב. רעסלער, טמז, VI/9.

3. ( שש ) מאָגן און געדערעם. % דער בויך טוט ווי.
אנשטאפן דעם בויך.

1843" ווארום ( בטנך ערימת חטים ) דיין בויך איז גרויס
און שיין אזוי ווי א הויפן ווייץ מוזטו אים אנפולן
מיט גוטע שפייז". איבז א. ל. בראנדיס,
ס' שיח ספונים, יאס, ז' 55.

1873" דיין טרפהנער מזל, וואס דענסטמאל איז
מיר דאס |?| בויך געווען איבערפול". ממוס,
די קליאטשע, ציט אויסג ווארשע 1924, ז' 74.

1932" דאס א תכלית דען: מיט פלייש דאס בייכעלע צו
שטאפן? |...| איך געדענק נאר וואס איך לייג אין
בויך". אשט, משלים I, טשערנאוויץ, ז' 40.

4. ( פיג ) חלל, דער אינעווייניק פון עפעס.

|193...| " איינציקווייז האט מען זיך אראפגעלאזט
אין בויך פון דער שיף ". אפא XI, ווילנע, ז' 18.

" דער וועג איז סכנהדיק, אז דו זאלסט אים קאנען
דורכמאכן אינעם בויך פון אן איילטאנקער".
ק. צעטניק, גק, נ' 75, ז' 99.

1960" וועך די ערד האט נאך ניט געהאט אויפגעפראלט
איר בויך איינצושלינגען אזוי פיל יידישע לעבנס".
יג, איך תוך גענומען, נ"י, ז' 38.

|| =אטע - אדי. 1. מיט א גרויסן בויך.

2. אויסגעפוקלט, רונדיק.

=קעוואטע - אדי. דזוו דפווּ | קסוו 199 |.

0 בויך=אטעמען - דאס, בא.

1927" בשעתן געוויינלעכן רויקן אטעמען, דערהויפט בעת מיר זיצן, באטייליקט זיך אין די אטעם-באוועגונגען נאר די דיאפראגמע. דאס ווערט אנגערופן בויכ=אטעמען". 1452

ב. בערלס, מענטש=מאשין, קיעוו, ז' 53.

בויכבאנד - דער, מצ. בענדער. דזוו בויכגארטל (<--).

1924" אנשטאט א קארסעט איז אייגנטלעך ריכטיק צו טראגן א בויכבאנד ( לייב באנד ) און אויף דער ברוסט א לייבל, א ברוסטהאלטער". פגעז, נ' 8, ווילנע. 1453

בויך=באשיצער - דער =ס. דזוו דפוו.

... " פיל ניצלעכער זיינען אפט די בויכבאשיצער אדער אזוינע ברייטע גארטלען אונטערצושפארן און באשיצן דעם בויך". ד"ר מעריסאן, היגיענע,...ז'... 1454

בויכבייטל - דער, =ען | סטוטש 240 |. ביי געוויסע בעלי=חיים ( למשל, קענגורו ) אן ארט ווו סהאלטן זיך אויף זייערע קליינווארג.

בויכגיל - די =ן, דזוו בויכדריז ( פאנקרעאס )

1927" דער צווייטער זאפט וואס נעמט דורך די שפייזקאשע פון דער דינער קישקע, דאס איז דער דורכזיכטיקער זאפט פון דער רויטלעכער בויכגיל - פאנקרעאס - וואס ליגט אונטערן מאגן". ט. בערלס, מענטש=מאשין, קיעוו, ז' 20.

בויכגעפעס - דאס, =ן. | סטוטש 240 | . בלוט-אדערן

אין בויך.

בויכגרימונג - --> בויכגרימעניש,

בויכגרימעניש - דאס, =ן. ווייטיקן אין בויך.

בויכהויט - די, בא. | סטוטש 240 | פקפ בויכהייטל.

בויכווינט - דער =ן | סטוטש ~~219~~ 219 | וואס קומט אַרויס

פון פארדיי- אפאראט.

בויכוועגטל - דאס, =עך.

1938" די בויכוועגטלעך נאך דער שוואנגערשאפט הערן

1488 אויף צו זיין עלאסטיש, באזונדערס בייט זיך די

הויט פון בויך. ביי א זיך איבערחזרדיקער שוואנגער-

שאפט האבן מיר מער שלאבערדיקע בויכוועגטלעך ".

ב. הערצפעלד, מוטער און קינד, ריגע, ז' 44.

בויכייד - דער, =ן. ( פיג, איר ) איינער וואס זיין

יידישקייט באגרענעצט זיך צו ליב האבן יידישע מאכלים.

| ? |" און אויב עס זענען פאראן "אויך" און "בויכיידן",

1507 פארוואס זאלן קיין סימבאל=און צייכן = יידן נישט

זיין ?". פרץ IX, ז' 109.

1940" צו די צוויי נארדיישע קאטעגאריעס פון"אויך"=

1508 און בויכיידן" מוז מען צוגעבן נאך א דריטע:

זאל=זיין=אזוי=יידן". א. קאראלניק, שריפטן II,

נ"י, ז' 210.

בויכמוסק(ו)ל - דער, =ען. משופעדיקע, שיפע, קווערע

בויכמוסקלען. | סטוטש 240 | .

1908" די געבורט קומט פון די טעטיקייט און נאטירלעכע

אייגנשאפטן פון דער געבערמוטער און בויכמוסקולן,

וואס קארטשען זיך שטארק צוזאמען און דרוקן

| דריקן | ארויס דאס קינד". | איבז | עצות פאר דעם

פרויען=לעבען, ווארשע, ז' 26.

בויכמוסקולאטור - די, בא. | סטוטש 240 | .

בויכפאנצער - דער, =ס. | מארק ווב 442 | . דזוו

בויכהויט.

בויכפֿאס - דער, =ן. ( לז ) ---> בויכגאַרטל.

בויכפֿאַקער - דער, =ס. ( שלש )

בויכפֿרעס - דער, | מארק ווב 1294 |. פרעסער.

=ן. דזוו בויכהויט.

1925" דאס רעגלמעסיקע אטעמען ווידער קרעפטיקט דעם בויכפֿרעס און די געדערעם ". פגעז, ווילנע, ז'7.

בויכפיסיק - אדי. בויכפיסיקע מאַלוסקן | סטוטש 246 |.

בויכפלאש - די. =מצ פלעשער/פלאשן. ווארעמפלאש צוצולייגן צום בויך.

1926" טייל פלעגן שמוגלען שפירט און בלעכן ווי "ספרים", זיי צעלייגן אויף די בענק, טייל פלעגן מאכן 1531
בויכפלאשן". א. בערמאַן, דאס פוילישע שטעטל, ווארשע, ז' 20.

בויכפעל - די מצ דז. דזוו בויכהויט.

בויכקוויטשער - דער = ס. ( איר ) קליין קינד |?|.

19?? א ווייבל מיט א בויכקוויטשער ". אש, א שטעטל,
1904 ... ווארשע, ז' 117. 1537

בויכקניפל - דאס, =עך. נערוון-בינדונג אין בויך. | סטוטש 240 |.

בויכקעסל - דער, =עך. "טיפער קיילעכיקער טאל" | קטוו |.

בויכקראַנקהייט - די, =ן. בויכקריכער - דער =ס. רעפטיל ( קלאס בעלי חיים ) | סטוטש 246 |.

בויכרונד - אדי/אדוו. אויסגעפוקלט.

1894" מילכגלאז, נישט גלאט, אין ווערלען מיט קרעצלעך |?| מיט מארשלקעס קאנקאוו ( בויך=רונד ) אן פארצירונג". ווארשעווער יודישער פאמיליען-קאלענדאר, ארויסגעגעבן פון מ. ספעקטאר, תרנ"ד, ז' 180.

בויכרימען - דער, =ס. פאסיק, גארטל.

1964" אין זיין לויזן, רויטן מאנטל, מיט דעם גרויסן בייטל, אנגעשנאלט אויפן בויכרימען"; ש. איזבאן, 1549
טמז, V/9.

בויכשאס - דער, =ן, א וווּנד איין רעזולטאט פון א שאס אין בויך.

1931" ושמע מאיש אחד שמצא אותו |...| בשפיטאל באוווסט-
1559 לאז לאחר יאוש ל"ע וגם שמע שהיה לו בויכשאס
| טעקסט: בויכשוס |". ז. וו. נוסענבוים, שו"ת
זיו הלבנון, פיעטרקוב, תרצא, ז' 42.

בויכשטאפער - דער, =עס. ( איר ) פרעסער | מארק, ווב1294 | .

בויכשטימע - די, =עס. א קול וואס גייט ווי פון בויך, ענלעך צו באס.

|?...|" און יוסילע |...| הערט גאר נישט לייזער'ס
1561 קללות |...| מיט לייזערס צוזינגען אויף זייך
בויכשטימע ". שע, יוסילע סאלאוויי.

בויכשייד - די/ דער - =ן. דיאפראגמע.

1926" מיט וואס איז אפגעטיילט דער בויך=חלל פונעם
1562 ברוסט=חלל? דאס הארט=הייטלדיק בלוילעך שיידווענטל
צווישן די ביידע חלל'ס | פון ברוסט און בויך |
רופט מען בויכשייד אדער דיאפראגמע". יאכ, I,
קיעוו, ז' 279.

בויכשמערצן - ~~...~~ בויכווייטיק. 13, 3א. (פעמיש)

בויכשניידונג - די, ען. פפא בויכשניידעניש. שארפער ווייטיק אין בויך.

1927" אזוי גערופענע בליי=קאליק. אונטער דעם דאזיקן
1564 נאמען פארשטייט מען אטאקעס פון בויכשניידונג,
אנפאלן פון שרעקלעכע שמערצלעכע ווייטאגן אין בויך".
ד"ר גאלדבורט. היגיענע פון דרוקער, ווילנע, ז' 13.

בויכשניידער - דער, =ס. ( שש ) מערדער, באנדיט.

1947" מיטן זעלבן רעכט האט מען מיך דאך געקאנט אנרופן
1565 |...| דזשיק דער בויכשניידער, איין רייצן, אנרייצן
אויף אן אומשולדיקן מענטשן". סעג, געברענטע ערד,
ב"א, 1947, ז' 173.

27 גראבער בויך - א) דיקער מענטש. ב) ( שלש ) רייכער אבער קארגער מענטש. ג) ( איר ) פרעסער.

א גראבער בויך מיט א ליידיקן מוח - א גראבער נפש, אן עם=הארץ. אנגעפּוישטער בויך - פולער, אנגעשטאפטער.

געבענטשטער בויך - א) פון א פרוי וואס האט א סך קינדער. ב) פון א פרוי וואס אירע קינדער זיינען לייטישע, פיינע מענטשן.

1940" חנצע, וואס ווייגט איר? איר האט א געבענטשטן בויך, איר דארפט שטאלצירן מיט אייערע קינדער". אי. דרוקער, קלעזמער, קיעוו, ז' 41.

פּפּ: הויך ווי א בויך, א בויך ווי א בארג. וואר: א בויך ווי א קעסלפויק, א בויך ווי ביי א פרנס. צעוואקסן ווי דעם גלחס בויך.

בלייבן אן א בויך לאכנדיק (פון געלעכטער). וואר: קאטשען ( קייקלען ) זיך פון געלעכטער אויף די בייכער.

ער פּאטשט זיך אין בייכל - ( איר ) אויף עמעצן וואס איז זעלבסט צופרידן, מיינט אז ער האט שוין דערגרייכט דאס זייניקע.

קומען מיט א פולן בויך - קומען מיט א סך נייעס, רייד.

אריינלייגן א קאץ אין בויך - זאגן עמעצן עפעס וואס פארשאפט זארג, באאומרויקט. % דער דאקטאר האט זיך צו פיל נאכגעפרעגט וועגן קראנקע אויף ראק אין מיין משפחה - ער האט מיר שוין אריינגעלייגט א קאץ אין בויך אריין.

אויסטאן ( נאקעט ) ווי פון דער מאמעס בויך - באנעמען, בארא בעוועו.

ער רעדט פון בויך - ער דערציילט זאכן אויסגעטראכטע, נישט געשטויגן, נישט געפלויגן.

רייסן זיך אויפן בויך - א) שרייען פון בויכווייטיק.
ב) שרייען, אדער זינגען צו הויך.

1867 " ווער איז, א שטייגער, מחויב זיך צו רייסן אויפן בויך די גאנצע ימים=נוראים?". קמ, נ׳ 43, I - 322.

קריכן אויפן בויך - זיך אונטערלעקן צו עמעצן, זיין צו פיל הכנעהדיק.

אנפּוישן דעם בויך - א) עסן צו פיל, איבערעסן זיך.
ב) פארפולן דעם מאגן מיט פליסיקע זאכן.

איינרעדן א קינד אין בויך - דערציילן (פּארלייגן, צורעדן צו) א זאך וואס איז א פאנטאזיע, עקזיסטירט ניט.

איינרעדן זיך א קינד אין בויך - האבן פאלשע אילוזיעס.

1971 "|...| האט זיך איינגערעדט א קינד אין בויך און אויף אן אמת געמיינט, אז אט שרייבט ער אן |...| אזוי כאפט מען און מען דרוקט אפ". אי. קיפּניס, מיין שטעטעלע סלאוועשנע, II, ת"א, ז׳...

עס גרימט אין בויך - א) האבן בויכווייטיק.
ב) פארזארגט צוליב עפעס, האבן מורא פאר עפעס.

ער האט לעכלעך אין בויך - אויף עמעצן וואס וויפל ער עסט, איז ער אלץ הונגעריק.

פארזינדיקט אין דער מאמעס בויך - ס׳איז שוין אזוי באשערט, פארפאלן, ס׳קומט אזוי ( אויסדרוק פון רעזיגנאציע, ייאוש ).

ס׳איז א בויכזאך - ס׳איז אויסגעטראכט, ס׳האט נישט קיין גרונט ( דזוו א בויך=סברה ).

ס׳געגנדזלט ( זיך) אין בויך - א) מ׳איז הונגעריק;
ב) מ׳האט חשק צו עפעס, ס׳גלוסט זיך.

אויסוויקלען א בויך - איינע פון די סגולות וואס אמאליקע זנאכערס, בעלי=שם פלעגן באניצן ביים היילן קראנקייטן.

1881" אזא יידינע דארף |...| האבן א שטיקל דיעה אין כישוף, |...| קאנען אפשפרעכן איין עין=הרע, אויסגיסן אייער און וואקס, אויסוויקלען א בויך |...| אויף אזא זנאכערקע קאן מען שוין זיכער זיך פארלאזן ". י. שאצקעס, דער יודישער פאר פסח, ווארשע, ז' 91.

האבן א בויך (בייכל), (ארומ)גיין מיט א בויך – זיין מעוברת, טראגעדיק.

דער בויך איז שוין ביי איר אויף (וואר: העכער פון) דער נאז – זי איז שוין אין די הויכע חדשים, נאענט צו גיין צו קינד.

מאכן א בייכל (בויך) – (ווייב) מאכן מעוברת, שוואנגער.

1972" און אז דער חתן=בחור וועט מיר מאכן א בייכל, וואס דאמאלט? – א בייכל איז א בייכל. וועסט קריגן אלץ וואס דו ברויכסט ביז נאך דער קימפעט ". באש, פאר, IV /28.

ברענגען א בויך – דזוו דפוו.

1922" זאגט זי: פון מיינעטוועגן קאן ער זיך הענגען, ר'וועט א בויך מיר ברענגען". ל. מלאך, אפּפאַל, ווארשע, ז' 25.

מיטן (פולן) בויך צו דער מגילה – אויף א כלה וואס איז מעוברת געווארן פאר דער חופה.

שוו: אין בויך זיינען קיין פענצטער ניטא – א) וואס מע עסט איז גוט, קיינער זעט ניט; ב) קיינער זעט ניט צי עמעצער איז הונגעריק אדער זאט.

דער בויך איז ניט פון גלאז, וואס מע לייגט אריין, זעט זיך ניט ארויס – דזוו דפוו.

וואס אין דעם בויך זעט קיינער ניט, וואס אויף דעם בויך זעען אלע - "א בכבודיקער מענטש שפארט אפ דעם ביסן פון מויל און ער קליידט זיך אנשטענדיק". | עלזעט, יידישע מאכלים, ווארשע, 1920, ז' 6 |.

דער בויך פארשלינגט דעם קאפ מיטן שכל - א) די דאגה וועגן פרנסה, חיונה איז דאס וויכטיקסטע אין די געדאנקען פון מענטשן; ב) ווען א מענטש איז הונגעריק, קאן ער אפטאן די גרעסטע נארישקייט, אפילו א פארברעך.

פון קארטאפל אין דער אייגענער יויך ווערט דול דער קאפ און פויל דער בויך - קארטאפל אליין איז זייער א מאגערע, קנאפע שפייז ( קארטאפל איז געווען אמאל די הויפטשפייז פון ארעמאן ).

דער בויך איז פול, דער קאפ איז דול, דער פישער איז פריילעך - ( ווולג ) דאס טרינקען אליין, אפילו א סך ( טיי, וואסער אע ) גיט גאר ניט צו דער זעטיקייט.

וואס פולער דער בויך אלץ ליידיקער דער קאפ - ( שלש ) אויף א רייכן אבער נארישן מענטשן.

אז דער בויך לעבט, ציט דער קאפ - ווען דער מענטש איז זאט, קאן ער טראכטן.

אז מען האט פאראיבל, טוט וויי דער בויך.

בעסער דער בויך זאל פלאצן, איידער גאטס גאב זאל גיין אין ניוועץ - וועגן א באלעבאסטע וואס זשאלעוועט ארויסצווארפן דאס איבערגעבליבענע און עסט עס אויף כאטש זי איז זאט.

אז ס'איז פול דער בויך, איז זאט די נשמה אויך - דער זאטער קאן האבן אויך אין זינען רוחניותדיקע, גייסטיקע ענינים.

וואס דאס קינד זעט אין בויך,טוט עס דערנאך.אויך –

קינדער זיינען גראטן אין די עלטערן, אויך אין

כאראקטער, מעשים.

כריין איז גוט פאר די ציין, יויך איז גוט פארן בויך –

דאס ערשטע איז נאר א געשמאק=צוגאב, דאס צווייטע

איז זעטיק.

קללות: א שניידעניש ( וואר: קלאג, מכה, פייער קרענק )

אים אין בויך!

שניידן זאל דיר אין בויך און אין די קישקעס!

דרייען זאל אים דער בויך ווי א קאטערינקע!

א באלעכע אין דער לינקער זייט בויך!

זאלץ אין די אויגן און שטיינער אין בויך! – ספעציעלער

שפרוך אויף עמעצן, וואס זאגט ארויס אפן קינאה,

ווען מע האט מורה פאר א גוט=אויג אע.

אויסגערונען האט ער געדארפט ווערן אין דער מאמעס בויך!

אזא געמיינער, שלעכטער מענטש האט גאר ניט געדארפט

געבוירן ווערן. אויסגערונען ווערן האב איך

געדארפט אין מיין מאמעס בויך – אויסדרוק פון ייאוש,

פארביטערונג, שלעכטן מצב.

1930" האב איך נישט געמעגט אויסגערונען ווערן ביי

דער מאמען אין בויך?". ווייס, א שלעכטע פרוי,

ווארשע, ז' 152.

וואס א ( דער ) גראבער בויך קאסט, זאל איך(עס)

פארמאגן, ( נאר ) וואס ער האט די ווערט, זאלן מיינע

שונאים פארמאגן – אויף א רייכן אבער קארגן,

שלעכטן מענטשן, אן עם=הארץ דערצו.

ם בויך/בוך/בויאך/בוכא, מצ ~ בייך/בויכין,

מה"ד : Bûch.

1. ←----

"1625 ( בבטן ) איך אזו אייך בויך דז מיין בישעפר האט מיך בישפן |...|". סהמ, איוב, לא - טו, לובלין.

"1679 |...| מיט בענשונג, פון ברישטן אונ' בויכין".
י. בליץ, בראשית, מט - כה.

"1723 א טייל ווייבר הט מן דיא בייך אויף גשניטן אונ' קאצן הריין גיטאן ". שמחה הנפש I, אמשטרדם, ל"ח/א.

2. ←-----

|XV| יה |" דא שטיש ער | יואב | איר | דער אלמנהט מאכטער | דאש שווערט אונ' דיא האנט איך בויך היניין ". שב, סטראפע 1332.

|?1508|" גחון - דמבוכא, ל' בטן". רייכלין 8, בראשית ג - יד. | תי: אויף דיין בויך זאלסטו קריכן |.

"1711אונ' ( אהוד ) שטאך גאר באלד דאש שווערט אים אין זיין בויך". צוק, מגילת רות, אמשטרדם, תע"א, קסב - 4.

3. ←------

| ?1508 |" וקרבו - אונ זין בויך, ל' בטנו". רייכלין 8, ויקרא, א - ט. | תי: זיינע איינגעווייד | .

"1724 דערנאך שטעלן זיא | די חזנים | זיך פר דעם עמוד זינגן און זאגן. מיט פולן בויך אונ' מאגן".
ר' יואל חזן, ריח ניחוח, פיורדא, ציט י.שאצקי, אמעריקאנער פנקס I, נ"י, 1927, ז' 188.

4. ←----

| ? 1508 |" בתחתיות ארץ - אין דן בויכא". רייכלין 8, תהילים,קלט - טו. | תי: איך די טיפענישן פון דער ערד |.

ב ו י כ ג א ר ט ל - דער, =עך. 1. ברייטער באַנד
(פּאַס) ארומצונעמען דעם בויך, כדי אים אויפצוהייבן,
איינשטייפן אדער וואַרעמען. % ער ניצט שטענדיק
א בויכגאַרטל, מע זאל ניט זען זיין גרויסן בויך.

1886" די געניטשאַפט האט באַוויזן, אז מע האלט וואַרעם
דעם בויך מיט א פלאַנעלענעם אדער א טוכענעם
בויכגאַרטל ( נאַברושניק ) איז זייער געזונט".
ייפאַל, נ' 29, ז' 454.

2. טייל פון פערדגעשפאַן - א רימען פון זאטל, וואָס
ציט ארום דעם בויך פון פערד, % מע דאַרף גוט
איינציען דעם בויכגאַרטל, אז דער זאטל זאל זיך
ניט אראָפּגליטשן.

1934" |...| די גלעקעלעך צוגעטשעפּעט צו איר אויפן
בויכגאַרטל". מלה, לו 503 II, ז'103.

ב ו י כ ג ר י מ ו נ ג - די, =ען. ( ) 1153
בויך=גרימעניש, ב 1.

1836" ווען דער מאגן איז געזונט |...| און זי לייט
| ליידט | ניט קיינע שמערצן, דהיינו ארויפשטויסונג, 1464
ברעכן, בויכגרימונג ". מלכה בערלאַנט, די גליק-
לעכע מוטער, ווילנא, ז' 5.

ב ו י ך=ג ר י מ ע נ י ש - דאָס, =ן. 1. קראַמפּן,
ספּאַזמאַטישע ווייטיקן אין מאגן, געדערעם.
% ער האט זיך איבערגעגעסן און גלייך דערפילט
א בויך=גרימעניש.

1885" ביי שרה=טויבע די קצבטע, איז נישט פאר קיין
1465 ייד געדאכט, האט א בתולה פון זיבעצן יאר באקומען
<u>בויך=גרימעניש</u> |...| דער רופא האט געזאגט, רחמנא
יצילנו |...| אז עס וואקסט איר גאר א מענטש אין בויך".
<u>א. ניסבאום</u>, <u>פעסעלע די גאבעטע</u>, ווארשא, ז' 29.

1963" האט ער ווידער גענומען מאכן גרימאסן, ווי אים
1468 וואלט באפאלן א <u>בויך=גרימעניש</u>". <u>חג</u>, <u>טמז</u>, <u>VIII</u>/16.

2. ( <u>פיג</u> ) פארדראס, עגמת=נפש. % פארגעם זיך ניט
מיט קיין ריזיקאלישע עסקים, וועסטו פארשפארן צרות
און <u>בויכגרימעניש</u>.

ב ו י כ ד ר י ז – ( <u>אנאט</u> ) אונטערמאגן=דריז;
<u>פאנקרעאס</u>.

1921" דער <u>בויכדריזן</u>=זאפט איז א דורכזיכטיקע פליסיקייט
1471 |...| דאס גיט ארויס פון זיך די רויטלעכע <u>בויכדריזע</u>
( פאנקרעאס ), וואס ליגט הינטער דעם מאגן".
<u>ד"ר א. איסעל | בעל=מחשבות |</u>, א. שמייל,
<u>דער מענטש</u>, ווילנע, ז' 32.

ב ו י כ ו ו א ָ ר ע ם – דער, <u>מצ</u> ~ ווערעם. | <u>סטוטש</u> 247 |.
ווארעם וואס פאריזיטירט אין די אינגעווייד פון
מענטשן.

ב ו י כ ו ו י י ט א ָ ג – ---- <u>בויכווייטיק</u>.

ב ו י כ ו וי ט י ק - דער, =ן. פֿא בויכווייטאג.

1. ווייטיק אין מאגן, געדערעם אין רעזולטאט פון שטערונגען אין דער פארדייונג פון שפייז.

1824" ווען דער זייגלינג |...| האט בויך=ווייטיג,
1480 שלשול, זא קאן מען דענקען דיא מילך דער אמע | אם,
זויגערין | איז דאצו דיא סיבה". איבז ישעיה
|...| ריף, ד"ר קריסטאף גירטנער, לימוד תחלאי
הילדים, ווילנא.

1871" האסט מיין עצה נישט געברויכט דעמאלט נייטיק,
1481 // ווייל דו האסט געהאט בויכווייטיק". ב. א.רוף,
דער שיכור |...|, ווארשא, ז' 11.

2. ( פיג ) עגמת=נפש, פארדראס, קלאפאט.

... " נאך אזוי פיל קאפדארעניש, אזו פיל בויכווייטיק
1485 אריינגעבראכט, געלויבט איז גאט, דעם טייערן גאסט
פסח". ממוס, א שטאט אין מזרח, ... ז' 27.

אנקומען ( עמעצן ) מיט בויכווייטיק - קריגן
דערגרייכן עפעס מיט גרויס שוועריקייט, נאך א סך
מי און עגמת=נפש.

1888" אז דער מאמען איז מיט בויכווייטיק אנגעקומען
1483 צו נעמען אין קלייטל אויף בארג פעפער, צימערינג
און מעל אויף שבת". ממוס, ווינטשפינגערל, 1911,
ווארשע, ז' 27.

אנמאכן בויכווייטיק - פארשאפן, ברענגען עמעצן
פארדראס, צרות.

1864" לייזער האט מורא געהאט, איך זאל מיט דער צייט
1484 נישט ארויסווארפן עפעס אזוינע נייע מאדעס, וואס
וועלן אים אנמאכן בויכווייטיק |...|". ממוס,
דאס קליינע מענטשעלע, ... 1910, ז' 32.

בעסער הארצווייטיק, איידער בויכווייטיק (שוו) -
א) איך ווערטלעכן זינען אז הארצקראנהייט איז געפערלעכער. ב) עגמת-נפש, פארדראס איז א מאל ערגער פון פיזישן ווייטיק.

1940" און איך האלט פון דעם כלל, אז איידער הארצווייטיק, איז בעסער בויכווייטיק. פון בויכווייטיק האט מען כאטש פריער פארגעניגן". אי. דרוקער, קלעזמער, קיעוו, ז' 124.

בויכווייטיק זאלסטו האבן אין א זומערטאג און ציינווייטיק - אין א ווינטערנאכט (קללה, טייל מאל שפאסיק) - זומער, דער טאג איז לאנג, צו עסן איז דא א סך (פרוכטן, גרינסן) און עסן קאן מען ניט; ווינטער, די נאכט איז לאנג, אין דרויסן איז קאלט, און שווער איבערצוווארטן ביז טאג, מע זאל קאנען אנקומען צו א דאקטאר.

ב ו י ך = ח ל ל | כאלעל | - דער, =ס. (אנאט)
די אויסהוילונג פון גוף, אין וועלכער עס געפינען זיך דער מאגן, די געדערעם.

1926" |...| ווערט פאר איך אנטבלויזט אויפן דנא פון בויך=חלל און פוןביידע זייטן רוקנביין |...| די נירן". יאכ I, קיעוו, ז' 235. 1492

1927" די נירן |...| זיי ליגן ביי דער הינטערשטער וואנט פון בויך=חלל". ט. בערלין, מענטש=מאשין, קיעוו, ז' 57. 1490

ב ו י כ ט א נ ץ - דער, ~ טענץ. אריענטאלישער טאנץ פון פרויען, וואס מאכן כוואליעדיקע ריטמישע באוועגונגען מיטן מיטעלן טייל פון קערפער, ניט רירנדיק זיך פון ארט, דערביי פארווארפט די טענצערין די הענט איבערן קאפ און בייגט זיך אויס א ביסל אויף צוריק.

1960" זינגער האבן זיך געציקלט, טענצערינס האבן
געטאנצט אלערליי פארשיטע **בויכטענץ**". ייט, 1494
טאג, VI/18.

..." דארטן טאנצט די פרוי |...| טאנצט דעם **בויכטאנץ**".
סוצ, פור II, ת"א, ז' 198. 1493

ב ו י כ ט י פ ו ס - דער, בא. (מעד) איינע פון די פארמעס פון טיפוס, א שארפע אנשטעקנדיקע קראנקייט, כאראקטעריזירט זיך מיט דער אלגעמיינער פארגיפטונג פון ארגאניזם, אנאטאמישע ענדערונגען אין דער שליימהויט פון די קישקעס, פארגרעסערונג פון דער לעבער און מילץ.

1926" דער **בויכטיפוס** ווערט ארויסגערופן דורך דעם,
וואס א געוויסע באצילע |...| דרינגט אריין אין די 1505
געדערעם פון מענטשן, מאכן אן ווונדן אין די קישקעס".
פגעז, נ' 18.

1970" דער גרויסער הונגער אין ווינטער אנהייב 1942
האט |...| געבראכט די ערשטע עפידעמיע פון **בויכטיפוס**". 1502
רעד' ר. מאהלער, סאנץ, ת"א, ז' 777.

ב ו י כ ט ש ע ן - אוטוו, (שש) "געבן א קלאפ,
א שטויס, א זעץ" | קטוו 60 |.

ב ו י כ י ק - אדי/אדוו. 1. פּפּ: בייכיק. וואס
איז פון ( שייך צו ) בויך.

1938" בויכיק [illegible] צעשמעלצט זיך דאס גלחישע
פרעפלעך ". אל. [illegible]דער און פּאָעמען III, נ"י, ז' 19.

1967" |...| געפרעגט מיט א ראציק קול, וואס האט
ארויסגעכארכלט פון די בויכיקע טיפענישן ".
באש, שוים, פּאר VIII /19.

2. וואס האט ( איז מיט ) א גרויסן בויך.

1905" ער האט באקומען א גרויסן קאפּיטאל און איז אײַן
געווארן דיק, א בויכיקער". וו. ליטינסקי,
דער כריזיס, בערדיטשעוו, ז' 2.

1938" ליגט דער גראבער בויכיקער, געלט=פארשיכורטער
בעל=הבית פארגראבן איך שניי, ער פילט: ער שטארבט".
קאר I, נ"י, ז' 288.

3. ארויסגעפּוקלט, רונדיק ענלעך צו א בויך.

1898" א פון ביידע זייטן בויכיק, בולט גלאז, וואס נעמט
צוזאמען די זונשטראלן |...|". ד. מאהפין,
די לעהרע פון לעבען, בערלין, ז' 6.

1971 " דאס פלעשל פון בוימל איז געווען |...| א בויכיקס".
אי. קיפּניס, מײַן שטעטעלע סלאווועשנע, I.
ת"א, ז' 55.

ב ו י כ ן (זיך) - אוטוו. אויספּוקלען זיך, אויס-
בייגן זיך רונדיק, ווי א בויך.

1949" בויכט א פונדאמענט זיך יוסט // ווי ער וואלט
א סוד געוווסט". רוב, נאכט אויף נאלעווקעס,
נ"י, ז' 82.

1969" דער קלומיק בויכט ניט אויף זיין הארב - // 1579

ער קלייבט די אויבסט אין זיין קארב". מ. לאקער, 1577
אונטערן נוסנבוים, | נ"י ?|.

ב ו י ך = ס ב ר א |=סוואָרע| - די, ~=סברות
| סוואָרעס|. ארויסזאג ( מיינונג, דעה ) אָן שום
באווייז, אָן א יסוד. % בטלנים, הינטערן=אויוון=
יידן האבן זיך געאמפערט, ארויסגעזאגט אלערליי
בויך=סברות וועגן וויזיט פון באראן ראטשילד.

1873" |...| אדער איך מיש מיך גלאט אריין אויף גאסט
בעראט מיט עצות אין זיינע זאכן און זאג מיר 1522
בויך=סברות". ממוס, קליאטשע, ציט אויסג
ווארשע 1913, ז' 108.

1896" אזעלכע מיני טרעפעניש, בויך=סברות, האבן זייער
א קליינעם וויסנשאפטלעכן ווערט; איינעם קאָן זיך 1520
דאכטן אזוי און דעם צווייטן פונקט קאפויער".
איבז |?|, פון קודריאווסקי, אדם=הראשונס דורות,
ווארשע, ז' 7.

1965" עס פילט זיך שטארק דעם מחברס סכאלאסטישער
געדאנקען=גאנג |...| בעתן אנאליזירן פאליטישע
סיטואציעס, וואס פירט |...| צו סאפיסטיק און צו
מאכן בויך=סברות". ח. לייקאוויטש, זב ליטע II,
ת"א, ז' 646.

ב ו י כ ע ן - אוטוו. "שלאגן אין בויך" | קטוו |.

ב ו י כ ק ע ן - טרוו. שטויסן, קלאפן, שלאגן.
?..." דאס קלענערע צוויי=יאריקע קינד |...| האט זי
געבויכקעט מיט די פויסטן". בערג, | ווערק?...| 1583/84
" און זיינע פיס האבן דערביי אָן אויפהער געבויכקעט".
דצוו.

ב ו י כ ר ע ד ע ר - דער, =ס, פּפֿ: בויכריידער, זן בויכרעדנער. א מענטש וואס קאן רעדן אזוי, אז דאס קול, דאכט זיך, קומט ניט פון אים, נאר פון עמעצן אנדערש, אדער פון עפעס וואס איז ווייט פון אים; ווענטרילאָקיסט. % די ליפן פון בויכרעדער אויף דער בינע באוועגן זיך ניט און דאס קול הערט זיך ווי פון איינעם פון זאל. פלוצעם הערט זיך דאס בילן פון א הונט, כאטש שום כלב איז דא ניטא - דאס האט דער בויכרעדער אונדז איבערגעשראקן.

1884" עס וואר דא אין ווילנע א געוויסער בויכריידער,
1545 וואס האט געמוסטירט | מושטירהט? | עטלעכע
פולקן אויף א מאל און זיין שטימע איז געגאנגען
פארביי יעדערן באזונדער". אמד, שבתי צבי,
ווילנע, ז' 27.

1939" ענטפערט אים דער גוי מיט א ווייטן קול פון
1544 א בויכריידער". זש, ביים דניעפער, ווילנע, ז' 375.

2. (פיג, איר) " וועגן איינעם וואס רעדט א סך, צו פיל, עס רעדט פון אים ארויס" | קטוו |.

בויך=רעדעריי - 1. דאס רעדן פון בויך.

2. די מלאכה, באשעפטיקונג פון א בויכרעדער.

1884" די גרעסטע קונסט פון אלע באטריגערישע | אפנארערישע |
1548 קינצלעכקייט, וואס גרויסע חכמים האבן ערפונדן
| אויסגעפונען | און באטריגער | שווינדלערס | האבן
עס באנוצט |...| איז די בויכריידעריי". אמד,
שבתי צבי, ווילנע, ז' 26.

1907.3" ער האט מיך אויסגעלערנט |...| נאך א סך
1557 זאכן. א שטייגער, בויכרעדעריי". שע, מאטל I,
[illegible], ז' 227,
[illegible], נ"י, 1937,

(2 ℓ)

ב ו י ל ב ע ן - אוטווע בולבען/בולקען. ארויס-
געבן דעם קלאנג "בול=בול" ביים איבערגיסן עפעס,
אדער ביים זידן פון א פליסיקייט.

ב ו י ל ע - דער, =ס. 1.(לאקל?,שקלאוו) אקס,
בויוואל.

1944" איינגעשפארט זיך, ווי די בוילעס, מיט הערנער
איך וואנט". זש, קיסר און רבי, נ"י, ז' 104.

2. (שש) " נאַר, אומגעלומפערטער נפש" | קטוו |.

ב ו י ם - דער, מצביימער, זן בוימען. פֿקפֿ
ביימל, ביימעלע, זן בוימדל. 1. פיליאריק געוויקס
מיט א הארטן און הויכן שטאם, וואס צעצווייגט זיך
אין א קרוין. % ( פאר ) פלאנצן א בוים.
האדעווען ( קולטיווירן ) ביימער. צעצווייגטער,
צעוואקסענער, געדיכטער בוים. שיטערער, פארדארטער,
נאקעטער בוים. בליענדיקער בוים. (אויס)האקן,
אראפלאזן ביימער. ( ארויפקריכן אויפן בוים,
אראפקריכן פון בוים. די בארן אויפן בוים זיינען
שוין צייטיק.

?.| 1815/1828? | " האב און | איך | זייא גנומין און
האב זייא איבר גטראגין צו דעם בוים". סיפורי
מעשיות פון ר' נחמן בראסלעווער, מעשה מהז'
בעטלירס | ז' עג/ג |.

1861" מען טאר נים אריין פלאנצן איין מין בוים אין
דעם אנדערין ". משניות, זרעים, קעניגסבערג,
ב/לו.

| פל |" אוי דו בוים, אוי דו ביימעלע, דו הערסט
דאך אויס אלע סודות".

... " ווינטערצייט האלט זיך איין דער בוים אין ווייסן
מאנטל און דרימלט". פרץ, II, ז' 570.

1915" די ברעגן איינגעדעקט // מיט שאטנס פון די
בוימען". הר, געדיכטע און לידער, נ"י,
ז' 32.

1920 " דזשאן, דו האסט א האק צווישן דיינע פעקלעך,
נעם און האק דאס בוימדל אויס". דפ, ב' V
דראמען, די בערג=שטייגערער, נ"י, ז' 342.

~~1952" מיט ביידע הענט האט ער זיך אנגעכאפט אין שטאם~~
~~פון בוים". ברוס, ביי די טייכן פון באליעסטן,~~
~~נ"י, ז' 318.~~

1972" דער שניי |...| אויף די צווייגן פון ביימער
און קווייטן און אנגעצויגן א ווייסקייט אויפן
שווארץ פון באלקאנישע אייזנשטאנגען". ח. ראזענפארב,
בוים פון לעבן I, ת"א, ז' 524.

2.( פיג ) גראפישע סכעמע אין דער פארעם פון א בוים
פארצושטעלן שייכותן ( אפשטאם, אפהענגיקייט,
היערארכיע, צעצווייגונג ). % גענעאלאגישער בוים
( יחוס=בוים, שטאמבוים ). די ארגאניזאציע פון דער
רעגירונג איז פארגעשטעלט אין דער געשטאלט פון א בוים.

3. ( ארכ ) מאסט, מאסטבוים.

1805" זיא | זיי, די בוימזעגלערס | מאכין שטארק דעם
בוים מיט שטארקע שטריק". איבז א. פאוויר,
י. הפניני, בחינת עולם, זאלקווא, תקס"ה, נט- 1.

4. ( וועבערײַ ) " דער גרויסער ראל ביים וועבשטול,
אויף וועלכן עס זענען פארוויקלט די פעדעם, וואס
גייען לענגויס דעם געוועב "x | קסוו | .

5. ( פיג, ) ( שגל ) תליה.

1949" געטריבן האט מען זיי | די יידן | צום הענקער-
פלאץ, ווו אויף יעדן האט געווארט א בוים ( תליה )".
מ. באכנער, טשכזשאנאוו, רעגנסבורג, ז׳ 325.

||=יכע - די, =ס. ( שנש ) בוים וואס זעט אויס ווי
א פרוי.

1927" א נאקעטע בוימיכע אויף א פעלד שטייט איינגעבויגן".
א. לוצקי, נעמט עס |...|, נ"י, ז׳ 67.

1938" דער בלעטערוואלד איז געשטאנען אן אלולדיקער
|...| אין צימרינגדיקע קרינאלינעס האבן זיך
בוימיכעס אויסגעפוצט און אין געלבע אלטמאדישע
טשיפיקעס". זש, נח פאנדרע, ווארשע, ז׳ 390.

0 בוימאייל - ----> בוימל.

בוימבלאט - דער/דאס.

1885" זיי | די פרימיטיווע מענטשן | פלעגן זיך באדעקן
מיט בוימבלעטער זיך צו באשירעמען פון היץ און
קעלט". א. ג. דער פראצעס, ווארשע, ז׳ 5.

בוימגעפלעכט - דאס, =ן. געדיכט צונויפגעפלאכטענע
צווייגן פון בוים.

1929" ווען ס׳פלאצט א צווייג אין בוימגעפלעכט |...|".
האל, ווייי און מוט, מאסקווע, ז׳ 29.

בוים=האדעוועך - דער, =ס. גערטנער וואס קולטיווירט
ביימער | סטוטש 251 |.

בוימוואל - ----> באנוול.

בוימוואקס - דער, באַ | סטוטש 213 |.

בוימווארצל - דער, =ען. בוימווייס - דאס, באַ.
( שנש ) בליִעכץ, צוויט.

1944" עס שיט זיך פון קוסט דאס בוימוויילס אפ".

נאד, מודה אני, נ"י, ז' 81.

בוימזאפט - דער, =ן.

1945" אז איינער שטעלט אן | מאכט קעז | מיט בוימזאפט

פון עולה איז אסור". פיעט, עולה, א - ז.

בוימזעגלער - דער, מצ דז. (עלט)מאטראס וואס

פארנעמט זיך מיט די זעגלען פון שיף.

1805" אונ רופין אלי צייט שיף רידירש אונ בוים זעגליר

דיא דא געהן גאר טיף אין ים |...|". איבז א. פאויר,

בחינות עולם, זאלקווא, תקס"ה, נט - 1.

בוים=לבוש |=לעווהש | - דער, =ן. קאָרע | מארק ווב 326 |. (?נ?)

בוימפרוכט - די, =ן.

1885" |...| און האבן זיך ערנערט פון בוימפרוכט

און קרויט |...|". א. ג. דער פראצעס |...|,

ווארשא, ז' 5.

בוימקרוין - די, =ען . מצ ביימער=קרוינען.( באַט)

דער צוזאמענשטעל פון די אייבערשטע צווייגן און

בלעטער פון א בוים | סטוטש 250 |.

1973" |...| געזען דעם גלי פון דער זון איבער די

ביימער=קרוינען". מ. דלוזשנאוווסקי, זש' צוקונפט,

יאנואר, ז' 12.

בוימשפיץ - דער, =ן. העכסטער טייל פון בוים.

1934" נאר אז עס קאן דער האן נישט אויסמיידן די נאכט,

// אפילו ווען ער גרייכט צום העכסטן בוימשפיץ".

מלה, גאלדענע פאווע, קליוולאנד, ז' 208.

ביימערבראך, ביימער=האדעוואניע און אנדערע מיט

' ביימער=... ווי א באשטימטיל - זען דאס זוכווארט

"ביימער".

אשבוים, בארנבוים, בוקסבוים און אנדערע נעמען

פוןביימער און צוגויפהעפטן מיטן הויפטטייל

= 'בוים' - זבם, לויט די באשטימטיילן פון ווארט.

אויפסבוים - ---> פרוכטבוים.

בלעטערבוים - א בוים וואס זיינע בלעטער זיינען דינע און פלאך אויסגעשפרייטע גרינע פלעטקעס, פלאסטינקעס (צום אונטערשיידן פון א נאדלבוים).

% דער עפלבוים, דער דעמב זיינען בלעטערביימער.

געווירצבוים - א בוים פון וועלכן מע באקומט געווירצן.

% דער פעפערבוים איז א געווירצבוים. אין די טראפישע לענדער וואקסן א סך געווירצביימער.

דארנבוים - א קוסט וואס האט שטעכלקעס אויף זיינע שטענגלעך אדער בלעטער. % דער דארנבוים האט געברענט און ניט פארברענט געווארן.

האלצבוים - א בוים וואס מע קאן אים ניצן צו פארשיידענע אויסארבעטונגען (מעבל, בוי אע) די סאסנע איז א גוטער האלצבוים. דער בוקסבוים געהערט צו די טייערסטע האלצביימער.

פרוכטבוים - א בוים וואס דער מענטש קאן ניצן זיינע פרוכטן צום עסן. % לעבן דער שטוב וואקסן עטלעכע פרוכטביימער - ווייַנשלביימער, בארנביימער אע.

קוסט(נ)בוים - א צעצווייגט האלציק געוויקס, וואס זיינע שטאמען זיינען דינע; קוסטס % מאלינעס, אגרעסן וואקסן אויף קוסטנביימער.

פפ: אלייך ווי א בוים אין פעלד. נאקעט (אפגעריסן) ווי ביימער אום ווינטער. פאלן ווי אן אפגעזעגטער (אפגעהאקטער) בוים. אפפאלן ווי א שישקע פון א בוים. ציטערן (טרייסלען זיך) ווי א בוים אין ווינט. וואקסן ווי א בוים ביים טייך. שטארק ווי א בוים. דיק ווי א בוים.

בו - 135.

יונג ווי א ביימעלע.    א בחור ווי א בוים.

בליען ווי א בוים ( אין פרילינג )

אזא בוים! - אנגענומען צו זאגן וועגן א יונג פארשטאר-
בענעם מענטשן.

בוים פון וויסן - דער עץ=הדעת פון דעם תנ"ך.

1941" און גאט |...| האט געמאכט שפראצן אלערליי ביימער
|...| אויך דעם בוים פון לעבן |...| און דעם
בוים פון וויסן גוטס און שלעכטס. תי, בראשית,
ב - 9.

שוו: א בוים בייגט זיך ( נאר [ד] ), ווען ער איז יונג -
דעם כאראקטער פון אן עלטערן מענטשן איז שווער צו
ענדערן, מע קאן אים געשטאלטיקן נאר יונגערהייט.

איבער אן איינגעבויגענעם בוים שפרינגען אלע ציגן -
אן אונטערטעניקער מענטש לאזט זיך פון אלעמען
באהערשן.

א יונג ביימעלע בייגט זיך—אן-אלטס ברעכט זיך -
א קינד לאזט זיך דערציען, ניט אזוי א דערוואקסענער.

[די פֿרוכט]
דאס פֿרילע/מוז ( דארף ) זיך אויסשטיין אויפן בוים-
קינדער דארפן ניט פריצייטיק פארלאזן זייער היים
( אויך בנוגע חתונה האבן ).

פון פארטריקנטע ביימער קומען קיין פירות ניט ארויס -
וועגן פארזעסענע בחורים און מיידלעך.

א בוים שאצט מען לויט זיינע פירות - א) עלטערן שאצט
מען לויט ווי זיי האבן דערצויגן זייערע קינדער;
ב) יעדער ארבעט שאצט מען לויט די רעזולטאטן.

דאס עפעלע פאלט ניט ווייט פון ביימעלע - אויף
קינדער וואס זיינען אין זייער התנהגות ( כאראקטער)
געניצט
גראטן אין די עלטערן. (/ ס'רוב אין נעגאטיווע פאלן ).

<u>ביימער אין וואלד זיינען אויך ניט גלייך</u> - יעדער מענטש איז א באזונדערער וועלט.

<u>צוליב דעם וואלד זעט מען ניט די ביימער</u> - א) אויף עמעצן וואס באמערקט ניט פרטים וואס זיינען וויכטיק; ב) מע זעט די מאסע, דעם קאלעקטיוו, אבער ניט די באזונדערע מענטשן.

<u>אז די נאסע ביימער ברענען, וואס זאלן שוין די טרוקענע זאגן</u> - אויב דעם רייכן, דעם שטארקן איז שלעכט, ווי איז שוין דער מצב פון דעם ארעמען און שוואכן?

<u>אז סע רייסט זיך אפ א צווייגל ווייזט מען, אז עס פאלט א בוים שווייגט מען</u> - א) ווען מע באדויערט מער אן אומוויכטיקע זאך, ווי א וויכטיקע, ב) עלטערן באוויינען מער א קינד, ווי קינדער זייערע עלטערן.

/בעֹים

ם <u>בוים/בומא/באם/בם</u>. | <u>מצ</u> בוימן. | מה"ד: bôm/boum/bâm

1. <---

|... XIV|" דש ער וואד דר הנגין אן איינן <u>בוים</u> גויט". <u>מגל</u>, ש' 1351.

" און אים די גויטן <u>בם</u> דר ערין ניט גינדין". <u>דצוו</u>, ש' 1350.

|1508?|" עצה - איר בומא, כלומ' אילנות שבה". <u>רייכלין 8</u>, דברים כ, יט.

1541" דא רייש ער אויש אייך <u>באם</u> מיט זיינר ווארצילן אונ' שלוג בבא |...|" <u>בבא</u>, 375, 8-7, איסני.

1696" דא אייטל גוטי קרייטיק זייך גיוואקסן דיא גאר וואיל גישמעקט האבן אונ' <u>בוימן</u> גישטנדן דיא גוטי פירות האבן גיטראגן". <u>ספר מעשה השם</u>, <u>ציט אוטע דדד</u>, ז' 455.

1723" עש איז אסור אום צו שטייגן אויף איינם <u>בוים</u> אן שבת". <u>לט 1</u>, אמשטרדם, 80/1.

1766 " דען אונזרי תפילות ווערן אן גנעם,// אונזרי קינדר ווערן זייך יונגי <u>בעם</u>. דיא בליהן אונ' וואקסן אין דר תורה". <u>אבן ישראל</u>, מעץ, הקדמה דף 1.

ב ו י מ א י י ל - -----> בוימל.

ב ו י מ ג א נ ד ז - די, = ~ געגדז. מין פויגל.

1885" | די בוימגאנדז | וווינט אין שאטלאנד |...| נערנערט זיך פון מושל=ווערעם. מיט איר שנאבל העפט ער זיך אן אן צווייג און הענגט מיט זיין קערפער אראפ, דארום האט מען געמיינט אין פאריקע צייטן, דאס די גאנדז וואקסט פון בוים". א. ג. דער פרענצעס, ווארשא, ז' 56.

ב ו י מ ג א ר ט ן - דער, מצ ~ גערטנער. (עלט׳ א) פרוכטגארטן, סאד.

1814" אזו זענן מיר גקומן אין אייך בוים גארטן עס איז ניט צו דר שרייבן דעם גשמאק פון דעם בוים גארטן". מעשה עמנואל, שקלאוו, תקע"ד.

1883" זענען זיי | די חכמים | אים נאכגעגאנגען פון איין הייל אין דער אנדערער ביז זיי זענען געקומען אין א בוימגארטן". נופת צופים ( אויף חומש ), ווילנא, דף יח - ז.

1936" דיינע פעלדער זיינען אזוי גוט גלייך א בוימגארטן פון מילגרוימען מיט זיסע פרוכט". מחזור ע"ט, בית ישראל |...|, פסח I, שה"ש. | תי: דיינע צווייגן - א סאד מילגרוימען. שה"ש ד - יג.|.

ם בוים גארטן / בום גרטא, מצ בוים גערטין.

| ? 1508 |" פרדס - איין בום גרטא ". רייכלין 8, שה"ש, ד - יג. | תי: א סאד |.

1610" איין משל צו איין מלך דער דא האט איין בוים גארטן |...|". טח, מדרש, דברים כב - ז.

1722" איך האב מיר גערטין אונ' בוים גערטין גימאכט
אונ' האב מיר אלרלייא פרוכט דעם דרין גיפלאנצט".
איבז מ. פרנקפורט, מנורת המאור, אמשטרדם, 3/א.

בוימגעשפּינס=מאָל - די, =ן. | ווייבער ל |.
אינסעקט פון דער משפּחה מאָלן | סטוטש 247 |.

בוימגריל - די, =ן. גראַדפליגלדיקער אינסעקט
פון דער משפּחה גרילן | סטוטש 247 |.

בוימוואָל - דער, בא. () באוול
( <---- ) 1. סובטראָפּיש געוויקס ( Gossypium )
פון דער משפּחה מאַלוועדיקע ( Malvaceal ),
די פיברע זיינע ניצט מען אויסצואַרבעטן פעדעם,
וואַטע, צעלולאָזע.

2. די פיברע פון דעם געוויקס.

1954" די מאמע האט געשפּונען בוימוואָל און איך האב
איר געהאָלפן ". ר. ענגלענדער, יזב כעלם,
יאָהאַנעסבורג, ז' 666.

3. פאָדעם, גאַרן אויסגעשפּינט פון דער בוימוואָל-פיברע.

4. טעקסטילשטאָף, אויסגעוועבט פון בוימוואָל=גאַרן.

1900" מער פון אלעמען האבן געליטן פון ' געזעץ קעגן
קאָאַליציאָנען' די ארבעטער פון בוימוואָל=און געוואַנט=
פּראָדוקציאָן ". די געשיכטע פון די ענגלישע ארבייטער=
בונדען, זשענעוו, ז' 29.

5. וואטע.

1865" זי וויקלט עס | די גליק=פיגורקע | איין אין בוימוואל, שטעקט עס ביי זיך אין ביזעם | בוזעם | אריין |...|". א. ב. רוף, אדעליע=ראזע, ווארשע, ז' 14.

ם בוים וואל / באמוואל.

4. ←-----

1711" נייאה סחורה דיא האט קיין מאס אונ' קיין צאל פון אלע לייא גוטי גטיאך אונ' קארטונן פון בוים וואל". איין נייאס קלאג ליד, ציט אווע !!!, ז' 490.

5. ←-----

1676" |...| דש זיא זיך זול רעכט בודק זיין מיט איינם ווישן טוך איין ריינש אונ' דש ווייך איז |...| דש זיא זיך קאן אויף אלטי | אלע |זייטן בודק זיין. באמוואל איז אויך גוט ". ברנט שפיגל, פפד"מ, פרק לג - .

1727" |...| וואש איבר בלייבט | פון אויסגעברענטן בראנפן | טונקט בוים וואל איין אונ' ליג | לייג | אויף די ציין | אונ' לאז דעם אום פלויט ארויז פליסן אויז דען מויאל". סור, ז' כא - I.

ב ו י מ וו א ל ן - אדי. וואלענע, =ער.

פון בוימוואל | באוול |.

1866" ווער עס דארף קויפן |...| מאנופאקטור=סחורות הן אין זיידנצייג, וואלצייג |...|, בוימוואלענע סחורות |...|, קמ, נ' 16, ז' 249.

ב ו י מ ז ש אָ ב ע - די, =ס. מין זשאבע ( Rana ). (Engl: common tree frog )

1962" מיט די גיפטיקע דריזן פון איין זשאבע, וועלכע ווערט אנגערופן די בוימזשאבע ( ווייל זי קאן קלעטערן אויףביימער ) פלעגן די אינדיאנער אנשמירן פופציק פיילן". א. יאקובזאן, פאר, II/18.

ב ו י מ ט ר י ל ע ר ל - דאס, =עך. פויגל פון דער גרופע טרילערס | סטוטש 247 |.

ב ו י מ יַ נ ס ט ע ר - ----> בוימייסטער.

ב ו י מ יַ ס ט ע ר - דער, =ס. פפֿ בוימיינסטער.

1. ( אַלט ) ארכיטעקט אדער אנפירער פון בויונגען.

1900" הלכו וקנו מקום לבנין בהכנ"ס | בית=הכנסת | ועשו קאנטראקט עם בוימייסטער". הרב גרשון ליטש |...| שו"ת משיב דברים, חלק אורח חיים, מונקאטש, דף יג/1.

1936" האט דער בוימייסטער צו אים געזאגט, דו פארשטייסט ניט, וואס העכער די הויז דארף זיין, טיפער מוז מען גראבן דעם פונדאמענט". מחזור ע"ט, בית ישראל, יום=כיפור II, ווילנא, ז׳ 184.

1973" כדאי אפשר צו דערמאנען, אז אויך סקאַלע האט זיך געבויט |...| אן אינזשעניערן און אן ארכיטעקטן, ס׳האט געניגנט א בוימייסטער". נ. בלומענטאל, צוריקבליקן, ת"א, ז׳ 17.

ביז

2. בעל=מלאכה, ארבעטער ביי בויונג.

1862" דער ביבער איז א גרויסער קינצלער, וויא דער בעסטער בוימייגסטער, עס קומן זיך עטליכע ביבערס צוזאמען |...| און זיי בויאן זיך א היבש הויז".
וו. מ. מאהר, ראשית למודים, לעמבערג.

1894" האט דער השם=יתברך געענטפערט: איך וועל בעסער צען שטעט אפברענען לאזן, איידער איין בוימייסטער לאזן הונגערן". א"ד, דיא צוריקגעקאמענע ליעבע, ווילנא, ז' 52.

1941" און די בוימייגסטערס פון שלמהן און די בוימייגסטערס פון הירמען |...| האבן זיי | די בוימער | ארומגעהאקט".
תי, מלאכים א' ה - 32.

3. ( פיג ) שעפער, באשאפער, גרינדער.

1869" די יידישע איינריכטונג אפצוברענגען, איינרייסן קענען דומע פויערן, אויפבויען אבער צו קענען צו דעם מען בוימייסטער האבן, און די געפינט מען נאר צווישן די הייליקע תנאים און אמוראים און ביי צדיקים |...|". ר' עקיבא וואָלף שלעזינגער, אל הספרות השני, לבוב.

1960" ער האט זיך געשטעלט די אויפגאבע פון א גרויסן בוימייסטער, ווען זיין טאלאנט איז געווען נאך מער גענייגט צו דעקאראטיווער מאלערישקייט".
שנ, שלום אש, נ"י, ז' 110.

|| = שאפט - די, =ן. 1. פעיקייט, טאלאנט צו בויען. % ביז היינט באוואונדערט מען די בוימייסטער-שאפט פון די אמאליקע גריכן.

2. די פראפעסיע פון ארכיטעקטור אדער פון בוי=אנפירונג.
% בוימייסטערשאפט איז א גוט באצאלטער פאך.

3. ( פיג ) די פעיקייט, טאלאנט צו קאנען אויפבויען
שיין א ליטעראריש ווערק, א מוזיקאלישע קאמפאזיציע
אע.

1958" איך קיינער פון זיי האט ער | ד. בערגעלסאן |
ניט אנטפלעקט |...| אזא קונציקע בוימייסטערשאפט
ווי איך ' פענעק'". שן, יידישע שרייבער אין סאוועטן=
פארבאנד, נ"י, ז' 301.

ם בוימייינשטר/בויא מייינשטר.

<--------- 1.

1692" שריפט גילערנטי, בוימייינשטרש, דאקטרש |...|
דיא צום מענשליך לעבין אין דער וועלט ניטיג זיין".
אליהו בר' ליזר קוטנים, איבו, תלמיד צחקן מוסרי,
אמשטרדם.

<-------- 2.

1661 " |...| אונ' אביר פיל בויא מייינשטר דיא דאר
צו וור אורדנירט ווארן אונ' זיא בויאטן איינמעכטיגי
שטארקי ברוקן". יוסיפון, אמשטרדם, ז' ח/א.

1696" איין שטיין האבן פאר שמעכט דיא בויא מייינשטר
אונ' ער איז גיווארדן צו איינם עק שטיין".
עפש, | סידור | תפלה למשה |...|, דעסוי, 1696,
צב - 1. | תי: דער שטיין וואס די בוימייינסטער
האבן פאראכט. תהלים, קיח - כב |.

1716" גלייך אבא חלקיה דער האט זיך פר דונגן אויף
דש לאנד צו גראבן, אונ' שמאי וואר איין בויא מייינשטר
אונ' הלל האט זיך דר נעהרט מיט האלץ האקן". חה 2,
אמשטרדם, קמח - 1.

3. <-----

"1729 גאט ב"ה דער הייזט |...| דער בויא מיינשטר צו דעך, גאנציך עולם ". ר' אריה ליב בר' יהודה יכונה זעליגמאן |...|, תיקוני מועדים, פיורדא, תפ"ט, | דף ז/ 1 |.

ב ו י מ י ק - אדי. (ווי ) פון א בוים.

1972 אוונטצייט נעם איך מיין בוימיקן שטעקן |...|". יפ, זש' גק, נ' 76, ז' 78.

ב ו י מ י ש - אדי. ( ווי ) פון א בוים

"1967 און איך, צווישן בוימישע צוויטן, האב זיך א הייב געטאן". יפ, ליבשאפט, ת"א, ז' 53.

|| בוימישקייט - די, בא. אייגנקייטן אדער מצב/מעמד פון זיין א בוים.

1968 " דער בוים מוז אויבעט האבן שכנים-ביימער // זיין פולע בוימישקייט צו קאנען טראגן". לע, אפקלייב, נ"י, ז' 248.

ב ו י מ ל - דער, =עך. | עלט פ' בוימאייל |.

1. פליסיק פעטס פון איילבערטן; שמן זית, אליוון=אייל. % פרעגלעך ( קאכן, באקן ) אויף בוימל. די מאמע באשמירט די חלות מיט בוימל פארן איינזעצן אין אויוון.

"1883 און אז די שונמית האט געזאגט צו אלישע, אז זי האט בוימאייל האט ער געזאגט: דרויף וועט בוודאי שורה זיין די ברכה שלמה". נופת צופים ( אויף חומש ), ווילנע, II - 226.

1915-1913 " דארטן זענען געווען דער שור=הבר מיטן לויתן און דער טייערסטער בוימל |...|". שע, פונעם יאריד, I, ציט אויסג...

"1920 דאך געבענטשט זאל ער | אונדזער ברויט | זיין/// מער פון בוימל און ווייז". דא. גש I. ווארשע.

.3 <-----

1729" גאט ב"ה דער הייזט |...| דער בויא מיינשטר צו דען, גאנציך עולם ". ר' אריה ליב בר' יהודה יכונה זעליגמאן |...|, תיקוני מועדים, פיורדא, תפ"ט, | דף ז/ 1 |.

ב ו י מ י ק – אדי. (ווי ) פון א בוים.

1972 אוונטצייט נעם איך מיין בוימיקן שטעקן |...|". יפ, זש' גק, נ' 76, ז' 78.

ב ו י מ י ש – אדי. ( ווי ) פון א בוים

1967" און איך, צווישן בוימישע צוויטן, האב זיך א הייב געטאן ". יפ, ליבשאפט, ת"א, ז' 53.

|| בוימישקייט – די, בא. אייגנקייטן אדער מצב/מעמד פון זיין א בוים.

1968 " דער בוים מוז אויכעט האבן שכנים-ביימער // זיין פולע בוימישקייט צו קאנען טראגן". לע, אפקלייב, נ"י, ז' 248.

ב ו י מ ל – דער, =עך. | ערל פ' בוימאייל |.

1. פליסיק פעטס פון איילבערטן; שמן זית, אליון=אייל.

% פרעגלען ( קאכן, באקן ) אויף בוימל. די מאמע באשמירט די חלות מיט בוימל פארן איינזעצן אין אויוון.

1883" און אז די שונמית האט געזאגט צו אלישע, אז זי האט בוימאייל האט ער געזאגט: דרויף וועט בוודאי שורה זיין די ברכה שלמה". נופת צופים ( אויף חומש ), ווילנא, II - 226.

1913 " דארטן זענען געווען דער שור=הבר מיטן לויתן און דער טייערסטער בוימל |...|". שע, פונעם יאריד, I, צום אויסג... 1940

1920" דאך געבענטשט זאל ער | אונדזער ברויט | זיין/// מער פון בוימל און ווייך". דא, גש I, ווארשע, ז' 10.

2. לעצטנס אויך יעדער מין געוויקסן=אייל, וואס טויג צום עסן. % בוימל פון סאיע איז גאנץ געשמאק.

0 בוימל=בולקע - די, =ס.

1920" עס פלעגן אויך זיין פארשידענע וואכנדיקע געבעקסער: פלעצלעך, בוימל=בולקעס, סוכארקעס אויף מאנדלען |...|". עלזעט, יידישע מאכלים,ווארשע, ז' 16.

1963" זונטאג נאך ראש=חודש האבן טארוועריינס שוין געשטעלט זיך באקן די הארטע געבעקסן, קאמיש=ברויט, מאנדל=בייגעלעך, בוימל=בולקעלעך און שטרודל". פ. רודאי, טמז, XI/24.

בוימלברויט - דאס, בא. „ברויט פון געביילטלט מעל, געבאקן אויף בוימל, אז מע זאל זיך ניט דארפן וואשן די הענט דערצו. א טייל פון שלח=מנות". | קטור [illegible] |.

בוימל=געבעקס - דאס, =ן. געבעקס געבאַקן אויף בוימל.

1958" סארוועריינס האבן אנגעבאקן |...| לעקעכער, מיט קאמישברויטן, מיט בוימל=געבעקסן |...|".
ה. אקערמאן, טאג, IX/27.

בוימל=חלה - די, =ות. " חלה געבאקט מיט אויל, צוקער, אייער און צימרינג". | קטור [illegible] |.

1959" ס'איז געווען אויפן טיש פון כל=טוב: מאראנירטע הערינג און בוימל=חלה, שטרודל |...|". ר. פענסטער, טאג, VI/20.

בוימל=לעמפל - דאס, =עך.

1965" לערנען, פארשן און שרייבן ביי דער שוואכער שיין פון א קליין בוימל=לעמפל זיינען געווען דער גורם פון זיין | א. מ. לונצס | בלינדקייט". א. ר. מלאכי, זב ליטע II, ת"א, ז' 753.

בוימל=קוכן - דער, =ס.

1863" געגדז, פוטער=קוכן און בוימל=קוכן און יונגע טייבעלעך זיינען אויך ניט זייער געזונט צום עסן". א. דאנציג, חיי אדם, ווילנא, לב/ב.

17 פפ: געל ווי בוימל, קלאר ווי בוימל ( אויפן וואסער).

גיסט זיך ( אריין), צעגיסט זיך ווי בוימל - וועגן שיינע, גוטע רייד | אפט איראניש |.

..." |...| זיך צעגאסן ווי בוימל אין די ביינער אריין". שע, אייזנבאן-געשיכטעס, ז' 251. (ג"ג אויסג' ווארשע 1911,)

איינזאפן ווי בוימל, ווי בוימל אויף א ווונד - וועגן גוטע רייד, טרייסטווערטער.

..." ר' חייאס הארץ זאפט איין זיינע ווערטער ווי א שמעקעדיקן בוימל". פרץ, פאלקסטימלעכע געשיכטן, מסירת נפש, ג"ג אויסג' ווארשע 1920, ז' 163,

ווי מיט בוימל באשמירט - ( איר ) וועגן א גלאנצנדיקן פנים.

1967" |...| בעטי, וועלכע האט אים אויפגענומען מיט א שיינענדיק, ווי מיט בוימל באשמירט, פנים". זש, טמז, II/ 15.

דער אמת קומט ( שווימט ) ארויס ( ארויף ) ווי בוימל

אויפן וואסער | שוו |.

" בוימל אויפן וואסער // טוט דאך פון אויבן ארויפשווימען

פל.

[illegible]

[illegible] ווי בוימל אויפן וואסער". 1902

ספ, קאליקעס, וילנע.. ז' 49. [illegible]

[illegible]

...

ארויספירן ווי בוימל אויפן וואסער - אויפדעקן עפעס, דערווייזן די ריכטיקייט.

1888" די זאך אנצושמעקן און ארויסצופירן עס ווי בוימל אויפן וואסער". ממוס, ווינטשפ, ציט אויסג, ווארשע, 1913, ז' 26.

גיס בוימל אין לאמפ אזוי לאנג ער ברענט (שוו) - ניט דורכלאזן א גוטע געלעגנהייט, טאן א זאך באצייטנס, ווען ס'איז מיגלעך, אקטועל.

ווען א ביסל בוימל מאכט מען אזא גרויסן יום=טוב (שוו) - א) ווען מע מאכט א גרויסן ווען פון א קלייניקייט; ב) א פלומרשט אומוויכטיקע זאך האט א מאל א גרויסע חשיבות.

גיסן בוימל אויפן פייער - צוהעלפן, אונטערהעצן צו א מחלוקת, קריגעריי.

... " און די בעל=הביתטע גיסט אונטער בוימל אויפן פייער". שע.. לכבוד יום=טוב I. א. ז' 99. [illegible] 1926,

..."גיסן בוימל אויפן ברענענדיקן פייער". פרץ, דראמען, שוועסטער, ז' 203.

[illegible]

פּישן מיט בוימל - ( שלש ) וועגן שיינע אבער צביעותדיקע רייד, באזונדערס וואס שייך פרומאקעס.

בוימל=פּישער ( =קע, =ין ) - ( שלש, ווולג ) פרומאק, צבועק ( זעך דפוו ).

1898" בארעכן נאר די פעטע שידוכים, וואס מען האט דיר אנגעשלאגן, מיט די גרעסטע יידישע מיוחסים, מיט די בארימטסטע בוימל=פּישערס". א. מארגענשטערן, עגל הזהב, ווארשע, ז' 95.

1970" בוימל=פּישערין - א פארפרומטע יידענע, וואס וויל באטראכט ווערן פאר א צדקתטע". ר. מאלער, רעד' ס' סאנץ, ת"א, ז' 558.

בוימל=גיסערין - דזוו דפוו.

1969" ער האט זי גערופן מיט אזוינע נעמען ווי הארפּלאקס, וצדקתך, בוימל=גיסערין". י. ווארשאווסקי, פאר, II/22.

עס פעלט בוימל אין קאפּ - אויף א נאר, אן אומפעיקן מענטשן.

אפּגעשפּראכענער ( פארשפּראכענער ) בוימל - צווישן די מיטלען פון אמאליקע בעלי=שם, זנאכערס (זנאכערקעס ) איז אויך געווען דאס זאגן אפּשפּרעכענישן, השבעות אויף בוימל, ווי א סגולה צו געוויסע קראנקהייטן.

ם בוים אויל / באם איל.

-------> 1.

1676" |...| ( ויקחו אליך שמן זית זך ) דש איז טויטש אונ' דו זולשט גביטן קינדר ישראל אונ' זיא זולן נעמן צו דיר אויף בוים אויל לויטר". ברנט שפיגל, פפד"מ, פרק לד.

1727" אונ' טוא איך די בריא | בריי, געמיש אויפגעקאכט
פון קרייטעכער | פיר לויט האניק, פיר לויט
באם אייל, איין האלב לויט זאלץ, אונ' לאז ווידר
איין וויניג אויף זידן |...|". סור, פיורדא,
תפ"ח, יט - ב - II.

בוימלדיק - אדי-/ אדוו. 1. ווי ( פון )
בוימל. % די רפואה זעט אויס צו זיין פעט,
בוימלדיק. עס הערט זיך א בוימלדיקער
ריח.

2. ( פיג ) ווייך, מילד, זאנפט.
1936" |...| גוטער פראנצויזישער קאניאק, וואס טרינקט
זיך בוימלדיק ווייך, צעגייט זיך מיט שמעקעדיקער
ווארעמקייט". נח לוריע, איינער פון דער שערענגע,
בערדיטשעוו.

בוימלדיקע אויגן - ( איר ) [אויגן] וואס גלאנצן ווי
אנגעשמירט מיט בוימל, מיט פעטס.
1909" אייגעלעך קליינע, בוימלדיקע און לאכנדיקע
|...|". שע, אייזנבאן=געשיכטעס, ציט אויסג
[illegible] אלע ווערק, נ"י, 1944, ב' VII, ז' 73.
1929" געקוקט באווליקנדיק מיט די שטארק אפענע
בוימלדיקע אויגן ". בערג, גוו, III, ווילנע,
ז' 147.

בוימלדיקע רייד - ( איר ) 1. ווייך קלינגענדיקע,
איינריידנדיקע, חניפותדיקע.

2. ( איר ) כלומרשט פרומע רייד.

בוימלדיקע שטים(ע) - דזוו דפוו.

ב ו י מ ל ו י פ ע ר - דער, =ס. מין פויגל | סטוטש 247|.

ב ו י מ ל ע ן - טרוו. 1. ביי קריסטן דאס אפצייכענען מיט הייליקן בוימל אין געווויסע רעליגיעזע צערעמאניעס ( סאקראמענטן, למשל פארן שטארבן א"א ). % דער גלח האט נאך באוויזן צו בוימלען דעם גוסס.

2. זאלבן א קיניג, קיסר ביי דער קרוינונג. % דער פויפס איז געקומען צו בוימלען דעם נייעם קיסר פון עסטרייך.

3. אוטוו. ( פיג ) ריידן שיינע אבער צביעותדיקע רייד.

19.5b" און זייך | דעם פוקס | פיסקעלע סע בוימלט: פוטער=ווערטעלעך, כאטש נעם און לעק!". אשט, משלים II, [illegible] ז' 163.

||=ונג. 1. אקט אדער רעזולטאט פון בוימלען ב' 1. % דער גוסס האט נאך באוויזן צו קריגן די לעצטע בוימלונג.

2. אקט אדער רעזולטאט פון בוימלען ב' 2. % צו דער בוימלונג פון קיניג זיינען זיך צונויפגעפארן פרינצן און מלכים פון גאנץ אייראפע.

ב ו י ם = מ יי ז ע ל ע - דאס, =עך. פויגל (ווסנ (Prinia gracilis) || סטוטש 247 |.

ב ו י ם = מ ש ו ר ר | = מעשוירער | - דער, =ס. מין פויגל.

1960" דער בוים=משורר ( וווּד=וואָרבלער - אויף ענגליש ), וואס איז, אגב, איינער פון די בעסטע זינגערלעך, איז ניט קיין גרויסהאלטער |...|". י. וואלאך, טמז, X/9.

ב ו י מ ע ר - דער, =ס. 1. בוים=האָדעווער| סטוטש 251 |, [illegible]
% דער בוימער האט איבערגעפלאנצט א צווייגל פון א נייעם מין עפל. דער בוימער זעגט ארום די די אפגעדארטע צווייגן.

2. ( וועבעריי )"דער וואס ארבעט ביים ארויפוויקלען די פעדעם אויפן בוים" | קשוו|.

ב ו י מ ע ר ן - אוטוו. ( שנש ) רוישן ווי א בוים.
1956" א בוים וועט איבער דיר בוימערן, // די נאכט וועט איבער דיר טרוימערן". יג, פון מיין גאנצער מי, נ"י, ז' 270.

ב ו י מ ע ר ש - ----> ביימערש.

ב ו י מ פ י ק ע ר - דער, =ס. פיקהאָלץ ( פויגל ).
1928" א קראָ האט זיך אוועקגעשטעלט מיט צעשפרייטע פליגל אויפן שארבן, פארריסן דעם שנאבל, ווי א בוימפיקער". אפּא, VI, ז' 289.

1971" וואס איז שייך דעם בוימפיקער, איז דאס א טשודאק א פויגל |...| די בוימפיקערס פיקן איין האלץ אום צו דערגרייכן די אינזעקטן, וואס האלטן זיך אויף

אונטער דער קארע". י. ראבלין, פאר, 26/VII.

בוימפּעך - דער, בא. א זאפט אויסגעטיילט דורך געוויסעביימער, ס'רוב דורכזיכטיק, קריסטא-ליזירט, איז כולל פארשיידענע פליסיקייטן ( ווי טערפענטין א"א ) און פעסטע שטאפן ( ווי קאלאפאניע א"א). ווערט געניצט אין מעדיצין און אינדוסטריע.

% פון די סאסנעס האט זיך געטראגן א שטארקער ריח פון בוימפּעך.

בוימפּאַלק - דער, =ן. 1. פויגל (זאאל) (וופסנ FALCO AESALON ) פון דער גרופּע פאלקן.

2. (זאאל) ~~פויגל,~~ לאַרך, פּפּ. (דטשמ) 13) לערכע. (וופסנ (ALAUDA ARVENSIS.

..............................................

רעד: דעם לעצטן אויסטייטש גיב איך לויט ~~[illegible]~~ ז. רייזענס איבערזעצונג פון שמיילס "זאאלאגיע II, ווילנע 1921, טערמינאלאגיע, ווי מיר טײַטשן: בוימפֿאַלק — Жаворонник. אגב, אזא פויגל־נאמען אין רוסיש ניטא, ס'איז א גרייז, במקום Жаворонок; בין איך מסופק צי דער אויסטייטש רייזענס איז ריכטיק: א פאלק איז א רויבפויגל, א סך גרעסער ווי די לאַרך, וואס איז א זינגפויגל(דא פארשיידענע זגאלן לארכן).

בוימפּלאַטערל - דאס. מין פלאטערל, אנדערש - ווייספלאטערל.

"בוימפלאטערל - ווייס מיט טונקעלע אדערן". 1934
י. ביבער, זאאלאגיע I, ווילנע, ז' 8.

בוימפּראַש - די/דער, מצ~פּרעש. דזוו בוימזשאבע. | סטוטש 247 |.

בוימצוכט - די, בא. ( דטשמ, נא )--> ביימער־האדעוואניע/ ביימערײַ.

בוימציכטלער - דער, =ס. ( דטשמ. נא )

ב ו י מ פ ע ך - דער, <u>בא.</u> א זאפט אויסגעטיילט דורך געוויסע ביימער, ס׳רוב דורכזיכטיק, קריסטא־ליזירט, איז כולל פארשיידענע פליסיקייטן ( ווי טערפענטין <u>א"א</u> ) און פעסטע שטאפן ( ווי קאלאפאניע <u>א"א</u>). ווערט גענוצט אין מעדיצין און אינדוסטריע.

% פון די סאסנעס האט זיך געטראגן א שטארקער ריח פון <u>בוימפעך</u>.

ב ו י מ פ א ל ק - דער, =ן. (זאאל) 1. פויגל (<u>ווסנ</u> ( FALCO AESALON פון דער גרופע פאלקן.

2. (<u>זאאל</u>) ~~פויגל,~~ לאַרך, <u>פפ</u> (<u>דטשמ</u>) לערכע. (<u>ווסנ</u> ALAUDA ARVENSIS).

..........................................................

<u>רעד</u>: דעם לעצטן אויסטייטש גיב איך לויט ~~[illegible]~~ י. רייזענס איבערזעצונג פון שמיילס "זאאלאגיע <u>II</u>", ווילנע 1921, אגב, אזא פויגל־נאמען אין רוסיש ניטא, ס'איז א גרייז, במקום жаворонок; בין איך מסופק צי דער אויסטייטש רייזענס איז ריכטיק: א פאלק איז א רויבפויגל, א סך גרעסער ווי די לאַרך, וואס איז א זינגפויגל (דא פארשיידענע זגאלן לארכן).

ב ו י מ פ ל א ט ע ר ל - דאס. מין פלאטערל, אנדערש - ווייספלאטערל.

1934" <u>בוימפלאטערל</u> - ווייס מיט טונקעלע אדערן ".

<u>י. ביבער</u>, <u>זאאלאגיע I</u>, ווילנע, ז' 8.

ב ו י מ פ ר א ש - די/דער, מצ ~ פרעש. <u>דזוו</u> <u>בוימזשאבע</u>. | <u>סטוטש</u> 247 |.

ב ו י מ צ ו כ ט - די, <u>בא</u>. ( <u>דטשמ, נא</u> )--> <u>ביימער</u>־האדעוואניע/ ביימעריי.

ב ו י מ צ י כ ט ל ע ר - דער, =ס. ( <u>דטשמ, נא</u> ) --> ביימער=האדעווער/בוימער.

ב ו י מ ק אַ ר אַ ל - דער, =ן. מין קאַראַל | סטוטש 247 |.

ב ו י מ ק ר ו י ט - דאס / די. באַ. מין געוויקס.

1901" עס איז פאַראַן א סאָרט ליסטאָווע קרויט וועלכע מען רופט אן בוימקרויט, ווייל זי וואַקסט אויס הויך איין קלאַפטער און נאָך מער. נאָר דער סאָרט וו וואַקסט ניט ביי אונדז, נאָר אין איינגלאַנד | ענגלאַנד |". דער לאַנדאַרבייטער, לוח פאַר קאַלענדער. ווילנע, ז' 110.

ב ו י מ ש ו ר אָ ם / ב ו י מ ש ו ר ע מ ל - מין שוואָם | מאַרק רוב 635 |.

ב ו י מ ש ו ל - די, =ן. דזוו ביימערשול ( ---> ).

1868" זייער א שיינע געגנט | ... | מיט בלומען און טירגערטנער, אראַנזשעריען און בוימשולן". קמ, נ' 23, II - 169.

ב ו י מ ש ט אַ ם - דער, =ען. ( באַט ) דער האַרטער איבערערדיקער טייל פון בוים, דער גוף פון וועלכן עס צעגייען זיך די צווייגן. % דער דעמב האָט א דיקן בוימשטאַם. דער בינשטאָק איז אין אן אויסגעהוילטן בוימשטאַם. די צווייגן האָט מען אָרומגעהאַקט, געבליבן איז נאָר דער בוימשטאַם.

1945" | ... | גייט אלץ לויט דעם אָרט ווו עס געפינט זיך דער בוימשטאַם ( ניט די צווייגן )". פיעט [?], מעשׂרות, ג - י'.

2. ( פיג ) גוף, קערפער.

1865" איך בין מיר א פראסטער סוחר און אלע ביירוערטער; ניט רייך, ניט געבילדעט, נאר געמאכט פון א שטארקן בוימשטאם". קמ, נ' 49, ז' 742.

ב ו י מ ש ט יי ן - דער, =ער. ( געאל ) פארשטיינערונג פון א בוים אדער פון זיינעם א טייל; דענדראליט | סטומש 204 |.

ב ו י מ ש נ ע ק - דער, =עס. בעל=חי פון דער משפחה שנעקעס | סטוטש247|.

ב ו י נ י ס ל - דאס, =עך. ( עלט ) קערן פון קאקאא=פלאנץ.

1894" קיין מאל האט ער נישט געוווסט וואס צו טאן מיט די קאקאא=בוינעסלעך | טעקסט: קאקוי |. ער האט אים געהייסן די בוינעסלעך ווי קאוועביים פייער ברענען און צווישן שטיינער דין צעקלאפן, האבן זיי אים גאר פארשמעקט". ראבינזאן, דיא געשיכטע פון אלטער לעב, II טייל, ווילנא, ז' 60.

ב ה י נ ע - אדי/אדוו. ( רוסיצ, נא ) אומגעצוימט, צעבושעוועט, ווילד.

R: буйный

1909 |...| ביי אט די | גייסטיק | קראנקע בוינע איז דער פנים רויט, די אויגן מוראדיק בליצנד|יק| און באוועגלעכע ". איבז ש. ליוון, ד"ר א. א. גאלדשטיין, צומישונג און משוגעת, פיעטרקוב, | ז' 270?|.

..." די ווילדגראזן, וואס האבן בגינע געוואקסן אויף
דער פעטער אוגערקע=ערד |...|". ייבל XXII, ז' 186.

1967" ער איז געווען בגינער פון אלעמען". א. קארפינאוויטש,
ביים ווילנער דורכהויף, ת"א, ז... 1938

ב ו י נ ע I - די, =ס. פפ: בויניע | וואלין|,
זן בויניצע | לב |. ארט, איינריכטונג ווו מע שעכט
בהמות אויף פלייש; שעכטהויז. % דער קצב פירט
אן אקס אין בוינע אריין. דער משגיח גיט אכטונג
ביים כשר מאכן די בהמה אין בוינע.

.L R: бойня

~~1929" ביי אונדז אין פאדאליע האט מען געמאכט א חילוק:~~

1929" פלעג ער | דער משוגענער | אזוי אפוואיען אויפן
בריקל ביים גאניק, ווי ביי די בוינעס". פמ, 1916
דאר=איין, דאר=אויס, קארקאוו, ז' 58.

1948" ביי אונדז אין פאדאליע האט מען געמאכט א חילוק:
עופות האט מען געקוילעט אין בית=השחיטה אדער אין 1924
שחיטה=הויז, אבער דקות און גסות אין דער בוינע".
פ. פרימער, ייש"פ VIII, 3 - 4, ז' 70.

1953" אויף א יאטקע=וואגן א ווייסינק ציגעלע - // מע
פירט עס צו דער בוינע". יפ, פאסטעכער אין ישראל, 1915
ת"א, ז' 92.

1960" |...| מיך געשיקט צו ווערן א שוחט. |...| שוין
צייט איך זאל |...| אנהייבן גיין אין בוינע. 1926
( שלאכטהויז ) און זיך אויסלערנען אנצושטעלן א חלף".
ש. סיימאן, צווייגן, ב"א, ז' 94.

ב ו י נ ע II - די, =ס/=ן. מיך גרויסע ארבעס | סטוטש 258 |.
דזוו באנע/בונע ( ---> ).
ד

1935" ר' ביינעש האט איינגעפירט א תקנה, דאס די פאר-
מעגלעכע זאלן געבן מעשר פון געבעקס און גרויפן, 1936
בוינען און ארבעס, אייל און שייטן האלץ". באַש,
שטן אין גאריי, ווארשע, ז' 34.

ב ו י נ ע ס א י י ר ע ס - (גנ) הויפטשטאט פון ארגענטינע. ?נ?
| יידישער ארויסרייד |.

1967" ווי הייסט די שטאט וווּ דו וווינסט? - בוינעס
איירעס. - כ'וויים. מ'פלעגט זיך אריין גאנצע 1937
שיפן ". באַש, שוים, פאַר VII/19.

ב ו י ס ק א ו ט - דער, =ן. | אָפטער געשריבן:
באָיסקאוט |. אנגעהעריקער צו דער קינדער=(יוגנט=)
ארגאניזאציע אונטער דעם זעלבן נאמען, געגרינדעט
אין 1908 דורכן ענגלישן גענעראל ראבערט באדען=פאועל,
מיטן ציל אויסצונוצן די נאטירלעכע טעטיקייט און
אינטערעסן פון עלטערע קינדער, כדי צו מאכן פון זיי
גוטע, געזונטע בירגער.

1934" אמעריקאנער בויסקאוטן, וועלכע האבן זיך געקליבן
אוועקפארן אין ענגלאנד |...|". הארי אייזמאן,
כאוסארן", קיעוו, ז' 5.

156 — בו

ב ו י ע I - די, =ס. ( פטמ ) באַא,

פרויענשאל פון פוטער אדער שיינע פעדערן" | קטוו |.

% די אויפגעקומענע גבירנטע האט זיך אויסגעסטראצלט

אין איר בויע צום באל. 1890/א

" ביי מיר ביסטו געגאנגען אין א פוטערנע בויע,

ביים שגץ וועסטו שרייען קאַשטשי, קופּויע". | קטוו | 1888/א

ב ו י ע II - די, =ס. ( וווּלג ) געשלעכטס=ארגאן פון

א פרוי | סטוטש 240 |.

1923" זי דעלעט | גיט | די בויע - זי איז צום האבן".

י. טריוואקס, כלי=זמר=לשון, זב ביי אונדז ייִדן,

ווארשע, ז' 168.

ב ו י ע III - די, =ס, פפ: באָיע, בוי. אנקער=סימן

אין א ים אדער טייך אנצוווייזן די טיפקייט, סכנה

צו פארן אדער שווימען אע.

ב ה י ע כ ע - די, =ס. מין יאגדע | סטוטש 258 |.

?בנ? ב ה י ע ן - אוטוו. ( פויל, נאַ ) זאגן ליגן, אפנארן

FP: bujać

157 בו.

בויען - טרוו. (פטמ איך בויע, פאר געבויעט),

דיאל באוּוען. 1. אויפשטעלן א בנין (געביי),

א קאמפלעקס פון בנינים אדער אנדערע איינריכטונגען

צום וווינען, פאר אינדוסטריע אע. % בויען א הויז.

בויען א נייעם קווארטאל. מע בויט א שטאט אין נגב.

די דירה בויט מען פון פרעפאבריקאטן. א מאל פלעגט

מען, בויען הייזער פון האלץ. דער באציאן בויט

זיין נעסט פון צווייגלעך און שטרוי. דאס קינד

בויט א שטיבעלע פון קלעצלעך.

1858" |...| האסט דערשלאגין שבעה אומות און האסט אויף

גישטעלט מלכים און שרים פון ישראל און האסט זייא

גילאזין בויאן איין בית המקדש ". תחנות ובקשות,

ווילנא, לו/א. 1886

..." כ'האב מיר געבויט א שיין מויערל, א שיין מויערל,

// איז דאס געווען מיט צוועלף פענצטער". פל.

1866" די אנשי כנסת הגדולה האבן אויך איינגעזען, ווי

נייטיק עס איז יידן זאלן זיך האלטן צוזאמען, האבן

זיי געהייסן בויען אין יעדער שטאט א " מקום מיוחד

לתפילה". קא ~~קהל משר~~ נ' 4, | ז' 4אדער 9?|.

1904" אלע ווייסן, אז הייזער בויט מען און שטוול

מאכט מען".... ~~[illegible]~~

~~[illegible]~~

~~[illegible]~~

א. רייזען ווווו, יידיש, 635, "פאר 6666 שטיוול".

1933 " איך בויע ניט קיין מארגן". ב. אליעווסקי,

שאכטע, מאסקווע, ז' 102.

1940" עס זענען געקומען אהער יידן וואס האבן געבויט שאפּעס, איינפאר־הייזער, קלייטן און ס׳איז געווארן א שטאט פון פרנסה". א. דרוקער, קלעזמער, קיעוו.

1966" אין בויען די סוכות נעמען א לעבהאפטן אנטייל די קינדער". מאיעווסקי-פרידגוט, דקדוק לתלמידות שצושן, וואסילישקי, ת"א, ז׳ 212.

2. אויספארטיקן פארשיידענע איינריכטונגען פאר קאמוניקאציע. צוזאמענשטעלן מאשינען אע; קאנסטרויִרן. % בויען א וועג. מע בויט אן עלעקטרישע באן=ליניע, אויטאמאבילן בויט מען איצט סעריעס ווייז אויפן קאנוועיער. מע האט באשטימט צו בויען א קאנאל פון מיטללענדישן ים צום ים=המלח.

1970" זיי האבן גאנץ פרי געמוזט ארויסמארשירן צו דער שווערער, שווארצער ארבעט ביים בויען וועגן, אפרוימען בערג, שלעפן שטיינער און זאמד".
ר. מאהלער, ספּרי סאנץ, ת"א, ז׳ 821.

." די לאגע פון דעם דאזיקן ישוב איז א [illegible]-

3. ( מאט ) אויסצייכענען א געאמעטרישע פיגור אויפן סמך פון געגעבענע אויסמעסטונגען. % בויען א דרייעק. בויען א קוואדראט אין א קרייז, אויב דער ארוממזעם פון קרייז איז....

4. ( פיג ) צונויפשטעלן, ארגאניזירן אין איין גאנצקייט טיילן פון עפעס לויט געוויסע כללים, % בויען א זאץ. בויען פלענער אויף דער צוקונפט. זיין לעקציע בויט דער לערער לויט אלע פרינציפן פון מעטאדיק. דער רעדנער האט זייער שיין געבויט זיין רעפעראט.

5. ( פיג ) שאפן, גרינדן, עטאבלירן, ארגאניזירן
און אנטוויקלען עפעס. % בויען א נייע געזעלשאפט.
יעדער בויט אליין זיין אייגן גליק. די נייע
עולים בויען זייער היים אין ישראל.

1913 " ער וועט באשולדיקן די יידישע שרייבער פון
אונדזער צייט – פאר וואס זיי האבן נישט געברויכט
דאס לעבן פון פאלק פאר א מאטעריאל אין זייערע ספרים,
ניט אנגרייטנדיק געגנוג שטאף אויף צו בויען פאר
יענע וואס וועלן קומען נאך זיי. ממוס,
של ר' ח-ס.

1901" ווי[illegible]ער ווארט פון איין [illegible] האט [illegible]פט צו
בויען ווע[illegible]ן [illegible] אלפס !!, מעשה אלפס !!,
ווילנא, ז' 28.

1912" מען מעג בויען פארשיידענע פילאלאגישע חקירות
און סברות... ווי אזוי יידיש האט זיך אפגעשפאלטן
פון מיטל-הויך-דייטש". ח. זשיט, שריפטן V,
נ"י, ז' 135.

1966" זאגט אונטער דיין לעבן צו בויען לויט שיינקייט=
געזעצן". האל, מיין אויצר, מאסקווע, ז' 89.

1968" אין ארץ ישראל איז אינגאנצן אנדערש, דארט בויט
מען מיט אידעאליזם מיט גרויס ליבע, מיט מסירות
נפש, דאס דארף דאך זיין אונדזער לאנד". יזב,
ת"א, ז' 425.

6. ( פיג ) שטיצן זיך אויף עמעצן/עפעס, אויסשטעלן,
פארלאזן זיך אויף עמעצן/עפעס. בויען אויף...
% בויען דעם עקספערימענט אויף גענויע אויסרעכע-
נונגען. די משפחה דארף מען בויען אויף
ליבע און קעגנזייטיקן צוטרוי. די מדינה איז
געבויט אויף די פרינציפן פון דעמאקראטיע. זיינע
פלענער בויט ער אויף דער הילף פון די קרובים.

1899 " ניט אויף דיין טאטן דעם קראנקן קעסטו בויען ( רעכענען )". דינעזאן, יאסעלע, ז' 19.

1929 " דער חשבון איז געבויט געווען דערויף, אז |...| טעראריזירט פון דרויסן און פון אינעווייניק, וועט די טורמע-אדמיניסטראציע ניט ביישטיין און מע וועט זי קאנען אפשווינדלען און פארדרייען ". לוריע, בריקן ברענען, כארקאוו.

1963 " אויף זיינע רייד קען מען ניט בויען קיין בנין | מע קען זיך ניט פארלאזן |". י. טשערניאק. משפ XXV - 2, ז' 39.

~~... " ייִדישקייט, וואס איז געבויט אויף אפשטויסונג און אנטיסעמיטיזם ". ריווא בלעטער, XXIII, ז' 10.~~

1972 " ס'איז ניט אויסגעשלאסן אז מ'קען אפגעפינען א קריסטלעכע האגיאגראפישע לעגענדע אויף וועלכער דער נסתר האט געבויט זיין "שפיל". ח. שמערוק, דער נסתר, גק, ז' 77.

בויען זיך - אוטוו. 1. ווערן געבויט. % די שטאט בויט זיך אלץ נעענטער צום ים=ברעג. דאס הויז בויט זיך שוין דריי יאר. ~~די נייע וווינונגען בויען זיך שוין דריי יאר~~ די נייע וווינונגען בויען זיך בשותפות.

2. אויפשטעלן פאר זיך א הויז, א וווינונג. % גלייך נאך דער חתונה האט ער אנגעהויבן בויען זיך. זיי ווילן זיך בויען הינטער דער שטאט, ווו דער רעש איז קלענער.

1896 " אז ער האט געזען, אז דער עולם בויט זיך, האט ער שוין זיין איינפארהויז אויך א ביסל פאררינכט. י. ל. בינשטאק, בייא ר' שלמה בערלינער, לוואוו, ז' 40.

||=<u>עכץ</u> - דאס, <u>בא</u>. ( <u>שלש</u> ) 1. שלעכטער אויפן פון בויען. % פון אזא מין <u>בויעכץ</u> וועט די שטוב לאנג נישט דויערן.

2. שלעכט, פארטאטשנער געבויטער בנין. % אין דעם <u>בויעכץ</u> וויל קיינער נישט וווינען.

=<u>עניש</u> - דאס, <u>בא</u>. <u>דזוו דפוו</u>, <u>ב 1</u>. % פון אזא <u>בויעניש</u> וועט קיין גוטס נישט ארויסקומען.

<u>בויען ווי אויף פיר טייז</u> ( <u>פּפּ</u> ) - טאן עפעס אן ריזיקע, אויף זיך [illegible].

<u>בויען צוריק</u> - ( <u>איר</u> ) אנטלויפן, אפציען | <u>סטוטש</u> 432.

<u>בויען פתום מיט רעמסס</u> - א) טאן א סך גרויסע זאכן.

ב) הארעווען, ארבעטן שווער.

.... [illegible] פּיתום ורעמסס [illegible] [illegible] 1947, ז' 400.

<u>בויען אויפן זאמד</u> - טאן עפעס, וואס האט ניט קיין אויסזיכט, איז ניט רעאל, וואס שטיצט זיך אויף פאלשע אויסרעכענונגען.

1875" פיר יאר האט וואס צו זאגן. די וועלט איז א רעדעלע דיזא דרייט זיך אום און נימאנד וויל <u>בויען אויף</u> 1906/א
<u>זאמד</u>". <u>אמ"ד</u>, <u>דער פינדלינג</u>, ווילנע, ז' 34.

<u>בויען אין דער לופטן</u> - <u>דזוו דפוו</u>.

... " <u>בויסט זיך בנינים אין דער לופטן</u> און פילסט ניט ווי דיין צייט גייט אוועק ". <u>ממוס</u>, <u>צוריק</u> 1946
<u>אהיים</u>, [illegible] אויסג [illegible], 1912, ז' 78.

<u>בויען אויפן וואסער</u> - <u>דזוו דפוו</u>.

<u>בויען לופטשלעסער</u> ( שלעסער אין דער לופטן ) - פאנטאזירן, האבן פאלשע אילוזיעס.

<u>בויען א קוימען</u> – א) <u>דזוו</u> "אויפן הימל איז א יריד".

| <u>קטוו</u> |, ב) טאן עפעס ניט ווי ס'דארף צו זיין,

פארקערט, | ווייל בויען הייבט מען ניט אן פון

קוימען ).

<u>בויען פראפארשטשיק</u> – מאכן אן אנשטעל, מאכן זיך

גרויס. | <u>סטוטש</u> 531 |.

<u>אויף זיינע רייד קאן מען בויען א קלויסטער</u> – וועגן

א ליגנער, א בלאפער.

<u>שוו</u>: <u>מיט אסך בוי(ע)ט מען א הויז, מיט ווייניק קומט</u>

<u>מען אויס</u> – יעדער לעבט ( דארף לעבן ) לויט

זיינע מעגלעכקייטן.

<u>ווער עס בוי(ע)ט און ווער עס וווינט</u> – א) ניט יעדער

וואס בויט ( קאן בויען ) האט אן אייגענע וווינונג,

הויז. ב) איך ווערטל גייט אויך אריין דאס ווארט-

שפיל וווינט – <u>וווינט – ווײינט</u> ( לויט דעם ליטווישן

ארויסרייד ). ג) דער ארעמער איז דער בויער, דער

רייכער דער באווינער.

<u>אן אלטער ברעכט (צעלייגט ) און א יונגער בוי(ע)ט איז</u>

<u>נאך ניט גלייך</u> – אלטע ווייסן וואס זיי טוען,

אפילו ווען זיי צעברעכן עפעס, בעת יונגע בויען

א מאל זאכן אומנייטיק אדער שלעכט.

<u>ביז דו וועסט בויען אויף דאס ניי, בלייב דעם אלטן</u>

<u>געטריי</u> – ניט אוועקווארפן סתם אלטע, פריערדיקע

ווערטן.

( <u>שלש</u> ) <u>מיטן אחור בויט מען ניט דעם בית המקדש</u> –

א) קיין הייליקע זאכן בויט מען ניט מיט אומהייליקע

מיטלען.

ב) צו בויען א וויכטיקע זאך דארף מען האבן שכל.

" נישט מיט א מאל איז קראקע געבויט - קיין וויכטיקע זאך ווערט ניט געמאכט, געשאפן מיט איין מאל. 1979

קצז. גש, III, ת"א [illegible]

□ בויאן / בוון

1. ←-------

?..." דא קם איין שטים בון דעם הימל הר נידר:// דו הושט דען גלגין גימעשין וואל // ער איש דיר גיבויאט אלז ער בון רעכט זול". מג"ל, שורות 936 - 938.

..." דא בויאט דער קוּיניג דוד צו ציון אן דעם בערג. // איין שלוש | שלאס | אונ׳ איין גיהעג גאר איין וואונדרליכש ווערק". שב, סטראפע 984.

1508?|" מציב לו יד - ער בהוטא צאימא איין מזבח, ל׳ בנה לו מזבח". רייכלין 8, שמואל א׳, טו - יב.

1610" אונ׳ איך וויל מויארן איר מויאר אונ׳ איך וויל בויאן זי היפשר דז זיא ניט גיוועזן אישט". טה, ויקרא ( הפטורה, עמוס, ט - יא ).

1679" אונ׳ זוא דוא מיר איין שטיינין אופפיר שטול ווילשט בויאן דא זאלשטו אויז קיין גיהויאני שטיין בויאן". בליץ, שמות, כ - כה.

1722 " איין מלך דער זיך וויל איין פאליש | פאלאץ | בויאן, ווען ער ניט ערשט דיא ערד אב צייכנט |...|". איבז משה פרנקפורט, מנורת המאור, אמשטרדם, דף רכ"ג / ב.

1764" דיזר רומלוס הט אן גפנגן צו בויאן די שטאט רומא". יוסיפון, פיורדא, דף 11 - II.

‎<----- 5.

| ? 1508|" בנו - זי בוי"וטן, ל' בנין ". רייכלין 8, רות, ד - א. | תי: האבן אויפגעבויט דאס הויז פון ישראל".

1625" ( חכמת ) דיא קלוגן אונטר דיא ווייבר בויאן איר הויז, דהיינו דאש הויז האט איין קיום דורך זיא". סהם, משלי, יד - א. לובלין, שפ"ו.

1679" אונ' גאט דער הער בויאט איין ווייב אויז דער ריפן דיא ער פון דעם מענשין נאם". י. בליץ, בראשית, ב - כב.

~~|1685?| |" עז איז א[illegible] שפריך [illegible]ארט וו[illegible] דא אויך גאט [illegible] פר [illegible]טאן דער ה[illegible] וואול [illegible]בויאט". עפש[illegible] דרך הישר לעולם הבא, פפד"מ , | תמוז ? |, דף צט - 1.~~

1723" |...| דען די עצה פון אלטי לייט היישט גיבויאט אונ דאש בויאן פון יונגי לייט היישט אב גיבראכן". לט 1, אמשטרדם, 50/2.

‎<----- 6.

1686" דרום זאל מאן ניט אויף אירי ריד בויאן // קיין ביזן ווייב זאל מאן נישט גיטרויאן". ספר משלים, פפד"מ, תמז, דף כג - II.

0 בויא לייט/ בויא לוייט / בוי לייט

|?...|" ער שיקט אים גוט הולץ אונ' בויא לוייט זוא וויל". שב, פערז 1021.

1764" אונ' אום זיא צו געבן וואז זיא גברעכט, זילבער |...| האלץ, שטיינר, בוי לייט און שטיין הויארש". יוסיפון, פיורדא, יא/4 - II.

27 | בויען אויף אייז |

|...XV י"ה| " הילפשטו מיר ניט שיר זוא בויא איך אויף
אייז אייז". שב, סטראפע 1463.

1732" וועך עס טוט איין בוהן פיל געלט אריין שטעקן האט
האט לעצטליך אין זיין ארמהייט צו לעקן ".
עיון יצחק, בערלין, דף ב/ 43.

0 בויא דרעקטער - דער, | ס? |. ~~בוישטיין, ציגל~~.
ארכיטעקט, בוימייסטער.

| 1770|" זאגט רבי ברכי׳ איין מלך בויאט איין שלאס
דורך זיין בויא דרעקטר |...|". איבז יוסף
דארמשטאדט, פון משה אלשיך, תורת משה, קארלסרוא,
תק"ל, דף כא/3.

בויא שטיין - דער. | ער? | בוישטיין, ציגל.

1610" אונ׳ דש הויש אין זיים בויא שטיין גנץ עס ווארד
גיבויט |...|". טה, שמות, ( הפטורה, מלכים א,
ו - ז ).

ב ו י ע ר I - דער, =(ס). 1. דער ארבעטער,
בעל=מלאכה, טעכניקער וואס בויט א בנין, א וועג,
א מאשין אע. % די בויערס פון דעם בנין האבן
זייער ארבעט געענדיקט - מע קאן זיך שוין אריינ-
קלייבן אין די וווינונגען.

~~..."אל תקרי בניך אלא בוניך - זאג ניט דיינע
קינדער,, זאג דיינע בויער. פרץ, IX. ז׳ 151.~~

1945" גייט א בויער, גייט א שמידער, // לאמיר אלע
גיין מיט זיי !". ש. קאטשערגינסקי, ציט זב
ממעמקים ( געטא לידער ) בוקארעסט, ז׳ 59.

1966" דער בויער שטעלט זיך אויף און וויגט זיך אום. ווי זיין געבויי אין שטורעמווינטן". האל, מיין אוצר, מאסקווע, ז' 37.

2. ( פיג ) שעפער, גרינדער, ארגאניזאטאר. % די בויערס פון א ניי לעבן. דער בויער פון דער באוועגונג.

1951" טשערניכאוו דריקט אויס די שטעלונג פון דער פאלקספארטיי, וואס האט דעם גרעסטן דרך=ארץ צו דער גבורה און מסירת=נפש פון די ארץ=ישראל=בויער". ל. שמעוני, זב ליטע I.

... | ביז עס ווערט א געיאמער: // גאט בויט ניט מער - אומזיסט מיט זיך דער בויער". הל, פאר דעם געוויין=מייסטער א מזמור,

=יש - אדי. וואס האט די אייגנשאפט, די פעיקייט צו בויען, שעפעריש. % די חלוצים זיינען א בויערישער עלעמענט. ער איז א מענטש מיט איניציאטיוו, מיט בויערישע איינפאלן.

1950" סוף פארגאנגענעם און אנהייב דעם י"ה איז אויפגעקומען א מערקווירדיקער דור, אן ענערגישער בויערישער |...| דור". ים, זש' קוד.

=ישקייט - די/דאס, בא. אייגנשאפט, פעיקייט צו בויען, שעפערישקייט.

1964" ישראל האט אנטוויקלט אין זיך אליין א רעזערוו בויערישקייט, וואס איר ווערט פון אים ממש נשתומם". אפא, טמז, III/12.

1972" גאר מערקווערדיק איז געווען, וואס גראד אין דער בויערישקייט האט ער זיך אנטוויקלט, איז זיין קינסטלערישקייט געוואקסן". א. אויערבאך, גק. נ' 76, ז' 123.

ם בויאר / בויערא

?|XVI|" בוני - דבויערא, ל׳ הבונים" | רייכלין 8,
מלכים א, ה - לב. | תי: די בוימייםטערס |.

1610" אונ׳ זיא הקטן בויאר שלמה אונ׳ בויאר חירום |
...| אונ׳ זי בירייטטן די הולצר און די שטיין
צו בויאן דש הויז". טח, שמות, הפטורה,
מלכים א, ה - לב.

1716" | ויפסלו | אונ׳ זיא הויאטן אך דעם בערג דיא
בויאר שלמה און די בויאר חירם |...|". סהמIII,
מלכים א׳ ה - לב, ווילהרמרשדארף, פז - I.

ב ו י ע ר II - דער, =ן. 1.
( ←-- ) ( אלט? דטשמ? ) פויער, ערדארבעטער.

1888 " א בויער וועט ער נעמט אין ארענדע א שטיקל
ערד, באארבעט ער איר אליין". ל. לעוויץ, 1998
רפאל דעם שניידערס טאכטער |...|, ווילנע, ז׳32.

1903" ווי א גנב אויפן מארק ציט זי | די רעגירונג |
ארויס דעם ארבעטער און בויער דעם לעצטן גראשן 2004
פון קעשענע". מ. מיכלזאהן, הערשעל דער שניידער,
לאנדאן, ז׳ 5.

2. ( אלט? דטשמ? ) פיגור אין שאך! פויער, פענדל.
| מארק ווב 736 |. 2004/א

|| ש(י)= - אדי. ( אלט ) וואס איז פון ( שייך צו )
א בויער (פויער).

1888" א, דו בויערשער מוח, דו אייזלקאפ, שויך זשע
דערקענסטו ניט דיין ברודער בענדעטן?". 2066
ש. בעקערמאן, דער רוסעשער טערק, בערדיטשעוו.

ב ו י ע ר (ל) - !!! - דער, =ס. אינסטרומענט צום

2023 בויערן; עקבויער, עקבער(ל). | מארק וועב 1266|.

2014 || ארטיק= - אדי. ווי א ספיראל. | מארק וועב 1266|.

ארטיקייט= - די, ספיראלקייט.

0 בויערוואלץ - דער, =ן. שטייסל | מארק וועב 1442] אַ

2015 צו צערייבן קערנער ( מאָך אַע ).

?נ? ב ו י ע ר אַ ק - דער, =ן. ( רוסיצ )

קליינער, ניט=טיפער טאל. % די רעגנס שטראמען

אראפ כסדר אין בויעראק און שווענקען אפ די ערד.

L R: Буерак

ב ו י ע ר ד י ק - אדי. וואס בויערט ( דורך ), עקבערט,

דרינגט דורך.

1938" אף די וועגן און אין די שטיבער, אומעטום און

2017 נאך אנאנד האט מען געהערט דעם בויערדיקן אומענדלעכן

געפייף פונעם ווינט". נויעכ לוריע, עליע יארש,

בערדיטשעוו, ז' 160.

ב ו י ע ר ן - טרוו. 1. מאכן א קיילעכיקע לאָך,

פארטיפונג אין עפעס מיט א בויער ( עקבער ) אדער

בויער=מאשין. % בויערן די ערד. דער סטאליער

בויערט לעכער אין דער ברעט. אין בעטאן איז

שווער צו בויערן. אין ישראל בויערט מען זייער

טיף אין א סך ערטער צו געפינען נאפט.

...." א געמיינער פראסטער קנעכט לאזט זיך בעסער

2039 דאס אויער בויערן איידער ער זאל זיין געליבט

ווייב פארלאזן". גענארטע וועלט, ציט אויסג

מאסקווע 1940, ז' 81.

1938" די מאשינען צעטראגן שיער נישט די ערד גראבנדיק

2045 און בויערנדיק אין אירע אינגעווייידן". ייז,

חבר נחמן, נ"י, ז' 306.

1951" נאך אין יאר 1900 האט מיין פאטער געלאזט
בויערן אן ארטעזאנישן ברונעם ". י. פרענקעל, 2005
זב ליטע I, נ"י, ז' 952.

2. ( פיג ) אריינדרינגען, דורכדרינגען שארף.
% מיטן בליק בויערט ער די פינצטערניש.

1929" האט זיין פייפל בענקענדיק געבויערט די שטילע
לופט ". בערג, אין א פארגרעבטער שטאט, 2031
ווילנע, ז' 41.

1948" איך האב דעם שטיין געדריקט אין מיינע ארעמס,
// געבויערט מיט מיין אנגעגליטער טרער". סוצ, 2036
יידישע גאס, ~~מאסקווע~~ נ"י ז' 176.

3. ( פיג ) מאטערן, פייניקן, דערקוטשען. % דער
הונגער בויערט די געדערעם. ער בויערט מיר א לאך
אין קאפ מיט זיינע מעשיות.

1910" בויערט אונדז די קשיא: // סטייטש, ווי איז
דאס מיגלעך, // גוואלד, ווי קאן עס זיין?". 2042
פרוג, II, נ"י, ז' 259.

1968" |...| ווידער נעמען בויערן די בייזע געדאנקען:
וויפל פון אונדז איז נאך געבליבן צום ענדגילטיקן 2035
פארפייניקט ווערן ". ג. כץ, יזב אטוואצק.
ת"א, ז' 889.

1970" אלץ בויערט אין מיר דער ווארעם פון צווייפל
לגבי דער וויטערדיקער צוקונפט". ל. וונדה, 2054
יזב זלאטשעוו, ת"א, ז' 300.

4. ( עס ) בויערט אין קאפ/מוח - א געוויסער
געדאנק ( ס'רוב שלעכטער ) לאזט ניט אפ, מאטערט. ~~2018~~

1905" |...| און בויערט זיין אלטן מוח מיט פחד |...|".
י. לערנער, דער אלטער שמש, אדעסע, ז' 5. 2018

1962" איך וועל זיך ניט לאזן שיסן - בויערט עס אין
מוח". ב. ליפשיץ, אולקניק, ת"א,
ז' 249.

1970" איין זאך האט מיר שטענדיק געבויערט אין קאפ -
דער גורל פון מיינע עלטערן ". י. באגדאן, 2055
זלאטשעוו, ת"א, ז' 368.

## בויערן זיך - רפל.

1928" אונטער |הינטער?| דער צאלבאנק איז געזעסן א
הויכע דיקע יידינע - בריינע קאזאק - און מיט 2050
הנאה זיך געבויערט די נאז מיט א פינגער".
אפא I, ווילנע, ז' 43.

1970" די מענטשן בויערן זיך דעם קאפ, צי וועט עס
טאקע פארקומען דאס שרעקלעכע געשפענסט פון דער
" אויסזידלונג". ח. ברעסלער, יזב זלאטשעוו,
ת"א, ז' 349.

ער - דער, =ס. 1. אינסטרומענט צו בויערן;
% די נייע פנעומאטישע בויערערס קאסטן טייער.

1936" דער משוגענער בעריש איז אריינגעקומען, אנגעשטעלט
זיינע שפיציקע אויגן, ווי שארפע בויערערס". 2064
אפא XI, ווילנע, ז' 298.

ניש - דאס, =ן. דאס כסדרדיקע, נאכאנאנדיקע בויערן.

1958" זיי זוכן עוקר צו זיין יעדע אומפראגמאטישע
בויערניש פון געפיל און פון שכל |...|". ש. ביקל, 2060
שרייבער פון מיין דור, נ"י, ז' 361.

0 בויער=מאשין - די, =ען. בויער=סטרוזשקעס -
אפפאל אין רעזולטאט פון בויערן. % די מעטאלענע
בויער=סטרוזשקעס ווערן ווידער איבערגעגאסן אין
שמעלצאויוון.

ם בארן/ באהרן.

1610" אונ׳ ער זול בארן זיין הער זיין אור | אויער |
מיט דר אל אונ׳ ער זול דינן אין צום יובל". 2048
טח, שמות כא - 1.

| ? |" |...| גצימרט, אב גימעסין גיזייאט, גיהאבלט,
גיבאהרט, גישמיט |...| ווערט". שילדבורגר 2049
זעלצאמי אונ׳ קורצווילגי גישיכטי, קא| 17. צי
ציט אורע !!!, לייפציג, 1862, ז׳ 479.

1767 " נקר. א. דקירה ונקיבה אויז שטעכן, בארן.
שווב, אמשט, תקכ"ז. 2053

ב׳ ו י פ ע ליק - אדי / אדוו. ( עלט ) צעבראכן,
חרוב, האלט ביים איינפאלן ( ווען א הויז ).

1865" דאס אלטע שפיטאל איז שוין אויך געווען בויפעליק
, ווער שמועסט די אלטע תלמוד=תורה האט 2068
גאר אויסגעזען ווי חוזק". קמ, נ׳ 39, 578.

1910" דאס איז געווען א נידעריקע בויפעליקע הייזל
|...|". מר !!!, נ"י, ז׳ 280.

1925" דאס זיי זיך אונטערשטיין | איינשטעלן | וועלן
אזא הויז צו באוווינען וואס בויפעליק 2072
איז, אדער איבער איין בריק צו גיין וואס צום
איינשטירצן שטייט". ה. ליכטענשטיין, עת לעשות !!,
סאטמאר, ז׳ לז - !.

□ בויא פעליג

"1701 |...| אונ׳ זייך | פון נחום איש גמזו | לייב
2073 וואר אים פול גרינד אונ׳ ער לאג אין איין בויא פעלגן
הויז, דש שיר איין פאלין וואלט". מעשה=בוך ,
מעשה צ"ד, אמשטרדם, תס"א.

"1743 |...| אונ׳ דר עני וועץ ער שוין איין הויז הט
2070 איז עז בויא פעליג און זייך דאך איז שלעכט רעגנט
אריין". קה, פיורדא, יב - 1.

ב ו י צ ע - די, בא. ( גלש/כלש ) מורא, שרעק.
2075 | י. טריוואקס, גנבים=שפראך, זב ביי אונז יודן,
ווארשע, ז׳ 161 |.

"1920 דער יאלד האט בויצע = ער האט מורא". עלזעס,
ווונדער=אוצר |...|, ווארשע, ז׳ 39.

ב ו י צ ע ן - אטוו. ( גלש/כלש ). 1. מורא
2078 האבן. שרעקן זיך. | י. טריוואקס, גנבים=שפראך,
זב ביי אונז יודן, ווארשע, ז׳ 161.

2. ( גלש/כלש ) אנטלויפן | דצוו |.

ב ו י ק אַ ט - דער, =ן. | געשריבן אויך באיקאט |.
מיטל פון קאמף קעגן עמעצן ( פערזאן, האנדלס-
געזעלשאפט, אינסטיטוציע, מדינה ), וואס באשטייט
אין איבעררייסן די באציונגען מיט אים.
% עקאנאמישער בויקאט, צוליב זיינע מיאוסע מעשים
האט מען דערקלערט א געזעלשאפטלעכן בויקאט אויף
אויף אים.

1910" ווי חזיר האב איך פיינט בויקאט // מיט
2083 זאבאסטאווקעס | שטרייקן | כל הסארטן". פרוג III;
נ"י, ז' 162.

1935" איך בין געצווונגען אייך בעטן איר זאלט אונדז
2081 פארלאזן, אייך איז געמאלדן א בויקאט". איבז
ד. האפשטיין, ל. רובינשטיין, א דערציילונג וועגן
47 סאלדאטן, קיעוו, ז'..

פּשוּר בּוּקאָטירט.

בויקאטירן - טרוו. | געשריבן אויך באיקאטירן,
איבעררייסן אין גאנצן די באציונגען (עקאנאמישע,
געזעלשאפטלעכע אע) מיט עמעצן ווי א קאמפסמיטל
קעגן אים. % יידן האבן באיקאטירט דייטשע סחורות.
אלע אנשטענדיקע מענטשן באיקאטירן דעם געמיינעם
מסור.

בויקסיט - ---> באקסיט.

בויקע I - די, =ס. (מילכעריי) הילצערנע טיפע
און שמאלע כלי ווו מע פלעגט אויסשלאגן פוטער.
1957" ווען זי שלאגט די פוטער אין בויקע לעקט ער אראפ
2094 די סמעטענע פון שטעגגל". ח. פעט, זש' איק,
פסח=נומער, ז' 36.
(R: маслобойка ... לסוין)

בויקע II - דער/די, =עס (ווולג) נאַר, טפש,
גלאָמפּ. | סטוטש 340 |.

ב ו י ק ע III - די, =עס. ( עלט ) קאלדרע, צודעק
פון שטאף בײַע, בײקע.

| פל |" איך ליג אויף דער קויקע | בעטל, נארע |,
// איבערגעדעקט מיט דער בויקע, איך ליג נאר און 2091
פאנטאזיר". ציט. פ. גראובארד, געזאנגען פון
תהום, זב ביי אונז יודען, ווארשע, 1923, ז' 35.

ב ו י ק ע IV - דער, =ס. צעמען פֿון אַ אפשטאמיקער
פון די בערגיקע געגנטן אין מג, וואס
ארום סטרי און סאמבאר. UK: бойко

| ?...18| " דארט וועסטו באגעגענען פערצין פוהרען
גוישע אהיים פאהרענדיג פון דעם שניטט. די גוים 2095
וועלין זיין בויקים ( דאס הייסט הוצאלען ) |...|".
י. שאספיק, מליץ יושר, לבוב, ז' 35.

ב ו י ק ע V - אדי/אדוו. ( רוסיצ, נא ) 1. בראוו,
מוטיק, דרייסט. R: бойкий

1872" ער וואר | איז געווען | זייער שיין |...|,
קלוג און דערצו זייער בויקע ( מוטיק )". אמד, 2088
שעפקע |...|, ווילנא, ז' 19.

2. פלינק, גענים.

1895" בעת באטראכטן די שיינע בויקע האנטשריפט זיינע
האט זי פארגעניגט צוגעשאקלט מיט איר קאפ". 2098
איבז י. טרובניק, ד"ר פהיליפזאהן, רבי יהודה
הלוי, ווילנא, ז' 52.

ב ו י ק ע ר ן - טרוו. פפֿ: בייקערן. שלאגן, ט׳רוב
געמיינט מיט די פויסטן אין גוף, געבן טרוקענע
קלעפּ. % מיט די ביינערדיקע פויסטן בויקערט ער
אים אין די זייטן, אין ברוסט.

1908" אוי, האסטו אים געבויקערט, סעה! דו האסט א
פאר פיינע הענטעלעך". קארנבליט, מאטיא דער ? 2105
סטאליער, ... ז׳ 48.

1930" מיט א שפרונג זיצט ער אויפן ׳שטארקן׳, שליידערט
אים אנידער. הענט בויקערן, קנעטן, ווו ט׳לייב 2110
איז ווייכער". אפּא IX, ווילנע, ז׳ 94.

1939" מיט דעם אראפּגעכאפּטן שטיוול האט זי גענומען
בישקען בויקערן". זש, ביים דניעפּער, ווילנע,
ז׳ 140.

||=יי - דאס, =ען. אקט אדער רעזולטאט פון בויקערן,
קלעפּ.

1928" הענט האבן זיך געהויבן, געפאלן מיט א בויקעריי".
אפּא, X, ווילנע, ז׳ 90. 2104

(נ?) ב ו י ר ג ל ע ר - דער, =ס. ( אמ, נא ) - איינברעכער,
וואס דער ברעכט איין די טירן, כדי צו גנבענען
| סטוטש 483 |.

(נ?) ב ו י ר ס ש - דער, = | עס? =ן? | . ( אמ, נא )
מין בערעזע | סטוטש 250 |.

(נ?) ב ו י ר ע = וו ע כ ו י ס ע - פּפֿ: בוירע=וועכויסע
|קטוו|. פּטמ פארגרייזט פון׳בעירום ובחוסר כל׳
| דברים, כח - מח |. % מע האט אים באגנבעט און 2121
ער איז געבליבן בוירע=וועכויסע. ער איז ארויס
בוירע=וועכויסע נאך דער שריפה.

ב ו י ע ר ײַ - דאס, =ען. גנב.

1930. "אין דער שטילקייט פון דער נאכט איז דאס קלאפן
פון די מאטארן זיך צעוואקסן |...| און איבער
דער קאזארמע איז געשטאנען א בויערײַ". אפא XI,
ווילנע, ז' 26.

ארבעט 38, צו (בו), ז' 176.

..................................................

רעד: מיגלעך אז דאס מיינט "געריש פון בויערן
(עקבערן)", וואלט געדארפט זיין "בויערערײַ".

ב ו י ש - [דער?], =ן. פוס.

"...דא וויל שמעי זון גרה דעם קעניג בור זיין
3256 בוישן". שב, סטראפע 1598.

..." איך שלאג זיא מיט טרויאן זיא ועלן בור מיין
3255 בוישן" [...]". דצוו, סטראפע 1724.

[SIE STÜRZEN VOR MEINE FÜSSE.]

..................................................

באם: ווי אזוי לייענען? בויש? פויש? פוש? פוס?

..................................................

ב ו י ש ן - טרוו. באשטראפן. MHD: BÜEZEN

..." אידלר קעניג דוד מיין זוינד דיא וויל איך
3256 בוישן". שב, סטראפע 1598.

..." איר וואונדן מיך ניט רוייאן איך וויל זיא באלד
3255 בוישן". דצוו, סטראפע 1724.

צוגאב 146, צו (בו), ז' 176

..................................................

רעד: ניט זיכער אין אויסטײַטש; מיגלעך עס מיינט:
אויסבעסערן, פארגיטיקן.

..................................................

176 a – בו

בוך! דאס/דער, מצ ביכער. פקפ ביכל. 1. א גרעסערע צאל צוזאמענגענומענע (איינגעבונדן, בראשורירט, צונויפגעניייט אע) בויגנס פאפיר (פארמעט אע) מיט א ליטעראַרישן טעקסט וואס איז אויף זיי געדרוקט (פאַרצייטנס געשריבן מיט דער האנט); אויך דער מאַנוסקריפּט פון אזא טעקסט. % א בוך פון 15 דרוקבויגן פון גרויסן פארמאט. דאס ביכל האט 80 זייטן. עפענען (פארמאכן, בלעטערן) א בוך. מיש אויף דיין בוך אויף דער זייט 25. (אפ)דרוקן, ארויסגעבן א בוך. איינבינדן די ביכער. דער שרייבער האט אפגעשיקט זיין בוך צום דרוקן.

1872" עס איז איין אלטער שפּריכוואָרט דאס די צייט איז א גרויסעס אומענדלעכעס בוך, וואס יעדע סעקונדע איז אין אים איין בוכשטאב, יעדע מינוט א ווארט |...| יעדע וואך א בלאט, יעדער מאנאט א קאפיטל |...|". אמד, וויגדערקע |...|, ווילנא.

1873" לייענט אין די ביכלעך, אין די געשריבענע מעשיות |...|". ממוס, קליאטשע, ק' 48390.

1928" דאן איז אפילו קיין אפאראט ניט געווען אויף ארויסצוגעבן ביכער". שנ, לעזער |...|, II, נ"י, ז' 426.

2. דער טעקסט פון א גרעסערער ליטעראַרישער שאפונג (קינסטלערישע, וויסנשאפטלעכע אע). % אן אינטערסאנט בוך. די טעמאטיק פון בוך איז אקטועל.

~~אבד=בגד~~

אין בוך"קידוש השם" שילדערט שלום אש די צייט

פון גזירות ת"ח ות"ט. די העלדן פון בוך זיינען

מיינסטעריש כאראקטעריזירט. בעלעטריסטיש, וויסנשאפטלעך,

היסטאריש בוך. דאס בוך איז דערשינען אין ...

(אנ)שרייבן ( מחבר זיין, פארפאסן ) א בוך.

א בוך דערציילונגען, א בוך ליריק.

1873" פארשלאג דיר נישט דעם קאפ מיט אזעלכע נארישע

ביכלעך, מיט אזעלכע משוגענע מעשיות!". ממוס,

קליאטשע, קעסט 103890

1928" אזוי ווי צווישן מענטשן, זיינען אויך צווישן

ביכער די 'ניט=גוטע און ניט=שלעכטע' - די ערגסטע,

די 'אומשעדלעכע' - די שעדלעכסטע". שנ, לעזער

|...|, II, נ"י, ז' 419.

1940" איך האב דאס בוך |...| ממש איינגעשלונגען"?

הר, זב די שטימע פון טאל, נ"י, ז' 126.

" און שרייבן מיין בוך מוז איך, אויב ניט |...| 1972

ווער איך אויסגעמעקט פון דער ליטעראטור |...|".

נס, ציט שמערוק, זש' גק, נ' 77, ז' 127.

3. אפטייל פון א גרעסערן ליטעראריש ווערק. דער

ראמאן איז אין דריי בענד יעדער פון זיי האט 2 ביכער.

מענדעלעס " ווינטשפינגערל" איז איינגעטיילט

אין אכט ביכער. ~~[illegible]~~

~~[illegible]~~.

4. א גרעסערע צאל בויגנס ( זייטן פאפיר), איינגעבונדן

אדער צונויפגענומען אויף אן אנדער אופן, גענוצט

צו פארשיידענע ניט=ליטעראריש פארשרייבונגען

( צו פירן חשבונות, דאקומענטאציע, רעגיסטראציע,

אפרופן אע ). דער שטייעראמט קאנטראלירט די ביכער

פון דער אונטערנעמונג. די טוריסטן האבן זיך

איינגעשריבן א ין בוך פון די וויזיטירערס פון

' יד ושם". דער אומצופרידענער קונה האט פארנאטירט

זיין טענה אין בוך פאר אנקלאגן פון דעם געשעפט.
פירן ביכער. ארייננטראגן אין די ביכער, רעגיסטרירן
אין בוך.

1905" |...| ובקש ראובן משמעון לעשות חשבון ולרשום בבוך,
כדי שיהיה לו ראיה נגד היורשים וכן עשו ונרשם בבוך".
הרב שלום |...| שוואדראן, שו"ת מהרש"ב, חלק שני,
פיעטרקוב, תרס"ה, ז' 73.

1913" קאכעלין האט ווידער אנגעהויבן ארייננטראגן די
אקטן אין זיין בוך אריין". איבז ל. קאברין,
ג. דע מאפאסאן, די ירושה, נ"י ז' 8.

בוך=איינבינדער - דזוו איינבינדער.

1970" און ווען זיי האבן געהערט די תשובה, אז ער
איז א בוך=איינבינדער |...| האבן די באנדיטן 2203
באפוילן אים זיך אומדרייען". רעד' מאהלער,
יצב סאגן, ת"א, ז' 847.

בוכבינדער - דזוו איינבינדער.

1968" א באזונדער קאפיטל האט מיט זיך פארגעשטעלט
דאס ארגאניזירן דעם סאציאליסטישן האנטווערקער - 2212
פאראיין |...| פארזיצער איז געווען ח. א., א
בוכבינדער". נ. געלבארד, יזב אטוואצק,
ת"א, ז' 314.

בוכבינדעריי - דאס/די. דזוו איינבינדעריי.

1947" ער האט געהערט צו די ערשטע גרינדער פון שכונות
באראכאוו און פון "דפוס אחדות" א קאאפעראטיווע 2207
"דרוקעריי און בוכבינדעריי פון דער הסתדרות".
רעד' ר. מאהלער, יזב טשענסטאכאווער יידן,
ז' 83.

בוכבראנזשע - די =ס. ביכער=האנדל אדער פארלעגעריי,

| מארק וויב 349 |. בוכגעשעפט - דאס =ן.

דזוו בוכהאנדלונג.

בוכגריבלער - דער, =ס. מענטש וואס לייענט א סך און האט ליב צו פארטיפן זיך, חקירהן איבער דעם אינהאלט.

1951" ער האט אויך געקענט דייטש, געלערנט פראנצויזיש

און ענגליש, - אלץ, פארשטייט זיך פון ביכער, 2211

אבער קיין בוכגריבלער איז ער ניט געווען".

א. קאצענעלנבאגען, זב ליטע I, נ"י, ז' 1230.

בוכדרוקער - דער, =ס.

| ? |" ער האט אויך מיט א בוכדרוקער אין פראנקפארט

אבגעשלאססען ש"ס צו דריקן". לטיזע, | אלאיזע? | 2214

דעם קעניגס געשעפטספארזארגער, בוקארעשט.

1948" | אזוי ווי | בוכדרוקערס ווילן ניט דרוקן

געוויסע מסיכתאס פון דער גמרא, באשליסט דער וועד, 2213

אז מען זאל צווינגען די קהילות אויסקויפן א געוויסע

צאל עקקזעמפליארן". חנא גארבער, זש' גראדנער

אפקלאנגען, ב"א, ז' 4.

בוך=וואיאזשאר - דער, =ן. ארומפארנדיקער ביכער=

פארקויפער, פאשפרייטער פון ביכער.

1951" א יידישער זעצער ביי זאוואדסקין, דוב בער

בן זעליק ניימאן, איז אויך געווען א בוך=וואיאזשאר". 2246

ד"ר י. שאצקי, זב ליטע I, נ"י, ז' 715.

בוכטיטל - דער, =ען. נאמען, קעפל פון בוך.

1963" דער אונטערקאפ פון דעם

בוכטיטל איז פון דעם ווערטערבוך פון די מערדער"!

פאר-נייעס III/2. ז' 10.

בוכמאדעל - דער, =ן | סטוטש 378 |.

בוך=פראדוקציע - די, בא.

1951" דער וווקס פון דער בוך=פראדוקציע האט געמוזט
2281 משפיע זיין אויך אויף דער אנטוויקלונג פון דעם
יידישן דרוקוועזן". ד"ר י. שאצקי, זב ליטע I,
נ"י, ז' 755.

1946" טאלסטאיס "אננא קארענינא און אנדערע ראמאנען,
2253 וואס פלעגן ארויס דערנאך אין בוכפארעם. די דאזיקע
איבערזעצונגען". שן, דערציילערס און ראמאניסטן,
נ"י, ז' 99.

בוכפארעם - די, =ס.

בוך=פארקויפער - דער, =ס.

בוך=קאמיטעט - דער, =ן. גרופע מענטשן וואס ארגאני-
זירן און ( אדער ) פינאנסירן דאס ארויסגעבן א בוך.

1970" ער איז געווען איינער פון די דריי |...| פון
2282 בוך=קאמיטעט". רעד' ר. מאהלער, ולב סאנץ,
ת"א, ז' 886.

בוך=רעוויזאר - דער =ן. ( בוכהאלטעריע ) עלטסטער
בוכהאלטער.

בוכשפראך - די =ן. 1. ליטעראַרישע שפראך, ניט
דיאלעקטיש.

2. טרוקענע אדער מליצהדיקע שפראך.

צונויפהעפטן מיט בוך, ווי דער הויפטטייל, שייכותדיקע צו:

א) ליטעראטור, לערנען אע | סטוטש 377,379 |.

ארבעט(ס)בוך. אנדענקבוך. בבא=בוך. געדענקבוך.

געזאנגבוך. האנטבוך. הילפ(ס)בוך. וויצנבוך.

ווערטערבוך. פרעמדווערטערבוך. זאמלבוך. טאגבוך.

טעקסטבוך. יארבוך. יובל=בוך. יזכור=בוך.

לייענבוך. לידערבוך. לערנבוך. מליצה=ביכל.

מעשה=בוך. משלים=בוך. נאטיצבוך(ביכל).

סקיצנבוך. פאבלבוך. קאכבוך. קאפירבוך.

רייזעבוך.

ב) אינפארמאציע, דאקומענטאציע אע | סטוטש 318,366,353|:

אדרעס(ן)בוך. אינפארמאציע(אינפארמיר)=בוך.

אנקלאגבוך. אפרופבוך, גאלדנבוך. געדענקבוך.

ווייסבוך(בלויבוך, געלבוך, שווארצבוך --> בפז ).

דאקומענטן=בוך. טעלעפאן(ען)=בוך. ייחוס=בוך.

מיטגליד(ס)=ביכל. מעלדונגבוך. מעמאראנדום=בוך.

נאטיצבוך(=ביכל). פארטיי=ביכל. פראטאקאל=בוך.

קעשענע=ביכל. רעפערענץ=בוך. שטאמבוך.

ג) ~~[illegible]~~ שייכותדיקע צו בוכהאלטעריע, געשעפטספירונג, באנקוועזן אע | סטוטש 488|.

איינלאג=ביכל. אינווענטאר=בוך. אינקאסע=בוך.

ארדערבוך. בוכהאלטעריע=בוך(=ביכער). געשעפט(ס)בוך.

גראסבוך. הויפטבוך. הילפ(ס)בוך. וועקסלבוך.

טאגבוך. טערמינען=בוך. טשעקביכל. יארבוך.

מזומן=בוך. פאקטורע(ס)=בוך. קאנטעבוך. קאנטראלבוך.

קאסעבוך. שפארביכל.

צונויפהעפטן מיט דער מערצאל=פארמעס ביכער | סטוטש 381|.

ביכער=אגענט. ביכער=אלמער. ביכער=ארויסגאב

| מארק ווב 349 |. ביכער=וויסנשאפט, ביכער=וועזן.

ביכער=יריד. ביכער=לאגער. ביכער=מארק.

ביכער=קענטעניש. ביכער=קענעריי. ביכערקראם.

ביכער=שאפע. ביכער=שראנק.

ווייס ( בלוי, שווארץ, געל אע ) בוך- גענוצט אויך ווי א צונויפהעפט: ווייסבוך אד"גל. דאקומענט אדער זאמלונג פון דאקומענטן, דעקלאראציע, וואס ווערט פובליקירט פון א רעגירונג בנוגע א געוויסן ענין. % דאס ווייסע בוך פון ענגלאנד וועגן באגרענעצן די רעכט פון די יידן אין ארץ=ישראל האט ארויסגערופן א שטורעם פון פראטעסטן.

2191 1863" דאס געלע בוך | אין פראנקרייך | איז אזא איין ארט ווי דאס בלויע בוך פון ענגלאנד, ~~וועגן=באגרענעצן~~ ~~די=רעכט=פון=די=יידן=אין=ארץ=ישראל=האט~~ דארט ווערן אריינגעטראגן אלע דיפלאמאטישע אקטן". קמ, ג' 41, ז' 646.

אן אפן בוך - א) וועגן אן אפנהארציקן, תמימותדיקן מענטשן; ב) וועגן אן ענין, געשעעניש וואס איז אלעמען באקאנט און קלאר, נישט קיין סוד.

2136 1961" זיין גאנץ לעבן איז געווען אן אפן בוך. ער האט פריער געלערנט אין חדר, דערנאך |...|, י. ווארשאווסקי, פאר, VI/30.

א פארשלאסן בוך - א) וועגן א מענטשן וואס איז פארמאכט אין זיך, מע ווייסט נישט וועגן זיין לעבן, מע פארשטייט נישט זיין פירונג. ב) וועגן אן ענין, פראבלעם וואס איז אומפארשטענדלעך, פארבארגן, נישט צו פארשטיין. א בוך מיט זיבן שלעסער - דזוו דפוו.

גאלדןבוך - ספעציעלער בוך, שיין באצירט, וווּ מע שרייבט אַ ריין די נעמען פון חשובע מענטשן אָדער וועלכע האָבן בייגעשטייערט פאַר דער געגעבענער אינסטיטוציע. ער האָט געגעבן אַ גרויסע באַשטייערונג צו פלאַנצן אַ וואַלד, האָט מען אים איינגעשריבן אין גאָלדענבוך (גאָלדענעם בוך) פון קרן קימת.

אַ רוח מיט אַ בוך - (פּעיאָ) וועגן אַ שטייערן=מאַנער | קטוו |.

שלינגען ביכער - לייענען אַ סך, אָן אויפהער און גיך.

ליגן אויף די ביכער דזוו דפוו.

ראַיען (גראַבן, גריבלען) זיך אין די ביכער - פאַרטיפן זיך, זוכן אַ סך אין ביכער, וועלן דערגיין עפּעס פון ביכער.

רעדן (זאָגן, דרשען) ווי פון אַ בוך - אַ) רעדן שיין, מליצהדיק, ליטעראַריש; ב) אַרויסזאָגן געדאַנקען ניט=אָריגינעלע, ניט אייגענע, נאָכגעזאָגטע רייד.

נעמען אויפן בוך - נעמען אויף באָרג, ווען דער קרעמער פאַרשרייבט דעם חוב אין זיין בוך.

1971 "די פאַר רובל |...| טראָגט מען אַפּ צו בתיהן אין קלייט, ווייל מיר נעמען ביי איר אויפן בוך".
אי. קיפּניס, מיין שטעטעלע סלאַוועשנע, !!, ת"א.
2169

פירן ביכער - פאַרשרייבן און כסדר אַקטואַליזירן די חשבונות, פינאַנסיעלע התחיבותן, שטייער=אָפּרעכענונג אאז" וו אין אונטערנעמונגען, אינסטיטוציעס אאַ.

פירן בוך - (פּסמ? עלט?) דזוו דפוו.

1946 " די דאָזיקע יידענע האָט געפירט בוך פון אַלע לאָדזשער הויז-קבצנים". ייט, פוילן !!, נ"י, ז' 105.

אַריינטראָגן אין בוך(ביכער) - פאַרנאָטירן אין בוכהאַלטעריע=בוך.

דער וואָס זיצט ביי (לעבן) דעם בוך, שרייבט זיך אָן אַ גוט יאָר (שוו) - אויף אַ מענטש וואָס ניצט אויס זיין מעמד, פּאַסטן פאַר אייגענע, טייל מאָל אומערלעכע צוועקן.

## ם בוך / בויך, מצ ביכר / בויכן.

.1 <-----

|XV י"ה | " אונ׳ וואו מן אין ליזט אין דען בויכן //
זא זול מן המן ולויכן | פלוכן, שעלטן |". 2348
מגילה מינכן...ז׳ מ/110 א.

1648" איינם בוכבינדר פר קויפט צו שערץ אנדרי ביכר
דריין צו בינדן ". מגילת ווינץ, אמשטרדם, ז׳16. 2205

.2 <----

|XV י"ה |" זיא ריכטן זיך צו שטרייטן אז אונש דש
בוך הוט גישריבן. // אי איינר דען אנדרן העט גערן 2190
פור טריבן ". שב, פערז 303.

1686" |...| אונ׳ אך דען טעמפל אונ׳ דאז הייליק הויז,
// דאמיט האב איך דאז בוך גאר אויז". ס׳ משלים, 2176
פפדם, תמז. דף נח - I.

1723" |...| און מעק אויז מייני זינד אויש דען בוך
דאש דיא איז ווארדן איין גישריבן. לט1, 2185
אמשטרדם, י/7.

.4 <----

1676" אונ׳ וועלכר וויל זיין איין בעל תשובה איין
גנצר, דער מוז זיך מכין | מאכן | איין בוך וויא 2195
די סוחרים האבן די אלי טאג איין שרייבן וואז זי אויש
געבן אונ איין נעמן". ברנט שפיגל, פפדם, פרק סא -

1752" אונ׳ וועך ער הט שוין זיין זאכן אויף גשריבן
אונ׳ וויל זיא ( חול מועד) אין איין בוך ברענגן 2177
טאר ער ניט ". עח, פיורדא, תקי"ב. ע - 1.

0 בוכבינדר.

1648 " איינם בוכבינדר פר קויפט צו שערץ אנדרי ביכר דריין
צו בינדן ". מגילת ווינץ, אמשטרדם, ז' 16.

בוכדרוקר.

1777." איך האבי עז אלזא נור אויף ערזוכן דעס קעניגלוכן
פריווילעגיהרטי בוכדרוקרס וועלכר מיר דאס איבערריכש 2215
צועאיבערזעצטין". איבז, ס' תפתה ערוך |...| ה
הקדמה, צים ייבל XIV, 1 - 2.

בוך דרוקרייא

1743" און ניט לאנג דר נאך האבן דיא יהודים איין
קונשטאנטינאפל דז ( חירות )גקראגן אום איין 2216
בוך דרוקרייא אויף צו שמעלן ". שאר, אמשטרדם,
ז' קט - 2.

ב ו ך !! - דער, =ן / =עס. 1. ( אנאמאטאפעיש )
דומפיקער קלאנג, רויש. % ס'האט זיך דערהערט א
ווייטער בוך ווי פו א הארמאט.

1928" דעמאלט האט נעזע |...| מיט א טיפן בוך געעפנט
די טיר |...|". מק, מוניע |...|, צים אנט, 2178
ז' 593.

2. א קלאפ מיט א דומפיקן קלאנג. % ער האט אים
דערלאנגט א בוך איך דער זייט.
3. אונג. [illegible]
1888" איך כאפ א שטעקן, לאז מיך - און בוך אויף דער
ערד, אויסציענדיק זיך ווי גרויס איך בין". 2182
ממוס, פישקע, נ"י, ז'...
(63 [illegible] 1910)

ב ו ך III - דער, =ן. (ארץ? רעג גאליציע?).

דזוו באָר, טייך | קטור |. 2345

{באַם: איז עס ריכטיק? גייטיק? אפשר שרייבונג ניט ריכטיקע?}

< И. Бухан, Буханець.

ב ו כ אַ ן I - דער, =עס [געניצט צוזאמען מיטן וואָרט "ברויט"] - (רוסיש) אַ גאנץ אויסגעבאקן ברויט; לעבל. % די חברה איז געווען אזוי הונגעריק, אַז זיי האָבן אויפגעגעסן צוויי גרויסע בוכאַנעס ברויט.

|| =קע - די, =ס. דזוו דפוו. אָפטער געניצט.
% די משפחה פאַרניצט, קיין עין=הרע, אַ גאנצע בוכאַנקע ברויט אַ טאָג.

ב ו כ אַ ן II - דער, =עס. שפּיץ, קלאַפּ. דזוו בוכענצע. % "דערלאַנגען בוכאַנעס אונטערן הארצן". | קטור |.

ב ו כ אַ נ צ ע - ---> בוכענצע.

ב ו כ א ר י ש I - דאָס, בא. די שפּראַך פון די יידן אין בוכארע.

1973" בוכאריש: דאָס לשון פון יידן אין דער אמאָליקער צענטראַל=אזיאַטישער מלוכה בוכארע, היינט אַ טייל פון סאָוויעטישן אוזבעקיסטאַן. דאָס פּערסישע שמעלצוואַרג קומט פון די טאַדזשיקישע דיאַלעקטן |...|. בוכאריש קומט צו נאָענט צו דזשידי, |...| ; אפשר איז אַ סברא צו זאָגן, אַז דאָ גייט וועגן צוויי דיאַלעקטן פון דער זעלבער שפּראַך". מווג I, ז' 77. 2291

ב ו כ א ר י ש II - אדי. דזוו בוכארער.

ב ו כ א ר ל י - דער, =ס. " בוכארער ייד".
% וואָלט זי אנגעקוקט אַ בוכארלי, דערצו אַ זקן".
| [illegible] איזראעל?|.

ב ו כ אַ ן I - דער, =עס [גענוצט צוזאמען מיטן וואָרט "ברויט"] - ( רוסיצ ) אַ גאַנץ אויסגעבאַקן ברויט; לעבל. % די חברה איז געווען אַזוי הונגעריק, אַז זיי האָבן אויפגעגעסן צוויי גרויסע בוכאַנעס ברויט.

|| =קע - די, =ס. דימ. דפוו. אַפּטער גענוצט. % די משפּחה פֿאַרניצט, קיין עין=הרע, אַ גאַנצע בוכאַנקע ברויט אַ טאָג.

?בג ב ו כ אַ ן II - דער, =עס. שטיפֿ, קלאָפּ. דזוו בוכענצע. % "דערלאַנגען בוכאַנעס אונטערן האַרצן" | קשור |.

ב ו כ אַ נ צ ע - <---- בוכענצע.

ב ו כ א ר י ש I - דאָס, בא. די שפּראַך פֿון די ייִדן אין בוכאַרע.

1973" בוכאַריש: דאָס לשון פֿון ייִדן אין דער אַמאָליקער צענטראַל=אַזיאַטישער מלוכה בוכאַרע, היינט אַ טייל פֿון סאָוויעטישן אוזבעקיסטאַן. דאָס פּערסישע שמעלצוואַרג קומט פֿון די טאַדזשיקישע דיאַלעקטן |...|. בוכאַריש קומט צו נאָענט צו דזשידי, |...| ; אפשר איז אַ סברא צו זאָגן, אַז דאָ גייט וועגן צוויי דיאַלעקטן פֿון דער זעלבער שפּראַך". מווג I, ז' 77. 2291

ב ו כ א ר י ש II - אַדי. דזוו בוכאַרער.

ב ו כ א ר ל י - דער, =ס. " בוכאַרער ייִד".
% "וואָלט זי אַנגעקוקט אַ בוכאַרלי, דערצו אַ זקן".
| קשור, איזבאַן? |.

ב ו כ אַ ר ע ר - אַדי. וואָס איז שייך צו דער שטאָט בוכאַרע, % בוכאַרער טעפּעכער. אָדער איינוווינער, אַפּשטאַמיקער פֿון בוכאַרע.

1968" איצט זיינען דא | ביים כותל=מערבי | געשטאנען
יידן פון פארשיידענע טיילן וועלט, תימנער מיט 2294
געקרייזלטע, דיקע פאות, בובארער יידן און יידינעס".
א. בייער, יזב אטוואצק, ת"א, ז' 576.

בוכהאלטונג - די, בא. ( עלט ) בוכהאלטעריע,
בוכפירונג.

1867" דערצו נאך | זיינען די שטודירטע באקאנט מיט |
טאפעלע איטאליענישע בוכהאלטונג און עטלעכע שפראכן". 2217
קמ, נ' 30, 230 - II.

בוכהאלטן - אוטוו, געניצט נאר אין אינפיניטיוו.
( דטשמ? ארכ? ) פירן די רעכענונג=ביכער, זיין
א בוכהאלטער. 2218

1930" |...| גייט פון טאטנס הויז - צום פעטער אין
באנק אריין - בוכהאלטן". ק. הייזלער,
קומארנער פארשוינען, נ"י, ז' 41.

בוכהאלטער | אויך בוכהאלטער | - דער, =ס
( שש בוכהאלטערן ), ווב בוכהאלטערין/בוכהאלטערקע.
דער מענטש וואס פירט די חשבונות, די בוכהאלטעריע.
א געניטער בוכהאלטער. דער בוכהאלטער האט אונטער-
געשריבן די פאקטור. דער בוכהאלטער האט צוגעשטעלט
דעם יארבאלאנס.

1875" אזוי האט ער אומגעוועקסלט | געביטן | זעלבסט
דעם בוכהאלטער און דעם קאסירער". אמד, דער 2223
בן=יחיד, ווילנא.

1930" פאן ווינקלער |...| האט פארשטאנען, אז דאס וויל
ער זען, וועלכן חודש און וועלכן טאג ער, דער 2229
בוכהאלטער, האט שוין אריינגעטראגן אין זשורנאל".
י. פערלע, ביין א זייגער אין דער פרי,
ווילנע, ציט אנט, ז' 438.

1951" א פראסטער בוכהאלטער קאן... חתונה האבן
אין דער משפחה פוועס". ייט, פוילן VI, 2228
נ"י, ז' 125.

|| בוכהאלטעריי = דאס, בא. (ארכ) דזוו
בוכהאלטעריע.

1897" איך קען גוט בוכהאלטעריי, דען איך בין בוכ-
האלטער, איך פארדין הונדערט רובל מאנאטלעך". 2261
א. י. בוכבינדער, דער קליגער פריקאשציק,
ווארשא, ז' 15.

בוכהאלטעריש - אדי/אדוו. וואס איז (ווי)
פון א בוכהאלטער, וואס איז שייך צו בוכהאלטעריע.
% בוכהאלטערישע ביכער. ער האט א סך בוכהאלטערישע
פראקטיק. בוכהאלטעריש גענוי האט
ער בארעכנט וויפל ס'גייט אוועק אויף עסנווארג.

1931" די אאכענער לעדער=פאבריק האט געגעבן |...|
פערציק פראצענט דיווידענד. צוזאמען מיט די 2270
פארשיידענע בוכהאלטערישע אפשרייבונגען איז געווען
די גאנצע הונדערט". איבז ש. קאשעווניק,
ק. גרינבערג, רור אין פלאמען, מאסקווע.

1972" ער האט ארויסגענומען א האלב צייטל בוכהאלטעריש
פאפיר פון קעשענע |...". מ. ראזענפארב, בוים 2269
פון לעבן, III, ת"א, ז' 499.

בוכהאלטערסקע. - אדי. (רוסיצ). דזוו דפוו.

1972" ער האט אפערגעשלעפט פון אונטערן בעט די

בוכהאלטערסקע ביכער |...|". ה. ראזענפארב, 1972

בוים פון לעבן, III, ת"א, ז' 310.

= שע - די, =ס. וונ, בוכהאלטער. % די

בוכהאלטערשע פון דער באנק שרייבט אונטער דעם

טשעק.

בויכהאלטער - (שלש) בוכהאלטער.

1973" פאר וואס ווילט איר גראד ווערן א בעקער, פאר

וואס ניט קיין בויכהאלטער (בוכהאלטער)? - 2234

חיים, לאך נישט אויס דעם מענטש - האט דאס ווייב

זיך אנגערופן ". י. באשעוויס, פאר, VIII/3.

ער איז א בוכהאלטער אין א קוזניע - אפלאכעריש

אויף איינעם וואס האלט זיך פאר אן אינטעליגענט,

נאר איז באמת א פראסטאק "| קטוו |. 2219

פון א בוכהאלטער נאך זיבן יאר ווערט א היטל צוקער,

ער באקומט א גלאטן הינטן און א שפיציקן מוח (

| סטוטש 488 |.

ב ו כ ה א ל ט ע ר י ע - די, =ס. 1. דאס פירן די

ביכער און אנדערע פארמעס פון דאקומענטירן די חשבונות

פון א געשעפט, אונטערנעמונג אינסטיטוציע (הכנסה-

הוצאה, פארמעגן=באשטאנד, באנקקאנטעס, שטייערן=

אפרעכענונגען אאז"וו); אויך די דאקומענטאציע

פון דער בוכהאלטעריע (רעכענונגען, פאקטורעס אע).

% די בוכהאלטעריע פון דער פאבריק פירט מען

פינקטלעך און אקטואליזירט. דער שטייערראמט

רעווידירט די בוכהאלטעריע פון דער קראם.

די <u>בוכהאלטעריע</u> ווייזט אן אויף א דעפיציט.
קאמפיוטערס שפילן היינט א גרויסע ראל אין
<u>בוכהאלטעריע</u>.

2. דאס קענטעניש, די פרינציפן פון פירן די רעכענונגען.
אויף די פראפעסיע. % איינפאכע <u>בוכהאלטעריע</u>.
איטאליענישע ( טאפלטע ) <u>בוכהאלטעריע</u>, אמעריקאנער
סיסטעם פון <u>בוכהאלטעריע</u>. ער האט געענדיק קורסן
פון <u>בוכהאלטעריע</u>. <u>בוכהאלטעריע</u> איז היינט א גוט
באצאלטע באשעפטיקונג.

1951" ער | בעל=מחשבות | האט זיך נאך אויסגעלערנט
<u>בוכהאלטעריע</u>, ווארעם צו יענער צייט איז 2224
<u>בוכהאלטעריע</u> אויך געווען אזא מין איידעלע קענטשאפט".
<u>שב</u>, <u>זב ליטע I</u>, נ"י, ז' 1046.

1970" אין א קורצער צייט האט ער זיך נישט בלויז
אויסגעלערנט <u>בוכהאלטעריע</u>, נאר אלע פאזן פון דער 2204
קאמערציעלער וויסנשאפט". <u>י. כץ</u>, <u>יזב זלאטשעוו</u>,
ת"א, ז' 208.

3. דער אפטייל וואס פארנעמט זיך מיט דער בוכפירונג,
אויך דאס ארט, קאנטאר ווו מע פירט די ביכער.
% אין דער <u>בוכהאלטעריע</u> פון דער באנק זיינען
באשעפטיקט פינף מענטשן. דער קאמפיוטער שטייט אין
דער <u>בוכהאלטעריע</u>.

1930" דער באנקיר |...| איז מיט אנגעשטרענגטע טריט
ארויס פון דער <u>בוכהאלטעריע</u>". <u>י. פערלע</u>, <u>גייך</u> 2263
<u>א זייגער אין דער פרי</u>, ווילנע, <u>ציט אנט</u> ז' 439.

4. ( <u>פיג</u> ) חשבון, כסדרדיקע פארנאטירונג, רייסטער
פון געוויסע האנדלונגען.

1956" פאן=שפעק געשריבן האט א טאגבוך אקוראט, // די בוכהאלטעריע פון זיינע העלדנטאטן געפירט דארט |...|". פמ, מלחמה I, נ"י, ז' 245. 2263/א

||=שאפט - די, בא. (עדב) בוכהאלטעריע, בוכפירונג.

1864" איך פלעג גאנצע נעכט ניט שלאפן און ארבעטן אין בוכהאלטעריעשאפט, וואס סוחרים פלעגן מיר געבן אהיים ". קמ, נ' 22, ז' 344. 2271

0 בוכהאלטעריע=בוך - דאס/דער, ביכער.

בוכהאלטעריע=קורס - דער, =ן.

פירן א טאפלטע בוכהאלטעריע - אויפפירן זיך צביאוסדיק. צווייפנימדיק.

ב ו כ ה א נ ד ל - דער, בא. צווייג פון מסחר, וואס גיט זיך אפ מיט פארקויפן ביכער. % דער בוכהאנדל פארנעמט א אנזעעוודיק ארט אין דער ווירטשאפט פון ישראל.

ב ו כ ה א נ ד ל ו נ ג - די, =ען. קראם וווּ מע קויפט און פארקויפט ביכער. % אין אויסשטעל= פענצטער פון דער יידישער בוכהאנדלונג האבן זיך באוויזן נייע ביכער. ער האט געזוכט אין א סך בוכהאנדלונגען די ערשטע אויסגאבע פון מענדעלעס ווערק.

1947" א געוויסע צייט האט ער געהאט א בוכהאנדלונג אין פיאטרקאוו". י. שאצקי, יצחק שטענטשאכאווער יידן, נ"י, ז' 22. 2237

1968" איך דערזע סלאווינס הילצערנע בוכהאנדלונג

2239 |...|". מ. ראקאווסקי, יזב אסוואצק, ת"א,

ז' 956.

(שלש)

ב ו כ ה א נ ד ל ע ר - דזוו בוכהענדלער.

1887 " ער | ד"ר ש. מאנדעלקערן | זאגט: דעריבער

2241 הייסן בוכהאנדלער 'מוכרי=ספרים' און ניט 'סוחרי

ספרים', ווייל זיי פארקויפן בלויז, האבנדיק ניט

געקויפט |...|". צ. נ. גאלאמב, די בורזשואזיע,

ווארשע.

ב ו כ ה ע נ ד ל ע ר - דער, =ס. דער וואס האנדלט

מיט ביכער. % דער בוכהענדלער האט אראפגעבראכט

א נייעם טראנספארט ביכער. די יידישע בוכהענדלערס

קלאגן זיך אויפן מאנגל אין קונים אויף פאעזיע.

1905" באלד הייסט אים דער בוכהענדלער נעמען מיט זיך

2131 |...| די ספרים, און אזא חרפה וועט ער ניט איבערטראגן".

אר, דער רב און זיינע ספרים, ציט אויסג אלע ווערק III,

נ"י 1930, ז' 146.

1951" אויך די צאל יידישע פארלעגער און בוכהענדלער

2129 איז שטארק אויסגעוואקסן". י. שאצקי, זב ליטע I,

נ"י, ז' 755.

ב ו כ וו יי ץ - דער, בא? (שלש) הרעטשקע,

איינע פון די תבואות. | פויליש: Hryka.

1891" זייער אפט ווערט לוצערנע געזייט אונטער בוכווייץ.

2297 אדער אונטער הירזש און די מינים געטריידע

| תבואה | ווערן פריער אפגעקאסעט". מ. וועבער,

דער יודישער פעלדארבייטער, ווארשע, ז' 87.

ב ו כ ז ש ו ק – דער, =עס. אינסעקט, מין מויל וואס
פרוכפערט זיך אין אלטע, ניט געשטויבטע ביכער.

1936" |...| זי איז ענלעך אויף א בוכזשוקל און איך
קאפ ביי איר זיינען בלויז גומערן פונעם קאטאלאג". 2132
איבז ב. מארשאק, אי. ערענבורג, דער טאג דער
צווייטער, קיעוו, ז' 186.

ב ו כ ט א ן – דער, =עס. | אקצענט? | ( לאקל,
פילעוו, צענטראל פוילן). הויכער מגושמדיקער מענטש".
| ייפא, 14 |.

ב ו כ ט ע I – די, =ס. | זז בוכט, =ן |. 1. קליינער
איינגוס פון א ים. % די שיף ווארט איבער דעם שטורעם
דעם נייעם [illegible] ביז ווען און פאר [illegible],
אין דער גוט באשיצטער בוכטע. ווייל די כוואליעס
זיינען דא שטילע. די בוכטע שניידט זיך אריין
אין זאמדיקן ברעג ווי א פאדקאווע.

1863" איך א שיינער זומערנאכט, אז איך בין געגאנגען
צו א בוכטע |...| נאענט פון א פלוס ( א לויפעדיק 2307
וואסער)". קמ, נ' 13, 206.

1930" וואסערפלוס אין גרויען פעלדזנבוכט" א. שומיאטשער,
אין שעהען פון ליבשאפט, ווילנע, ז' 159. 2332

1944" אדמיראל נעלסאן יאגט זיך ארום |...| אין מיטל=
לענדישן ים און ווייס נישט וו פריער צו טשאטעווען 2322
|...| ביי די ים=בוכטעס פון עגיפטן צי ביי מאלטא".
זש, קיסר און רבי I, נ"י, ז' 12.

2. ( פיג ) אן אייבערפלאך וואס זעט אויס ווי א בוכטע,
אַלט וואס גייט אריין אין א צווייטן שטח ווי א בוכטע.

1957" די כמארע פול מיט בוכטעס פון רעגן". הר,
פאר=נאכט, ל"א, ז' 107. 2314

1972" דער שטערן האט מיט טיפע בוכטעס געגרייכט
2317 איבער די שלייפן, ווי ביי א מאנצביל, ווען
ס'הייבן אן אויסקריכן די האר". ח. ראזענפארב,
בוים פון לעבן, !!!, ת"א, ז' 388.

ב ו כ ט ע !! - די, =ס. 1. ( דיאל ) לאנגער וואגן .
2328 | ייפא, נ' 5,ווארשע, 1938 |. % א פולע בוכטע
מיט פארשוינען. דער בעל=עגלה האט אנגעלייגט די
סחורה אויף דער בוכטע.

1910-1903
" צוויי מעת=לעת האבן זיך אונדזערע אויסדער-
2328 ווײלטע געטרייסלט אין די 'בוכטעס' איבער דער
געהארטעוועטער בלאטע". שע, אלט=ניי כתרילעווקע,
כתרילעווקער נשרפים, נ"י, ז' 31.

1932" נאך דעם ווי מע שיט אן די קערנער |...| דארף
2318 מען די בוכטעס גוט פארדעקן מיט א ברעזענט".
באהערשן די טעכניק |...|, נ' 2, יוני, קראקאו,
ז' 22.

2. לאנגע הילצערנע ברעטער=פאליצעס לענגויס א וואגן
אויף אנצולאדן צוגאבלעכע משא. % דער וואגן
איז שוין געווען פול, האט דער בעל=עגלה געלייגט
עטלעכע קעסטלעך סחורה אויף די בוכטעס.

1920" פון ביידע זייטן וואגן, אויף די בוכטעס, זענען
2306 מיט אייזערנע קייטן אנגעשלאסן שטייגן מיט עופות".
ע. ווארשאווסקי, שמוגלארס, ציט אנט, ז' 235.

1928" |...| על הדף הבולט מן העגלה שנקראת בוכטע
2327 אשר מניחים עליוו משא כשהעגלה מלאה". הרב י. נ.
קופערשטאק, שו"ת |...|, ירושלים, תרפ"ח, דף נט/4.

ב ו כ ט ש ( ע ) - דער, =עס. פּפֿ: בוכץ(ע), שטויס,
שטורק, קלאפּ מיט א פויסט. % פון דעם שטארקן
בוכטש אין דער ברוסט איז ער גלייך אנידערגעפאלן.

1913" בוכצעס האבן זיך געשאטן אויף אים פון אלע זייטן".
איבז ל. קאברין, ג. ד. מאפּאסאן, גוו II, סימאנס 2384
פאטער, ז' 4.

1965" און א מלאך האט מיר דערלאנגט א טראסק און א
בוכטש און מיך אויפגעשטעלט". פּ. רודאי, טמז, 2234
V/2.

1973" הייבט איר אויף אייער שטעקן |...| און דערלאנגט
אים א בוכץ איבערן קאפּ". א. שולמאן, פאר, III/1. 2380

ב ו כ ט ש ע ן - טרוו. פּפֿ: בוכצען, ( שש )
שטויסן, שטורכען, געבן קלעפּ טרוקענע, דומפּיקע.
% דער שלעגער בוכטשעט אים מיט די פויסטן אין די
זייטן, אין בויך.

1907" איך וועל בוכצען דארט ווו קלעפּ // נאר קענען
איבערצייגן". יהואש,... צו עשירן"... 2392

"האט ער אים גוט אויסגעבויקערט, געבוכצעט
מיט די פויסטן". אש, גראסמאן און זון, [illegible] 2390

1956" איך וועל דיר געבן קלעפּ, ווי האלץ, איך וועל
בוכטשען |...|", ש. סיימאן, ווארצלען, ב"א, ז' 30.

בוכטשען/בוכצען זיך - ( שש ) 1. רעפל. שלאגן זיך
מיט די פויסטן איינער דעם אנדערן, שטורכען זיך
אין די זייטן.

1938" און מע בוכצעט זיך, אין צארן אין צעברויזטן, //
אין די פנימער מיט פויסטן". אל, I, נ"י, ז' 254. 2391

בו - 196.

2. אוטוו. פאלן מיט א קלאפ, גערויש.

1930" גיט זיך א בוכצע אין וואסער אריין". זש, א דערטרונקענער[?].. ז' 269. 2382

ב ו כ ן I - טרוו. דורפירן די נייטיקע אָנאָטאציע, איינשרייבונג אין די בוכהאלטערישע ביכער, דאקומענטן. % בוכן אויף די געהעריקע קאנטעס. דער געהילף= בוכהאלטער האט געבוכט אלע קאסע=אפעראציעס פארן חודש.

1930" מיר האבן שוין היינט מערץ, און איר בוכט נאך אלץ דעם פארשאלטענעם דעצעמבער". י. פערלע, נייען א זייגער אין דער פרי, ווילנע, ציט אנט, ז' 438. 2349

1949" דער יודענראט האט געהאט קאלאסאלע הוצאות, וואס מען האט ניט געטארט |...| עפנטלעך בוכן |...| עס האבן זיך געפאדערט גרויסע סומעס געלט פאר איבערקויפן די דייטשן ". מ. באכנער, טשכזשאנאוו, רעגנסבורג, ז' 258 - 259.

||=ונג - די, =ען. אקט אדער רעזולטאט פון בוכן. % די בוכונג מוז זיין אקטואליזירט און פינקטלעך, אניט האט זי ניט קיין ווערט פאר דער אונטערנעמונג.

1925" נאכן פארבוכן אלע קאסע=פאזיציעס |...| פירט איך דורך | דער בוכהאלטער | די בוכונג פון די מעמאריאל=פאזיציעס". א. שמויש, האנטבוך פאר קרעדיט=קאאפעראטיוון, ווארשע, ווילנע, ז' 87. 2301

ב ו כ ן II - דער, ⅟ מצ? |בוכאנקע, לאבן, לעבל. ?נ?

| קטוו |. " דער קארענער בוכן ברויט אויפן טיש איז געווען ענלעך צו א ראָד |...|". | קטוו, [illegible] |. 2351

ב וֹ כ נ ב ו י ם - דער, מצ ~ בוכנביימער, אויך בוקנבוים אדער בוק. (FAGUS (ל"ת, בוים פון דער דעמבן=משפחה. איינער פון די העכסטע וואלדביימער, מיט שפיציקע און שימערנדיקע בלעטער און מיט א גלאנציקער קארע; פארשפרייט אין 8 ארטן איבער דער צ(נ)עסיקער זאנע פון אייראפע, קליין=אזיע און אמעריקע. // דאס הארטע פעסטע האלץ פונעם בוכנבוים ווערט פיל גענוצט אין דער מעבל=אינדוסטריע.

1920" דער בוכנבוים וואקסט ביי אונדז נאר אין מערב= רוסלאנד |...|, זיין שטאם איז א הויכער און איז באדעקט מיט א גלאטער, א גרויער זילבערדיקער קארע". איבז ד. האכבערג, א. שמייל, געוויקסן, מאסקווע, ז' 96. 2355

ב וֹ כ נ ה אַ ל ץ - דאס, בא. האלץ פון בוכנבוים, פון בוק. // דער בופעט איז פון בוכנהאלץ. בוכנהאלץ איז טייער.

1913" שקנה שמעון יער |...| לא טוב עצים להפאבריק עשות ממנו גלגלים, וכן גלה דעתו שאין מוצלח למלאכה זו רק בוכנהאלץ | טעקסט: בוכען האלץ|". הרב מרדעי ליב ווינקלער |...|, שו"ת |...|, סוואליווע, תרע"ג, חלק שני, דף חי. 2369

ב ו כ נ וו א ל ד - דאס, בא. (גנ) שטאט אין דייטשלאנד, טרויעריק בארימט צוליב דעם קאנצענטראציע= לאגער, וואס די נאציס האבן בעת דער II וועלט= מלחמה אויפגעשטעלט און ווו עס זיינען אומגעקומען דורך זייער צענדליקער טויזנטער ארעסטירטע צווישן זיי זייער א סך יידן. (?נ?)

1973" פון האסאג האט מען מיך איבערגעפירט קיין בוכענוואלד,
אין יענעם טויטן=לאגער זענען מענטשן געפאלן ווי 2356
די פליגן." , יזב [illegible] פשיטיק, ת"א, ז' 304.

||=ער - אדי. וואס איז שייך צו בוכענוואלד.

1970" דעם 11טן אפריל 1945 |...| איז דער גאנצער
בוכענוואלדער לאגער מיט 20.000 מענטשן |...| 2372
באפרייט געווארן". יעקב סאנץ, ת"א, ז' 849.

ב ו כ נ ע - די, =ס. " א ברייטער פעלץ"א | קטור |. 2357

ב ו כ ע - דער, =ס. ( שש ) קלאפ, שטויס, שטורקע
| סטוטש 183 |. % ער האט אים מכבד געווען מיט א
שטארקן בוכע אין בויך אריין, אז יענער האט זיך
גלייך איבערגעקערט.

ב ו כ ע ן - אוטוו. 1. ארויסגעבן, ארויסברענגען
א טויבן, דומפיקן קלאנג. % די הארמאטן בוכען
פון יענער זייט פראנט=ליניע.

1932" סנאריאדן | הארמאטן=קוילן | איז דא געניג,
בוכען מיר א גאנצן טאג". ש. ברעגמאן, דורך 2362
קריג און רעוואלוציע, II, אדעס 1932, ז' 229.

2. ארויספלאצן, ארויסשלאגן, ארויסזעצן. % פון די
קוימענס האט געבוכעט א געדיכטער רויך.

1945" האט דוואשע |...| פארשצימעט א ליפ אין די
ציין, עס זאל נישט א בוכע טאן פון איר דער גוואלד, 2366
וואס צעשפארט איר די לונגען". מ. ברייטשא,
דער גייער, נ"י, ז' 73.

3. ( אראפ ) פאלן, מיט א טויבן, דומפיקן קלאפ.

1935" ביי דער ארבעט זאלט איר וועגן גארנישט ניט טראכטן.
|...| איר קענט זיך פארקוקן אין א שיינער מיידל 2360
אפן טראטואר, וועט איר בוכען |...| פון רישטאוועקע,
| רושטאוואניע |". מ. [illegible]עכטיאר, א דענקמאל,
זב' סאוו' ווייטערוסלאנד, מינסק, ז' 110.

4. טרוו. (שע) שלאגן, קלאפן מיט די פויסטן, געבן טרוקענע
קלעפ. % ער בוכעט אים מיט פויסטן אין די זייטן.

בוכען זיך - קזוו דזוו וואס בוכען, ב' 4.

1901.. " פאר וואס קומט מיר |...| אט דער זעץ? גלאט
גענומען און געבוכעט זיך! ס'איז ניט קיין קונץ 2368
|...| שלאגן אים אומזיסט א ון אומנישט!". שע,
דאס נייע כתרילעווקע, כתרילעווקער שרפות,
ניו־יארק, 1942, ז' 118, ב' ט'.

ב ו́ כ ע נ צ ע - די, =ס. פפ: בו́כאנצע, בו́כעניץ.
א שטויס, א קלאפ מיט א פויסט.

1900." ווילסט ניט? נא זשע דיר! - מאכט יואליק און
דערלאנגט מיר א בוכענצע אין זייט אריין". 2375
שע, מעשיות פאר יידישע קינדער, II, די פאן, אלע ווערק
ניו־יארק, 1919, ז' 16, ב' II.

1948" האט זיך אנגעהויבן דאס געשריי |...|// מיט
פייקלדיקע בוכענצעס און דראפן". ייש, קענטאקי, 2379
נ"י, ז' 76.

1958 " דער ציווילער האט |...| גארנישט געפילט די קלעפ
און די בוכאנצעס, וואס פאלן אויף אים". ד. שחר, 2289
איק. ר"ה=נומער, ז' 91.

בוכערן – | אוטור ? | ( גלש ) האבן טעקסועלע

2377 באציונגען מיט א פרוי | י. טריוואקס, גנבים לשון,

זב' ביי אונז יודן, ווארשע, 1923, ז' 161 |.

בוכפּירונג – די, =ען. דזוו בוכהאלטעריע. ב 1.

1890" אויף דאס פארלאנגען פונעם ראב"ד | רב אב בית=דין |

2273 איז די קאסע און בוכפירונג פונעם מושב=זקנים

איבער|גע|געבן געווארן אין דאס געשעפטהויז |...|" .

ייפאל, נ' 5, ז' 14.

1922" די בוכפירונג אין א ליי=און שפארקאסע איז

איינע פון די וויכטיקסטע זאכן |...|". ב. האלפערן,

2260 א האנטבוך |...|, פון א פאלקסבאנק, ווילנע, ז' 52.

1968" די מיט גוטע קעפ געגאנגען זיינען שוין אין די

2274 קאלעדזשעס, געלערנט מעדיצין און בוכפירונג".

י. י. שווארץ, לידער און פאעמען, ת"א, ז' 82.

בוכפירער – דער, =ס. דזוו בוכהאלטער.

1960" כ'האב שוין געלערנט א ביסל פויליש און חשבון

2278/א ביי אונדזער בוכפירער ר' מיכאל". פ. רודאי,

טמז, 29/V.

||=ן בוכפירערין – די, =ס. ווג פאר בוכפירער.

1968" דער אדמיניסטראטאר פונעם אנשטאלט, הארענשטיין,

2279 זיין ווייב, די בוכפירערין, |...| האבן פארנומען

א באזונדערע פאזיציע". י. פערעל, יזב אטוואצק,

ת"א, ז' 348.

ב ו כ צ ע ן - ----> בוכטשען.

ב ו כ ק ע ן - טרוו (שש) 1. דזוו בוכטשען ב1.

2. אוטוו. - דזוו בוכען ב' 1.

1931" כאטש איך בין שוין ווייט פון די פאדערשטע פאזיציעס, הערט זיך דאך דאס בוכקען פון הארמאטן". ש. ברעגמאן, דורך קריג און רעוואלוציע I, אדעס, ז' 200. 2400

1933 " און ס'הערט זיך ווי הייזעריק בוכקען די העק". ב. אליעווסקי, שאכטע, מאסקווע, ז' 82. 2397

בוכקען זיך - קזוו. קלאפן מיט די פויסטן איינער דעם אנדערן.

1929" קליינוואַרג בוכקען זיך הינטן ארום אין די זייטן". ייז, זאמד, פון בוך "פערל", ווילנע, ז' 181.

ב ו כ ש ט א ב - דער, =ן. (דטשמ?) אות, שריפט-צייכן פון א געגעבענעם אלף=בית, געוויינטלעך צו באצייכענען א געוויסן קלאנג. % גרויסער בוכשטאב. דער פלאקאט איז געדרוקט מיט רויטע בוכשטאבן.

1875" |...| א טייערער שטיין מיט גילדערנע בוכשטאבן". אמד, סיפורי מוסר, | ווילנע |, ז' 33. 2430

1943" |...| דייטשע ביכער מיט שפיציקע גאטישע בוכשטאבן". ייז, משפחה קארנאווסקי, נ"י, ז' 5. 2406

1948" מיט בוכשטאבן מיט גרויסע שרייבט זיין זון אים |...|". פמ, מלחמות מאסקווע, ז' 20.
מולבמער,

||=יק - אדי. וואס איז באצייכנט מיט בוכשטאבן.

% ( מאט ) בוכשטאביקע גלייכונג, בוכשטאביקע

נומעראציע | סטוטש 54 |.

0 בוכשטאבן=שניידער - דער, =ס. איין אמאליקע דרוקער-

ייען דער מייסטער וואס האט אויסגעשניטן בוכשטאבן

( אותיות ) פון האלץ.

1868" איצט אז מיין דרוק האט |...| אן אויסגעצייכנטן

בוכשטאבן=שניידער |...|". קמ, נ' 21, I - 155. 2432

∠7 זיין ( בלייבן, ווערן ) א טויטער בוכשטאב -

וועגן א געזעץ, באשלוס אע, וואס עקזיסטירט בלויז

אויפן פאפיר, פארמעל אבער ווערט ניט אויסגעפירט

אדער האט פארלוירן דעם אמתן זינען. | סטוטש 414,348 |.

ם בוך שטאב.

|XV| י"ה| " |...| זוא הוט ער דיא בוך שטאבן איצונד ניט

גירעכט גילעזן". שמואל=בוך, סטראפע 1508. 2416

1775" |...| אונ' שרייבט דער נעבן צו רעכטין נאך

איינה בוך שטאב פון דיא גרושי צאהל". מ. ז. איידלזיץ, 2417

מלאכת מחשבת, פראג, תקל"ה, דף פב.

ב ו כ ש ט א ב י ר ן - טרוו. | פֿאר (צג)בוכשטאבירט |.

1. ביים לערנען לייענען: ארויסזאגן די באזונדערע

(אותיות ) פון א טראף אדער ווארט און דערנאך

דעם גאנצן טראף/ווארט ארויסרעדן צוזאמענגענומען.

% צו ערשט האט מען געלערנט דעם אלף=בית און

דערנאך צו בוכשטאבירן. די קינדער קענען שוין

בוכשטאבירן א סך ווערטער פון סידור.

1865" זאל מען אים לערנען ווי מיט א קינד: אלף=בית,

בוכשטאבירן, ~~א סך ווערטער פון סידור~~. טראף, חומש 2429

|...|". קמ, נ' 32, ז' 497.

בו - 203.

1922" הגם די קינדער לערנען מאדיאריש בוכשטאבירן,
אבער דאס וואס זיי לערנען, פארשטייען זיי ניט". 2422
אסתר, אן ענטפער די געגנערס פון יידיש, טשערנאוויץ,
ז' 6.

2. ארויסרעדן א ווארט פאמעלעך, אויסטיילנדיק יעדן
קלאנג באזונדער. % ער האט אין טעלעפאן בוכשטאבירט
דעם נאמען פון דער שטאט. דער עמיגראנט האט
געמוזט בוכשטאבירן דעם באאמטן פון פארט זיין
שווערן יידישן פאמיליען=נאמען.

1961" מיר האבן גערעדט אויפן טעלעפאן און איך האב
גענומען בוכשטאבירן דעם אדרעס: ספא-סא-גלי-ני-ש-טשי". 2425
ח. איאלטי, זש' איק, X /13.

ם בוכשטאבירן.

.1 <-------

1774" קארצי אונטער ווייזונג פון בוכשטאבירן אודער
טראכטן, ערשטליך דינט צו ווישן וואז די ( נקודות ) 2426
אודער פינטל זיין |...|". יוסף מארשן, חנוך לנער,
פיורדא, תקל"ד, ב - I.

ב ו כ ש ט ע ב ל ע ך - אדי/אדוו. ( דטשמ? ). 1. וואס
איז גענוי, ווארט ביי ווארט איבערגעגעבן
( אין רייד, שריפט ); אות=באות. % א בוכשטעבלעכע
איבערזעצונג. דער דאקומענט איז קאפירט בוכשטעבלעך.

2. ( פיג ) באמת, אן קיין שום גוזמא, נישט בדרך
משל נאר אין דירעקטן זינען פון ווארט. % בעת
דער מלחמה זיינען א סך יידן בוכשטעבלעך געשטארבן
פון הונגער.

"1920 דאס שפרינגען און קריכן פון דער הויט געפינט
2435 זיך אין דער נאטור בוכשטעבלעך, אזוי
קריכן |...| אפט די שלאנגען ארויס פון זייער
אלטער הויט". וווּנדער=אוצר |...|, ווארשע,
ז' 52.

"1930 דער מענטש איז בוכשטעבלעך צוגעשמידט
2441 |...|". דא, פון בערלין |...|, ווארשע, ז' 115.

"1951 דיכטונג איז פאר אים | אליקום צונזער | געווען
2433 איינס מיט געזאנג אין דעם בוכשטעבלעכן זין פון
ווארט". י. קיסמאן, זב ליטע I, נ"י, ז' 819.

ב ו ל I - דער, =ן. ( לד ) דזוו ביל | פון 'בילן' |.
דאס האוקען פון א הונט. % א הייזעריקער בול
2444 פון א הונט. דער פלוצעמדיקער בול פון כלב האט
אים איבערגעשראקן.

"1895 די וועלט זאגט א ווערטל: דער וואלף האט ניט
2443 מורא פאר דעם הונט, נאר |...| ווייל ער קען
ניט ליידן דעם בול". | אנאנ |, האמת והשקר,
לובלין.

ב ו ל II - דער, | =ן? |. ( אם, נא ) אקס, בוהאַי,
ביק.

"1948 דער 'אלטער דזשאש' איז פונקט געווען פארטיפט
2442 אין א געזונטער פרישער אקסנפעל - // דאס איז
געווען א ריזיקער, געזונטער בול". ייש, קענטאקי,
נ"י, ז' 59.

ב ו ל III - דער, =ים. ( רעג, ישראל ) מארקע,
2449 פאסטמארקע, שטעמפל=מארקע, אע.
% ער האט אנגעקלעפט דעם בול אויפן קאנווערט פון בריוו.

ב ו ל א ו ו ע - די, =ס. פּפֿ: בולעווע. שטעקן מיט
דעם אייבערשטן שפּיץ אין דער פֿאָרעם פֿון א קייקל,
גאַלקע. % די גאלקע פון דעם לאקיים בולאווע איז
א זילבערנע. דער שווייצאר שטייט ביי דער טיר מיט
דער שיינער בולאווע אין האנט.

1912" האבן מיר דערזען |...| פאסטעכער מיט גרויסע
בולאוועס זענען געשטאנען |...| און איבערגעשמועסט 2463
זיך". שע, מעשיות פאר יידישע קינדער, IT,
ל"ג בעומר, 116. נ"י 1944, ב' II, ז' 116.

1944" אראפגענומען א שיינע בולעווע פון מאהאגאני
|...| און א זעץ געטאן אין א גאלדענעם גאנג". 2462
זש, קיסר און רבי, I, נ"י, ז' 117.

2. א פארצייטיש געווער צום שלאגן זיך פנים=אל=פנים -
א הילצערנער פלאקן מיט א גראבן פארקיילעכיקטן עק.
% די פוסגייער האבן זיך געשלאגן ווער מיט שפיזן
און ווער מיט שווערע בולאוועס.

1874" דיזער פאנצער וואר אזוי שטארק און פעסט דאס
|...| קיין בולאווע קען אים ניט צעברעכן". 2461
אמד, דער קליינער בעל=תשובה, ווארשע.

1902" ער האט מיר מיט די ווערטער געגעבן ווי מיט א
בולאווע איבערן קאפ". | אנאנים |, דער שיינער 2465
בריליאנט, ווארשע, ז' 25.

1951" א גרופע 'פאווסטאנצעס' ( אויפשטענדלער ) באוואפנט
מיט יעגערביקסן די מיט בולאוועס |...| פלעגט פלוצעם 2454
ארויסקומען פון וואלד |...|". א. קאצענעלבאגען,
זב ליטע I, נ"י, ז' 348.

3. א קורצער מעטאלענער שטאנג מיט א רייך באצירטן
קיילעך אין שפּיץ — סימבאל, אטריבוט פון א העטמאן
( אין אמאליקן פוילן, אוקראינע ) אדער פעלדמארשאל;
מין סצעפּטער. % מיט דער <u>בולאווע</u> אין דער האנט
האט דער מארשאל אויפגענומען די מארשירנדיקע
ארמיי=אפּטיילן אויפן פאראד.

"1967 |...| מיטן שטעקן אין דער האנט, ווי א העטמאן
מיט דער <u>בולאווע</u>, געווארט אויף נייע פארטנערן". 2459
<u>א. קארפינאוויטש</u>, <u>ביים ווילנער דורכהויף</u>,
ת"א,...ז'...

4. הילצערנער מכשיר פאר גימנאסטישע געניטונגען, זעט
אויס ווי א פלאש מיט א בייכל אויפן שמאלן עק.

"1924 איבונגען מיט האנט=מכשירים ( געוויכט, שטעקנס
|...| און <u>בולאוועס</u>. זיי |...| אנטוויקלען נאך 2460
מער די מוסקלען פון די טורנער". לס <u>פגעז</u>, נ' 10,
ביילאגע <u>המכבי</u>, ווילנע.

ב ו ל אָ ו ו ע - דער, =ס. ( <u>שש</u> ) " א פראסטער יונג" (?נ?)
| <u>קטור</u> |. 2468

ב ו ל א ו ו ק ע - די, =ס. ( <u>רוסיש, נאָ</u> ) (?נ?)
שפּילקע מיט א קעפּל, קעפּל=שפּילקע. R: булавка

"1906 די בויערטעס | פויערטעס | קאפּטור מיט בענדלעך
אונטערגעבונדן איז איר באקוועמער און געזונטער 2472
פאר די שטאטישע דאמענהוט, וואס מוז צוגעשטאכן
ווערן צום קאפּ מיט אייזערנע <u>בולאווקעס</u>".
<u>צ. נ. גאלאמב</u>, <u>די בורזשואזיע</u>, ווארשע.

(?נ?) בּ וׂ ל אַ ט ש נ י ק – דער, =עס. ( רוסיז, נאַ )
בעקער, דער וואָס באַקט בולקעס, ברויט.

2. קרעמער, וואָס פאַרקויפט בולקעס, ברויט.

(?נ?) בּ וׂ ל אַ ט ש נ ע – די, =ס. ( רוסיז, נאַ )
קראָם, ווו מע קויפט/פאַרקויפט בולקעס, ברויט אַע.

ב ו ל אַ נ ע(ר) I – דער, מצ דז. פּפּ: זן בולאַן.
אַ פערד מיט אַ העל געלן קאָליר, מיט אַ שוואַרצן עק
און גריוועט. % די פור איז געשפּאַנט מיט צוויי
בולאַנער. די ציגיינער האָבן ארויסגעגנבעט דעם
בולאַן פון שטאַל.

1896" דער בולאַנער, זעט איר, ווערט שוין אפּגעגאָסן
2494 מיט שווייס און מוז זיך לאַנג אָפּסאָפּען". י. ל.
בינשטאָק, בייא ר' שלמה בערלינער, לבוב,
ז' 37.

1966" מיין בולאַנער איז געפאַלן" נאַטע לוריע,
2495 אין וואַלד, זש' סאָוועטיש היימלאַנד, נ"9, ז' 47.

ב ו ל אַ נ ע (ר) II – אַדי. 1. פון העל געלן קאָליר
( וועגן אַ פערד ) ( ←– דפוו ). די בולאַנע
שקאַפּע. דער בולאַנער אָגער לאָזט זיך נישט איינ-
שפּאַנען אין וואָגן.

"...| און פאר ארויס גלייך מיט אים אויף א 1929

פאר ברענענדיקע סוסים, איינער א **בולאנער**, דער 2482

אנדערער א קאשטאנענוואטער". שע, טוביה,

ג13 אלע ווערק, נ"י 1944, ב' VII ב, ז' 176.

..." עס בלאנקעט אום ניט ווייט פון אים זיין **בולאנער**

פערד". רחל בוימוואל, דרייען,... 2481

2. ( זן ) פאר העל געלן קאליר פון די האר ביי א

מענטשן.

" דאַדי דער עקאנאם איז געווען א מענטש א גבֿר. 1916-1913

|...|, א **בולאנער** מיט קליינע | קלײַינע? | אויגן". 2493

שע, פונ'ם יאריד II, ז' 204. 1926, ג13 אלע ווערק, ז' 204.

ב ו ל א נ ז ש ע ר י' - די, =ס? |.( רעג, פראנקרייך)

בעקערײַ. | די ראבינאוויטש, יידן אין פראנקרייך, 2487

ייווא ‡ בלעטער? |, II, נ"י, 1942, ז' 195 |.

Fr: boulangerie

ב ו ל אַ ק | אקצענט? | - דער, =עס. ( שש ) "פראסטאק,

אומגעהובלטער מענטש" | קטוו |. 2477

ב ו ל ב אַ וו ( י ) ע ץ - דער, מצ **בולבאוועצעס**.

נאָמען פון אן אנגעהעריקן צו אן אוקראאינער באנדיטן=

באנדע, בעת דער צווייטער וועלט=מלחמה.

1952" ס'איז מיר אויסגעקומען צו טרעפן מיט די |...|

'**בולבאווצעס**' |...| א באנדע, וואס פלעגט באפאלן, 2503

הרגענען און ראבעווען אלעמען: פאָלאקן, יידן, רוסן".

מ. שטערנבליץ, (יזכור) האסרבות פון לובלין, ... ז' 552.

1957" **בולבאווצעס** - אוקראאינישע באנדיטן |...|

( בולבא איז געווען דער נאמען פון זייער אנפירער". 2502

בלום, יישפֿ XVII - II, נ"י, ז' 59.

(?נ?) ב ו ל ב א ו ר נ י ק | אקצענט? | - דער, =עס.

2501 ( רעג,מג ) דזוו בולבעניק.

(?נ?) ב ו ל ב ו א י י ט - דער, |=ן ?|. ( רעג, מאלדאוויע ).
א " כבד=פה, מענטש וואס רעדט ניט קלאר, ניט
דייטלעך"א | קסוו |.

(?נ?) ב ו ל ב ו ל - דער, =ן. ( רעג, ישראל ) א פייגעלע,
ווערט באצייכנט ווי דער סאלאווײ פון ישראל.
1953" און צווישן מאנדלביימער // יובלט דער בולבול
מיט געזאנג ". יפ, פאסטעכער אין ישראל. 2506
ת"א, ז' 121.

ב ו ל = ב ו ל (=בול) - אינט, אפט סובסטאנטיווירט:
דער בול=בול. געשריבן אויך בולבול, פקפ :
בולבולקע, די, =עס. 1. קלאנג פון א פליסיקייט
ביים איבערגיסן פון איין כלי אין דער אנדערער.
% מ'האט נאר געהערט דעם שטילן בול=בול ביים אנגיסן
די משקה אין די באקאלן.
~~" דער וויין - בול=בול=בול!". שע, ארבע כוסות.~~
פל | " יאנקעלע באנקעלע, בול=בול=בול".
" דער געזונטער בחור |...| שטייט מיט אַן 1900
איבערגעקערטער פלאש וויין איבערן מויל אריין,
דער וויין - בול-בול-בול - און ער זשליאָקעט".
שע, ארבע כוסות, פון פסח ביז פסח, ציט אויסג
נ"י, 1925, ז' 233.
1929" דאס דינסטמיידל שיילט קארטאפל און ווארפט זיי
אין טאפ אריין. |...| איטלעכס מאל גיט אן אריינ-
געווארפענער קארטאפל א בולבולקע אינעם טאפ און
וואסער גיט א שפריץ". מ. ווינער, עלע פאלעקס
אונטערגאנג, כארקאוו, ז' 18.

2. ( פיג ) קלאנג פון עפּעס וואָס איז ענלעך צום איבערגיסן זיך פון א פליסיקייט.

— ... " לאכט פון טיפעניש צו זיי מיט א פארשטיקטן קול: בול=בול". ר. ה. קארן,

בולבו́לע - דער, =ס. ( לאקל, פילווישעק, ליטע ) שפּאַטישער צונאָמען פאר איינעם וואָס רעדט ניט דייטלעך. 2508
| ד. טאמבאק, יישפ, XII - 2, ז' 52 |.

בולבל - דער, =עך. פפ: געבולבל | סטוטש 282 |.
1. דער רויש, פליעסק פון וואסער אדער אן אנדער פליסיקייט ביים איבערגיסן זיך. % פון ווייטנס הערט זיך דער שטילער בולבל פון טייכל איבער די פעלדזן.

2. אומדייטלעכע, אומקלארע רייד. % קיין ווערטער הערט מען ניט, נאר עפּעס א בולבל, א שטאמלעניש.

בו́לבלדיק - אדי, פפ: בולבנדיק. וואס רוישט "בול=בול", וואס בלעזלט זיך, פליעסקעט זיך.
1927" רייך בולבנדיק וואסער פאלט צוזאמען מיט דער ליכט גלייך אויף די קעפ און פרישט אפ, מונטערט". 2514
ייז, שטאל און אייזן, ווארשע, ז' 340.
1932" |...| אונטער בולבלדיקע קראנען שפּיגלען זיך לייבער אין קאלטע וואסערשטראמען". מ. דעכטיאר, 2511
אפן דאנבאס, זש' שטערנ, נ' 3, ז' 5.

**ב ו ל ב ל ע ן (זיך)** - אומוו. 1. ארויסגעבן דעם קלאנג "בול=בול" ביים איבערגיסן א פליסיקייט פון איין כלי אין דער אנדערער. % מע הערט ווי דער וויין בולבלט, ווען ער גיסט אן דעם וויין פון דער פלאש אין די כוסות.

2. בלעזלען זיך מיט א רויש, "בול=בול", ווען ס'גייט ארויף די לופט פון וואסער, למשל, ביים קאכן. % די זופ אין טאפ בולבלט שוין - באלד וועט זי אויפזידן.

2512 "1971 ווי אין זייַנע אויערן וואלט זיך נאך געבולבלט וואַרעם מקווה=וואסער". חג, טמז, III/26.

**ב ו ל ב ע I** - די, =ס. פפ: בולווע. אין ליטע און ווו פארשפרייטער נאמען פאר קארטאפל.

1. געוויקס SOLANUM TUBEROSUM פון דער משפחה SOLANACEAE אפשטאמיק פון דרום=אמעריקע, איצט קולטיווירט אומעטום צוליב זייַן שפּייַזווערט. % אין גארטן וואקסן אוגערקעס, בולבעס, מערן און אנדערע גרינסן. די בולבע בליט מיט א ראזלעכן=ווייסן צוויט.

2552 "1916 די בולבע איז די וויכטיקסטע פון דעם גאנצן קלאס ערדווארצלען |...|, זי איז איינגעפירט געווארן אין שפאניע פון פערו ארום דעם מיטן פון 16טן י"ה." י. מעריסאן, היגיענע, נ"י.

2529 "1951 מע פלעגט אבער אליין ארומגראבן ( פארמאַטיקען ) די בולבעס און אליין זיי אויסגראבן". ה. אבראמאוויטש, זב ליטע I, נ"י, ז' 422.

2. דער אונטערערדיקער פארגרעבערטער טייל ביים
ווארצל פון געוויקס, די ווארצלפרוכט וואס ווערט
געניצט אין שפייז און צום איבערארבעטן אויף
פארשיידענע פראדוקטן ( קראכמאל א״א ). % געשמאקע
בולבע. שיילן, שאבן בולבעס. די מאמע רייבט
בולבעס צו באקן לאטקעס.

1863" מען טאר ניט שטעלן אונטערן בעט איין עסנווארג
|...| ווארעם דארטן איז איין רוח רעה. מען מוז 2558
איבער דעם אנזאגן די דארפסלייט, אז זיי זאלן ניט
האלטן קיין בולבעס אונטערן בעט". חא, ווילנא,
לג/ב.

|...|" זונטיק בולבע, מאנטיק בולבע, דינסטיק און
און מיטוואך בולבע, דאנערשטיק און פרייטיק בולבע, 2559
שבת איין א נאווינע א קוגעלע פון בולבע, זונטיק
ווייטער בולבע". ( פל ).

1899" דער ארעמער עולם עסט זונטיק 'בולבע', מאנטיק
'בולבע' אאז"וו, און שבת איין טשאלנט ווידער בולבע, 2524
און כמעט מיט קארטאפל אליין שטופט ער אפ זיין ו
וועלט". ד"ר הייסין און ד' מארדפין, די
לעהרע פון לעבען, II, ברלין, ז' 46.

1936" גיי, דו ווייסט דען עפעס? קאנסט בלויז שיילן
בולבעס ביי דיין מאמען". ר. ה. קארן, 2548
ערד, ציט אנט, ז' 575.

1944" וויל איך קודם=כל פארצייכענען, אז ביי אונדז
| פילווישעק, ליטע | איז געווען ניט בולבעס 2729
נאר בולוועס". ל. הערש, יישפ, IV - 2, ז' 51.
"איך גאנץ ליטע איז געווען פארשפרייט די פארעם
בולווע; פאר רייסישע יידן איז כאראקטעריסטיש די
פארעם בולבע. אגב שטימט עס מיטן אונטערשיד אין
אט דעם ווארט צווישן ליטוויש און ווייסרוסיש:
אויף ליטוויש BULVE, אויף ווייסרוסיש Бульба".
דזוו, דארט.

"1966 |...| ווי פלינק די כאפט ארויס פון קויש ארויס
2551 א בולבע, ווי איר פויסטל גרויס". האל, מיין
אחער, מאסקווע, ז' 230.

3. פיליאריק געוויקס (HELIANTHUS TUBEROSUS) פון דער
משפחה COMPOSITAE, האט אויפן אונטערערדיקן
שטענגל פארגרעבערונגען, וואס דינען פאר א שפייז פאר
פיך.

"1891 עס איז דא א מין קארטאפל, וואס מען רופט זיי
2722 בולוועס אדער טאפינאמבורן, זייער קליינע, וואס
נוצן נאר צו פאשע פאר בהמות". מ. וועבער,
דער יודישער פעלדארבייטער, ווארשא, ז' 97.

0 בולבע=באנדע - די, =ס. א געבעקס געפילט מיט
בולבע (---באַנדע).

"1951 בולבע - געריבענע, געבאקטע, בולבע=באנדע,
2560 פאסטנע". ז. בערעביטשעז, זב ליטע I, נ"י,
ז' 1557.

בולבע=בלינצע - דאס, =עס. "(דלאקל, וויעזשבאלאווע).
לאטקעס". % חנוכה האט מען געגעסן קאפל ווי אויך
קארטאפל=לאטקעס, וועלכע מען האט אין וויעזשבאלאווע
גערופן 'בולבע=בלינצעס'" | קטוו |.

בולבעגעלט - דאס, בא. |סטוטש 479| געלט צו באזארגן
ארעמע-לייט מיט קארטאפל, אויף ווינטער.

בולבעגריץ - די/דער, =ן " זופ פון גרויפן מיט בולבע"
| קטוו |.

1957" צום סוף האט זי אויף דער שיסל אויסגעשיט געלבלעכע
2566 צוגעפרוירענע קארטאפל אדער א שיטערן בולבעגריץ".
ר. קארן, 9 דערציילונגען, מאנטרעאל, ז' 135.

בולבע=טייגעכץ - דאס, =ן. געבעקס פון געריבענע
קארטאפל, געבאקן אויף בוימל, שמאלץ אעז; אין אנדערע
ערטער גערופן רײַבאק, באַבקע, בולבעניק (<--).
% אנשטאט צו פֿאַרען זיך מיט מאכן א סך לאטקעס האט
די מאמע ארײַנגעשטעלט אין אײוועלע א גרויס
בולבע=טייגעכץ. בולבע=מאכל - דער/דאס. יעדער
געריכט, שפײַז מיט בולבע ווי א באשטאנדטייל.
בולבענאז - די, מצ ~נעז. (שלש) א נאז מיט
א גראבן קײלעכיקן שפיץ, ווי א בולבע.
1938" א שיקלדיקע, מיט א רויטער געפרוירענער בולבענאז".
2572 ז. סקאלאוו, צייטן בייטן זיך, ווילנע, ז' 71.
1961" ער | דער הויפנאר | האט געמאכט אן אפשטויסנדיקן
2571 אײַנדרוק. מאנכעס*מאל האט ער געהאט א בעלמע אויפן
אויג |...| אדער א בולבענאז". נ. זאלאוויץ,
פאר, VIII/7.

בולבעמארק - דער, מצ ~מערק. אין געוויסע שטעט
א באזונדערער פלאץ וווּ מע פלעגט האנדלען מיט בולבעס
(קארטאָפל).
1951" נאטירלעך זײַנען אויך געווען קלײנע קרעמלעך
2570 און ביידלעך אויפן פישמארק, בולבעמארק און אין
די ארומיקע געסלעך". פ. עפשטיין, זב ליטע I,
נ"י, ז' 1193.

בולבעפלאנץ - די, =ן. געוויקס וואס האט פארגרעבע-
רטע שטענגלעך אדער וואָרצלען (בולבעס, ב' 3).
1958" ער | דער בער | גראבט מיט די לאפעס אין דער
ערד און עסט |...| פארשיידענע ווארצלען און
בולבעפלאנצן". א. יאקובזאן, פאר, IX/28.

בולבע=קאשע - די, =ס. צעריבענע קארטאפל נאכן
אפקאכן; קארטאָפל=פּיורע*,

1951" בולבע |...| געבאקטע, געריבענע - בולבע=קאשע
2577 - בולבע=קוגל". ז. בערעביטשעז, זב ליטע I,
נ"י, ז' 1557.

בולבע=קוגל - דער, =ען.

1960" דער 'געבולבעטער' | געבילדעטער, משכיל | איז
2579 געקומען עסן 'בולבע=קוגל' ביים חסידישן טיש".
פּ. רודאי, פּאר, VIII/14.

בולבע=קניידל - דאס, =עך. קיילעכלעך פון קארטאפל
וואס מע גיט צו דער יויך. בולבע=שאלעכץ -
די/דאס. דאס הייטל פון דער קארטאפל, וואס מע
שיילט אפ פארן קאכן.

1924" |...| דערלאנגט איר | דער בהמה | א צעבער מיט
2580 בולבע=שאלעכץ, // ווען זי האט אויף גראז א
זשמעניע געווארט". מלה, די גילדענע פאווע,
קליוולאנד, ז' 93.

בולבעס אין (די) העמדלעך/מונדירן/פעלצלעך -
מיט דער שאָלעכץ, ניט=געשיילטע.

1947" ער וויל בעסער עסן בולבעס אין העמדלעך, אבי
2550 נישט אנקומען צו מיין טרחה". ש. גאמאן,
זש' וואכנבלאט, טאראנטא, I/2.

1951" בולבעס האט מען געגעסן צו אלע מאלצייטן און אין
2536 אלע וואריאציעס: געקאכטע מיט שאלעכץ (בולבע מיט
פעלצלעך) |...|". ז. בערעביטשעז, זב. ליטע I,
נ"י, ז' 1557.

בולבעס אין קורצן יויך - באטייט - זע ציטאטע.

1944" עס איז געווען א ספעציעלער מאכל אין פילווישעק
| ליטע | וואס האט געהייסן בולוועס אין קורצן יויך". 2734
מע קאכט אין איינעם ( אין א ביסל וואסער ) בולוועס
מיט שעפסענע אדער קעלבערנע פלייש, מע גיט אריין
א סך ענגלישן פעפער |...| לארבערבלעטער און עס
באקומט זיך זייער א געדיכטע זופ |...|". ל. הערש,
יישפ IV - 2, ז' 51.

כאפן ווי הייסע בולבעס - נעמען, (אויס) קויפן
עפעס מיט גרויס חשק. % די ניימאדישע הויזן כאפט
מען ווי הייסע בולבעס. באדן ( קאכן ) זיך ווי
זיין אין כעס | סטוטש 510 |. זיין (ווערן) — א שלעסער און הולטאי=קוויטש
א בולבע - (איר) אנהייבן א ליבע.

1930" איך פֿייב אן מורא צו האבן, אז ביי גנאַטקען און
ביי אט דעם גניאק זאל ניט ווערן קיין 'בולבע'". 2545
זש, פעטער זשאמע, ווילנע, ז' 110.

מאכן (כאפן) (א) בולבע(ס) - ( אקטיאריש, איר ) ניט
קענען די ראלע, די ווערטער פון דער פיעסע,
אדער אימפראוויזירן אייגענעם טעקסט.

1941" דעריבער ציטערט אויף די אקטיארן די הויט, ווען
זיי הייבן אן צו כאפן 'בולבעס' ( פארפלאנטערן 2637
זיך אין די רייד)". ז. זילבערצווייג, טעאטער=
מאזאיק, נ"י, ז' 309.

שוו: אז ס'איז ניטא קיין אתרוג, בענטשט מען מיט (אויף)
א בולבע - ווערט געזאגט ווען מע מוז זיך באגיין,
אויסקומען מיט א מינערווערטיקער זאך.

<u>בולבע קומט פאר פרנסה</u> - (<u>שוו</u>) | <u>יישפ</u> X - 2,

ז' 60 |. <u>ב' נב</u>, קאן האבן פארשיידענע טייטשן, אפהענגיק צי די פרעפאזיציע 'פאר' איז אקצענטירט אדער ניש.

<u>פון א געמיינער בולווע קומט ארויס די פיינע לאטקע</u> -

א סך גוטע זאכן קומען ארויס פון א מאטעריאל, וואס זעט ניט אויס אזוי שיין.

<u>גיב מיר די בולווע, אפשיילן וועל איך אליין</u> -

יעדער קאן ווערן אן אויפטוער, אויב ער האט נאר מיט וואס (געלט, מאטעריאל), אויב ס'איז דא א פאסיקער שאנס, באדינגונגען גוטע.

<u>געזונט ווי געזונט, ווו נעמט מען אבער די בולווע?</u> -

ניט אזוי וויכטיק, צי מ'איז אין גאנצן געזונט, ווי ס'איז וויכטיק מע זאל האבן וואס צו קייען, פרנסה.

ם

2. ←---

1795" איין נאייער ספאסאב | מיטל | צו מאכין בראנפין זאל וואל וועלוויר | וואלוול | קאשטין אונ ניט פון תבואה, דאש איז מען זאל מאכין בראנפין פון <u>בולבע</u> אונ מערין עצעטערא | <u>אאז"ון</u> |".

<u>איין ביכל וואש דרינן גיפינט זיך זאכין ציקאווי בעדערפטיגי אונ מיט נוץ</u>, שקלאוו, תקנ"ה.

ב ו ל ב ע !! - די, =ס. ס'רוב געניצט אין פּקפּ בולבעלע. 1. א קײַלעכל פון לופט אין וואסער (זן אין אן אנדער שטאף) אדער אויף איר אייבער־פלאך; בלאָז, בלעזל. % מע זעט שוין בולבעס אויף דער מילך, באלד וועט זי אופזידן. די קינדער שפילן זיך אין לאזן בולבעלעך פון זייף.

1869" אז מע גיסט אריין א ביסל שאמפאניער |...| הייבט אן צו זידן |...|, ווייל די קוילן=זויער, וואס איז נאך געבליבן אין ווייך, הייבט זיך אויף דורך הונדערט בולבעלעך". איבז וו. און ס.ס. מאסע, דיא מעשה פון דעם שטיקעלע ברויט, זשיטאמיר, תרכ"ט, ז' 60. 2601

1873" האט זי אויסגעזען ווי א גרויסע, זייער א דינע בולבע פון זייף, געשפילט פון אלערליי קאלירן". ממוס, קליאטשע, ...' קאנק נ' 363470. 2601/א

1911" דער רעגן גיסט און אויף די קאליוזשעס שווימען אום בולבעלעך". ב. שאפיר, אברהמל דער שוסטער, אדעס, ז' 31. 2600

1932" סע פלאטערן בולבעלעך גרינגלעך ארום זייערע | פון די פיש | ליפלעך". אשט, משלים I, טשערנאוויץ, ז' 141. 2598

[16]

2. לופטבלאָז/אָטעמבלאָז ביי פישע ~~| 240 שטוטש |~~.

3. (פיג. פעיאר) שטארק אויסגעבולטע, באנקעוואטע אויגן.

1948 " ער וואלט פארשפארט זיך גלאצן זיינע בולבעס". ייש, קענטאקי, נ"י, ז' 224. 2518

מאכן בולבעס - ארויסלאזן לופטבלעזלעך ביים שווימען אונטערן וואסער.

1916-1913 " זע, ווי איך טוק זיך! זע, ווי איך מאך בולבעס". שע, פונ'ם יאריד I, ציט אויסג ווילנע 1926, ז'....

ב ו ל ב ע ו ו א ט ע - אדי. 1. וואס איז/זעט אויס ווי א בולבע ( קארטאפל ).

1867" א ליפ געפוטרעוועט אויף נאך א ליפ און אונטער-
2581 געליאמעוועט מיט א קליין בולבעוואטע ליפל".
ייל, קמ, נ' 30, III/- 230.

1935" |...| א ייד מיט א פארלייגטער בולבעבאטער נאז".
2583 הר, לייפ, ל"א, ז' 15.

2. וואס איז/זעט אויס ווי א בולבע ( בלאז, פענכער, באנקע ).

1903" געוועך איז בעני א פיין בחורל |...| מיט
2582 שיטערע ציינדלעך און מיט מאדנע רויטע בולבעוואטע
אייגעלעך, ווי ביי א פיש". שע, דאס דריידל,
מעשיות פאר יידישע קינדער II, ציט אויסג' שלום ווארק, ב' II,
~~[illegible]~~ נ"י 1944, ז' 179.

בּוֹ ל ב ע ו ו א נ ץ - די, =ן. אינסעקט וואס פארא-
זיטירט אויף קארטאפל.

בּוֹ ל ב ע ו ו ע ן - ---> בולבען בו1.

פפ
בּוֹ ל ב ע ט ש ק ע - די, =ס, לד בולבעצקע.
1. פקפ פון בולבע|ב 2.
1929" |...| נאך א בולבעצקע, איך עס דאך". זש,
2646 שקלאווער יידן, נ"י, ז' 112.
(ניו יאָרק 1951, 63)

2. פקפ פון בולבע II, ב 1.

1938" |...| געצווונגען אפצוטונקען זיך ביז איבער
2647 די אויערן און לאזן "בולבעצקעס" און באלד ווידער
ארויפגעווארפן די גאזלעכער". זש, נח פּאנדרע, [ל"ט ?],
ווארשע ז' 278.

3. ( שלש ) צונאמעניש פאר א מענטשן מיט א גראבער
נאז.

1951" בולבעטשקע ( ס'נעזל איז געווען ווי א בולבע )".
2596 א. גראדנער, יישפּ XI , ז' 59.

ב ו ל ב ע ן - אוטוו. זן בולבעווען. 1. בלעזלען
זיך, מאכן בולבעס ( בולבע II, ב' 1 ) ביים
איבערגיסן אדער ביים זידן פון וואסער אדער אן
אנדער פליסיקייט, ווען ס'גייט ארויס פון איר די
לופט; אויך דער גערויש ביים בלעזלען זיך.
% די מילך אין פענדל בולבעט שוין, באלד וועט זי
אויפזידן. מ'האט געהערט ווי עס בולבעט די הייסע
וואפנע אין גרוב.

1904 " איך האב אפגעליפּעט א שטיינדעלע |...| און האב
2613 עס ארייגעווארפן אין ברונען. ס'האט געגעבן א
בולבע, דערנאך איז עס איינגעזונקען און דאס
קול פונעם בולבען האט זיך אפגעקלונגען אין דער תפיסה".
איבז |?|, עדגאר פּא, די אינקוויזיציע, אדעס.

1928" דאס האט דער ווייך זיך געשוימט, "געבולבעט"
2608 און געפילט די גאלאָנעס". אפּא, X, ווילנע, ז' 238.

1935" איך די רינעס |...| בולבען וואסערלעך פון
2616 ערב פרילינג". מ. קולבאק, זעלמעניאנער II,
מינסק, ז' 133.

1972" די פלאמען האבן געלעקט די טעפלעך, וואס האבן
2609 לעבעדיק געבולבעט". ח. ראזענפארב, בוים פון
לעבן, ת"א, ז' 312.

220

2. ( פיג ) ברויזן, שטראמען, איבערגיסן זיך.

% די פרייד בולבעט ביי אים אין הארצן.

2611 1971" פונעם פעך, וואס בולבעט מיר אין קאפ, // ביך איך ביטער קראנק". ממש, בורא מיני חלומות, מאנטרעאל, ז' 94.

3. ( שנש ) א סך מאל איבערחזרן דאס ווארט בולבע, דערמאנען דעם עניך בולבעס.

1944 " אוי זונטיק בולבע, מאנטיק בולבע, // בולבע און א שיער...// ווער בולבעט עס? וואס בולבעט עס? // געבולבעט שוין גענוג". א. פעפער, היימלאנד, נ"י, ז' 57.

בולבען זיך - אטוו. 1. דזוו דפוו ב 1.

2618 ... " נאר פלוצלונג וואכט אויף שנעל דער שטילער טייך, // עס פלושקעט, בולבעט עפעס זיך און גלייך // פארזינקט א מענטש אין שלונד". ל. ראזענבלום, לידער, ציט מינפי II, נ"י, 1956, ז' 27.

2620 1928" דער סאמאוואר האט זיך געבולבעט". מק, מוניע דער פויגלהענדלער, ציט אנט, ז' 593.

2623 1931 " איך א נאענטן זומפ האט דאס וואסער זיך געבולבעט און געזשומט, ווי א שטילע מאשין". ה. ערלאנד, הרעבלוטס, כארקאוו.

2. ( שלש ) שטודירן, לערנען ( פאראדירט פון בילדן זיך).

2619 1958" בולבען זיך - איראנישער אויסדרוק פאר בילדן זיך ( מאהילעווער גובערניע )". י. לעווין, יישפ XVIII - 2, ז' 57.

221 — קו·

(?נ?)

ב ו ל ב ע נ א י ע ס — די, במ. פפ: בולבענאקעס. ( לאקל, פומפיאן, ווילקאמיר א"א, ליטע ) „די בלעטער און שטענגלעך פון בולבעס ( קארטאפל )." | קסוו, ר. לעמכען |. 2626

LiT: BULBIENÓJAI

ב ו ל ב ע נ י צ ע — די, =ס. יידישע וואס פלעגט פארקויפן געבאקענע בולבעס ( קארטאפל ).

1868" איך וועל הייסן ארויפטראגן פון מאטלע די בולבעניצע דריי צענדליק געבאקענע קארטאפל". אמד, עוזר צינקעס און די ציג, ווילנא. 2629

ב ו ל ב ע נ י ק — דער, =עס. 1. געבעקס פון געריבענע בולבעס ( קארטאפל ) פארמישט מיט א ביסל מעל און צוגעפראוועט מיט ציבעלע א"א ( טייל מאל אויף זיס, ווי א מין קוגל ) געבאקן אויף בוימל אדער שמאלץ אין א בעקן; אנדערש גערופן אויך בולבע=טייגעכץ, רײַבאק, אולניק, באַבקע.

1957" נישט איין מאל האט זי אויך געברענגט אונטער
2630 איר שארץ א קריגל מילך, א שטיגל קעז, א פריש
אפגעבאקענעם בולבעניק". ר. ה. קארן, 9 דערציילונגען,
מאנטרעאל, ז' 46.

1960" |...| איז זיכער כדאי צו דערמאנען ווי אזוי א
2632 טיפיש יידישער מאכל איז דא ווידערגעבוירן געווארן
אונטער אן אמעריקאניזירט סלאווישן נאמען 'פּאָטעיטאָניק".
אין די פארשיידענע יידישע יישובים פון מזרח=אייראפע
האט עס געהייסן: בולבעניק, קארטאפל=טייגעכץ,
אולניק, רייבאק - צריבענע קארטאפל געבאקן אין
א בעקעלע". י. וואלאך, טמז, X/18.

2. " א קאַרטאָפל=ברויט ניט געווירן, רופט זיך אויך
אָן: טאָטש-בובע" | קטוו |.

3. ( פיג, טעאטער=לשון ) אַן אקטיאר וואס קען נישט
די " פּראָזע", האט ניט אויסגעלערנט זיין ראלע.

1973" |...| גלייכצייטיק איז דער פירוש פון א
2526 'בולבעניק' אן אקטיאר וואס מאכט 'בולבעס'
אויף דער סצענע. עס מיינט, ער פארפלאנטערט זיך
מיט דער צונג אדער עס כאפט זיך ארויס פון זיין
מויל א ניט=פאסיקער ווארט". ש. בן=ישראל,
פאר, XI/29.

4. ( פיג ) עמעצער וואס פלאנטערט זיך ביים דערקלערן
א זאך.

1973" |...| א בולבעניק איז יעדער איינער וואס צעמישט
2526 די יוצרות, פארפלאנטערט אן ענין; דאס מיינט,
אז ער איז באגאנגען א בולבע". דצוו.

.223 ~ קו׳

בּוֹלבענע (=ער) — אדי. פּפֿ: בולוועגע.

וואס איז פון (שייך צו) בולבע (קארטאפל).

% דאס בולבענע טייגעכץ. דער בולבענער קוגל

איז ארויס געראטן.

1883 "אויף דעם טיש איז אפן איין גמרא, די ליכטל

איז ארייגגעשטעקט אין א בולוועגעם לייכטערל". 2721

|?|, דער רייזענדער, ווארשע, ז׳ 47.

1939" דער עולם האט געבאקן מצה, געטרונקען כוסות
2635 פון קליוקווע און פארביסן מיט בולבענע קניידלעך".
אילוסטרירטער אלמאנאך=קאלענדאר אויפן יאר ה׳ת"ש,
רעזעקנע | רעזשיצע |, ז׳ 45.

1951" בולבענע לאטקעס האט מען געבאקט אפט אויף מאנאייל
2636 אדער גענדזענע שמאלץ". ה. אבראמאוויטש,
זב ליטע I, נ"י, ז׳ 421.

ב ו ל ב ע צ ק ע – ---> בולבעשקע.

ב ו ל ג א ט ש – דער, =עס. | ווייכע "ל" | " א
2648 גרויסער אומגעלומפערטער מאן, א גרוביאן דערצו"
| קטוו |.

ב ו ל ג א ר – דער, =ן. פפ: באלגאר. צוגעהעריקער/
אפשטאמיקער פון דעם בולגארישן פאלק. % די
בולגארן זיינען א סלאוויש פאלק. ~~=%=די בולגארן~~
די בולגארן פארנעמען זיך דער עיקר מיט לאנד-
ווירטשאפט.

|| =קע, =ס, - ווג.

ם בולגר

| 1763 |" נייארט אונגרי אונד בולגר |...| דיא זיצן
2649 בייא דען גרושן באך טונה | דוניי |". ר׳ יעקב
|...| סגל, קהלת יעקב, פראג, תקכ"ג, דף ח/1.

ב ו ל ג א ר י א ס ק א - די, =עס. ( רעג(מאלדאוויע) ?נ?

„א פאפולערער פאלקסטאנץ אין די באלקאנען און 2650

דרום=רוסלאנד" | קטוו |.

ב ו ל ג א ר י ע - די/דאס. ( גנ ) מדינה אין מזרחדיקן ?נ?

טייל פון באלקאנישן האלבאינדזל. % די הויפטשטאט

פון בולגאריע איז סאפיע. דער טייך דונײַ גייט

אויך דורך בולגאריע.

1973" די עלטסטע ידיעה וועגן יידן אין בולגאריע

איז ניט פריער ווי ארום 1100, און ס'רעדט זיך 2652

ערשט וועגן א ביסקופּ וואס האט געשטאמט פון יידן".

מורג III, ז' 75.

ב ו ל ג א ר י ק - דער, =עס. " בולגאריש טאנץ" ?נ?

| קטוו |. 2653

ב ו ל ג א ר י ש I - דאס, בא. די שפראך פון די

בולגארן. % בולגאריש געהערט צו די סלאווישע

שפראכן. ער האט געלערנט בולגאריש.

ב ו ל ג א ר י ש II - אדי. וואס איז פון אדער

שייך צו בולגארן/בולגאריע. % די בולגארישע

זויערמילך - יאָגורט - איז זייער געשמאק. א סך

בולגארישע יידן האבן עולה געווען קיין ישראל.

1953" האט א בולגארישער ציוניסט גערעדט צו א פארזאמלונג

אסימילאטארן |...|". ש. ביקל, סמז, III/15. 2654

ב ו ל ג י י - דער, = | עס? | פפ: בולגע. "לעדער

2658 פון א קו, גראבעד, אבער ניט הארט, געניצט פאר

קאמאשן"א | קטוו |.

1929" פעסטער בלאנק און פראסטער פלאט און גלאט בולגיי

2657 // - ס'האבן יידן דארט געגארבעט און געוואלקערט".

פם, ברידער, מאסקווע, ז' 26.

(?נ?) ב ו ל ג ע ר ע | אקצענט? | - לאטעך מאלדאווא )

2659 " א הרודע, פארטריקנטע אדער געפרוירענע שטיק בלאטע"א

| קטוו|.

ב ו ל ד א ג - דער, =ן. 1. זייער א שטארקער און

בייזער הונט פון ענגלישער ראסע, האט א גרויסן

קאפ, א ברייטע, טעמפּעמארדע, א ברייטע ברוסט און א

קורצן עק.

1928" אז ער איז צוגעקומען נענטער, האט ער דערזען,

2661 ווי א 'בולדאג' מיט א פלאטשיק, קיילעכדיק פנים

ווי א שיסל, האט געהאלטן א קאץ פארן גערדיק און

זי געווארגן". אפּא II, ווילנע, ז' 92.

1962" |...| דער בולדאג |...| איז אויך פון דעם מין

2665 מאסטיף. |...| דער בולדאג האט באקומען זיין נאמען

צוליב דעם וואס מע פלעגט אים אנרייצן אויף די

אקסן ( בולן )". יצ. ראבאק, יישפ XXII-3, ז'83.

ז'...

2. ( פיג ) א בייזער און ברוטאלער מענטש. % דער

פארשוין איז אן אויסווארף, א רוצח, א בולדאג.

|...|" אויף דיר וועלן בילן גראבע בולדאגן,דער שונא וועט
קריצן אויף דיר־מיט די ציין". ד. עדעלשטאט, 2662
ציט אויסג׳ בוענאס=איירעס 1943, ז׳ 30.

3. ( שגל ) צונאמען אדער פארשטעלטער נאמען פאר געבעלסן.
| בלום, יישפ XVII-2, 1957, ז׳ 59.

4. פאסאן שיך מיט ברייטע נעז" | קשוו |. 2667

(?נ?) ב ו ל ד א ו ע ש ק ע - די, =ס. קליינער גראבער
שטעקן מיט א פארגרעבערונג אין שפיץ; קליינע בולאווע
( ← ב 2 ) | סטוטש 454, 604 |. % דער כוליגאן
האט אים דערלאנגט מיט א בולדאוועשקע איבערן קאפ,
איז ער גלייך אנידערגעפאלן.

ב ו ל ד א ז ע ר - דער, =ן/=ס. צוגאב=מכשיר ביי
א טראקטאר אין דער פארעם פון א באוועגלעכן שטאלענעם
מעסער אדער ציין, דינט אפצוגראבן און איבערצורוקן
ערד, שטיינער אע ביי בויונג פון הייזער, וועגן אע.
( דער נאמען ווערט געניצט אויך פארן טראקטאר מיטן
מכשיר צוזאמען). % דער בולדאזער גראבט שוין די
פונדאמענטן פון בנין. אויף אפצורוקן די גרויסע
שטיינער האט מען געמוזט ברענגען א בולדאזער.

1968" נאר אט איז געקומען א גרויסער בולדאזער,//
צעגראבן דעם ריוו און געשטופט אלץ די ערד". לע, 2675
אפקלייב, נ"י, ז׳ 295.

B: булдырь

(?נ?) ב ו ל ד י ר - דער, =עס. | אקצענט? |.

1. " אן אפגעזונדערט הייזל". 2."א בערגל".

2678 3. " א וואַסער בלעזל". 4. " א מאזאליע" | קטוו |.

{ באַמ: בוכשטעבלעך איבערגעשריבן פון קארטל, מער גארנישט. }

(?נ?) ב ו ל ד ע ו ו ע - די, =ס. (לאקל, הארדאק, ווישעב(סק).

פלעק, קליאַקסע. " ניט אפגעטרייסלט די פען פונעם

טינט און אוועקגעלייגט א בולדעווע אויפן פאפיר".

| קטוו |.

(?נ?) בּ ו ל ד ע ר ן - אוטוו. ( ~~לאפן~~ ראַש, זאמעט )קלאפן.

2622 % ~~קלאפן~~ בולזשען מיט די טירן" | קטוו |.

ב ו ל ה ו נ ט - דער, =~הינט. דזוו בולדאַג.

0 בולהונטנאַז - די, ~ נעז. ברייטע טעמפע נאז ווי

ביי א בולדאַג.

1948" |...| די געל געשנורטע שיך מיט בולהונטנעז".

ייש, קענטאקי, נ"י, ז' 59.

(?נ?) ב ו ל ו ב א ש א | אקצענט? |—" ראש פון א ציגיינער=

2682 באנדע" | קטוו |.

R: болван

ב ו ל ו ו'א ן - דער, =עס. פּפֿ: באַלוואַן.

1. א הילצערנער געטש, א סטאטוע פון א פאגאנישן גאט. % פון מעקסיקע האט ער געבראכט אן אנדענק א בולוואן פון אן אצטעקישן אפגאט.

1948" כאטש ניט קיין לעבעדיקער מענטש - א הילצערנער בולוואן, // האט ער געהאט א נאמען: יאן". 2684,2691

י. ראלניק, גל, נ"י, ז' 189.

2. (שלש) אן אומרירעוודיקער און נארישער מענטש; א גולם, א גלאמפ. % דער בחור איז ניט סתם א נאר - ער איז ממש א בולוואן. צו וואס ער רירט זיך צו, דער בולוואן, צעברעכט ער.

1931" ער האט א מאל געארבעט - דער בולוואן".

נאד, גייסטע ווערק II, נ"י, ז' 220. 2683

1960" ר' שייע האלט מיך פאר א בולוואן, א צעהושטער פארזעניש, וואס האט נישט קיין שכל און פארשטאנד". 2686

ש. סימאן, צווייגן, ב"א, ז' 126.

ב ו ל ו א נ י ק - דער, =עס. א שפייז - "צעריבענע קארטאפל מיט אייל און א גריץ, צו מאל אויך גריטשענע קאשע מיט גענדזענע שמאלץ" | קטור 167 |. 2692

FR: boulevard.

ב ו ל ו ו'א ר - | וייכער ל | - דער, =ן. גרויסשטאטישע ברייטע גאס מיט ביימער פון ביידע זייטן. % די הויפטשפאצירן פון דער יוגנט אין די אוונטן איז געווען אויף דעם בולוואר. דער יונגער מאלער בל בלאנקעט ארום איבער די פאריזער בולווארן.

|...| " שפאצירן זיינען מיר ביידע געגאנגען // ארום

2707 און ארום דעם בולוואר; // אלע מיידעלעך האבן שוין

חתונה, // נאר איך בין געבליבן צום נאר". פל.

1910" כאטש נעם אלע שולן פארשפאר - // א קלויז דער

טעאטער, א שול דער בולוואר". פרוג II, נ"י,

ז' 301.

1926" מרדכי האט נאכגעקוקט די קליינע אפגעפודערטע

2704 מיידלעך, וואס האבן זיך געטראגן איבערן בולוואר".

אפּא, 1863, ווילנע, ז' 49.

1947" א פיינע גאס דער בולוואר ראטשילד. ער האט א

2695 סך שטאלצע אפגעזונדערטע הייזער". סעג, מיינע

זיבן יאר |...|, ב"א, ז' 77.

||=דיק - אדי. וואס איז פון ( שייך צו ) בולוואר.

1944" ווארשע, דער רייכער זאטער צענטער, דער

2715 בולווארדיקער, וועלכער האט זיך געבאדן אין א ים

פון לוקסוס". י. הייבלום, דזשיקע גאס,רמת-גן,

ז' 13.

37 13 ג'אר

0 בולוואר=... ווי א באשטימטייל צו פארשיידענע

באגריפן שייכותדיקע צו ליטעראטור, פרעסע ) וואס

האט ניט קיין גרויסן ליטערארישן ווערט, וואס

איז באשטימט פארן פראסטן לייענער, מיט א קנאפן

ליטערארישן געשמאק. בולווארבלאט | אווו |.

בולוואר=פרעסע, בולוואר=צייטונג.

1964" וועט דער יידיש=ריידנדיקער טאטע ניט האבן גארנישט

2709 ניט קיין בוך, ניט קיין ראדיא, וועט זיין העברעיש=

ריידנדיק קינד " לייענען א בולוואר=צייטונג און

ניט מער". בצג, טמז, VII/25.

<u>בולוואַר=ראָמאַן</u> - דער, =ען.

<u>בולוואַר שבת=טעפּל</u> - ( לאַשט, פראַנקרייך )
שפּאַסיקער נאָמען פאַר דער פּאַריזער גאַס
. Boulevard Sevastopol

<u>זי מאַכט דעם בולוואַר</u> - ( לאַשט, פראַנקרייך )
אויף א גאַסן=מיידל " מאַכן דעם בולוואַר | איז |
א דירעקטע איבערזעצונג פון פראַנצויזיש ,Faire le boulevard
וואָס מיינט דער עצם אַקט פון פאַרקויפטער ליבע,
פון אויסגעלאַסנקייט פאַר געלט.| דער אויסדרוק | 2713
האָט זיך איינגעבירגערט אין יידישן לשון אין
פראַנקרייך" | <u>קסוו</u> |.

<u>ב ו ל ו אַ ר ג</u> - | דאָס ? | אויף <u>באַלוּוערק</u> | <u>סטוטש</u> 452 |.
שוצמיטל בעת א מלחמה, מין ערדוואַל, אַנשיט. % די
פּוסגייער האָבן זיך באַהאַלטן הינטערן <u>בולוואַרג</u> קעגן
דעם פייער פון שונא.

ב ו ל ט | בוילעט | - <u>אַדי/אַדוו</u>. 1. אַרויסגעהויבן/
אַרויסגעשטאַרצט פון א געוויסער איבערפלעך אויף
דרויסן; רעליעף. א מצבה מיט <u>בולטע</u> אותיות. די
פיגורן אויפן באַרעליעף זיינען <u>בולט</u>
און שאַרף אויסגעטיילט.

1863" אויך מאַכט ער | דער חתימה=שטעכער | <u>בולטע</u>
אַדרעסקאַרטן און וויזיטקאַרטן און קאַנווערטן מיט 2762
ראשי=תיבות פון דעם נאָמען". <u>קמ</u>, נ' 35, <u>מודעות</u>,
ז' 551.

1908" נאָך דעם זעען מיר אויפן פּנים, האַלדז |...| א
מענגע קליינע רויטע פלעקלעך, וואָס שטייען אַרויס 2743
עטוואָס <u>בולט</u> אויף דער הויט". <u>איבז שלג</u>,
ד"ר א. דע סענט=וויסענט, <u>דער אוצר פון געזונט</u>
<u>און לעבן</u>, וואַרשע, ז' 13.

1935" ווי ארויסגעטעסעט פון דער ווינטערדיקער לופט
שטייען בולט | ~~[illegible]~~ די שטיבער אויפן שניי". 2741
מק, זעלמעניאנער II, מינסק, ז' 12.

2. | זך | אויסגעפוקלט, ארויסגעבויגן רונדיק אויף
דרויסן. % בולטער שפיגל | טערמינאלאגיע פיזיק,
די נייע שול, ווילנע, 1920 |.

1898"פוןביידע זייטן בויכיק, בולט גלאז, וואס נעמט
צו זאמען די זונענשטראלן און שטעלט זיי אן אויף 1574
דער זאך, וועלכע מען דארף פונאנדערקוקן". ד"ר מארדפין,
באארבעט, נאך שונקיעוויטש און אנדערע, די לערע
פון לעבן, בערלין, תרנ"ח, ז' 6.

1939" קוילערט ארויס אויפן ווייב זיינע בולטע אויגן
|...|". פ. גאלדהאר, דערציילונגען פון אויסטראליע, 2751
מעלבורן...

3. ( פיג ) אויסטיילעוודיק, אנזעעוודיק; דייטלעך,
קלאָר. % א בולטער באוויז, בולטע סימנים.
די געשטאלטן אין דעם ראמאן קומען ארויס בולט
~~[illegible]~~ און לעבעדיק.

" בכדי |...| די אידיליע זאל זיין נאך מער בולט, 1916
~~[illegible]~~, מוז געזאגט ווערן |...| א פאר ווערטער 2746
|...|". שע, פונ'ם יאריד II, ציט אויסג, אַלע ווערק,
ווילנע, 1926, ז' 122. ב' III 3

1919" זיין קאמף וועט מוזן ווערן אינטענסיווער, און
נאך בולטער | ~~[illegible]~~ וועט מוזן ארויסטרעטן פאר 2757
אים די געשיכטלעכע ראלע פון זיין באוועגונג".
ושיט, XI, נ"י, ז' 192.

1928" און יעדער קלאנג האט זיך געהערט בולטער ~~[illegible]~~
און הילכיקער". ש. גאדינער, דער מענטש מיט דער
ביקס I, מאסקווע, ז' 47.

1959" איינער פון די בולטסטע מוסטערן איז פעטער קרא
קראפאטקינס אידייען און ווירקלעכקייט אין דער
רוסישער ליטעראטור". שנ, קריטיק און קריטיקער,
ב"א, ז' 209.

|| =דיק | בוילעטדיק | אדי/אדוו. דזוווז דפוו.

1908" פון די מחשבות האבן |...| אנגעהויבן זיך וועבן
בילדער, פריער בלאס און נאך דעם אלץ מער אנזיכטיק 2765
און בולטדיק". שע, פון כתרילעוועקע,
שמואל שמעלקיס |...|". ציט אויסגי נ"י, 1937, ב' VI,
ז' 204.

=קייט - די, =ן. די אייגנשאפט פון זיין בולט.

1932" די קונסט וועט אויסמאלן מיט בולטקייט די לעבעדיקע
מענטשן און זאכן |...|". כ. דונעצ, אפנ שוועל 1598
|...|, זש' שטערן, נ' 10 - 11, מינסק, ז' 141.

1961" דאס באריכערט אונדזער לשון |...| פירט צו
בולטקייט און קורצקייט". ימ, יישפ XXI, 2, ז' 33. 2770

ב ו ל י אַ ן - דער, =ען. דער ריינער אָפּזאָט פון
פליישו ( ס'רוב פון עוף ), די פליסיקייט וואס ב
בלייבט נאכן אויסקאכן. % א פעטער בוליאַן. דעם
קראנקן גיט מען נאָר בוליאַן פון א הינדל. זיי עסן
בוליאַן מיט לאָקשן.

1906" |...| און איר עסט אפט צו ביסלעך בוליאַן,
פאלגט וואס מע זאגט אייך". מ. אחון, צוויי 2772
שוויגער, ווילנע, ז' 123.

1907" ער זאגט אך אלע מאל |...| מע זאל מיך ניט
שטאפן מיט קיין קארטאפליעס און דעם קראנקן זאל 2771
מען געבן נאר בוליאַן". שע, מאטל פייסי דעם חזנס,
ווארשע - ווילנע, ז' 1926

(?נ?) ב ו ל י ז ש נ י ק - דער, =עס. ( רוסיצ, נא )
רונדיקע שטיינער, געניצט א מאל צו ברוקירן גאסן,
וועגן. % דער וואגן האט געקלאפט איבער די בולי‌זשניקעס
פון שאסיי.
<R: булыжник

1932" כאטש ניט געשליפט גייען ביי אים די ווערטער
ארויס |...| נאר יעדער ווארט לייגט זיך אפ אין 2780
קאפ אזוי ווי א בולי‌זשניק אויפן ווייכן אויסבעט
פון מאסע". מ. דעכטיאר, אפ רישטעוואניעס,
זש' שטערן, נ' 10 - 11, מינסק, ז' 71.

[רוסיצ, נא]
||בולי‌זשנע - אדי. וואס איז (ווי) פון בולי‌זשניקעס.
1908" מיט בולי‌זשנע שטיינער איז די שטאט רייך".
<R: булыжный
ידב"ר, יהושיע'קע דער קרומער, פעטערבורג, ז' 26. 2781

(?נ?) ב ו ל י מ י ע - די, בא. שטארקער הונגער=מצב,
גרויסער דראנג צו עסן. | סטוטש 266 |.

ב ו ל י ר ן - אוטוו. (דיאל, פוילן?) גלאנצן,
בלישטשען, פינקלען. % " די טעפ אין קיך בולירן".
1951" לייכט אויף אין זיינע אויגן דאס זאמד, וואס
בולירט אויף די | דער | פאדלאגע אין די יידישע 2785
שטיבער לכבוד שבת". מ. י. שעליובסקי, אויף א
פולער וואך, ב"א, ז' 12.

ב ו ל מ ו ס - דער, | בא? | ( תח [לל] ) 1. הונגער= 2821
קלעמעניש, גרויסער אפעטיט, דאס חלשן עסן.
1911 | ה. ספיוואק און יהואש, אידיש ווערטעבוך, נ"י |.
< לקי: בולמוס/בולמוס > boulimos גריכיש

בו - 235.

" אויב עס האט איינעם אנגעכאפט א בולמוס ( אום יום=כיפור ) זאל מען אים געבן צו עסן אפילו טריפה, ביז זיינע אויגן וועלן ווערן ליכטיק". | יומא ח - 6|.

2. ( פיג ) שטארקער באגער, גלוסטעניש צו עפעס.

1925" קיין פאלק ארגאניזירט זיך א מאל פון זיך אליין, ד"ה, אלע יידן זאלן אויפשטיין אין א שיינעם פרימארגן מיט א בולמוס פון ארגאניזירונג און פאראייניקונג". ש. קאלקער, דאס פאלק און די באוועגונג, לעמבערג, ז' 27. 2788

0 בולמוס=תפילה - עקסטאז פון דאווענען.

בולמוס=עריות - דראנג צו געשלעכטלעכער אויסגעלא - סנקייט.

ם ----> 1.

" דען דוד האט מכה הונגיר איין קראנקהייט ביקומן דיא הייסט בולמוס דיא איז גאר מסוכן". סהמ|||, ירמיה, ווילהרמרשדארף, נה - I. 2787

בולעם פיון

ב ו ל ם פ י ו -( פר, לל ) פארמאכן, פארשטאפן דאס מויל. (?נ?)

1957" |...| איך טורמע פארשפארט מען די עבודה פון בולם פיון אויף ניט צו רעדן וואס מען באדארף ניט". לדב, נ' דף צ"ו. 2786

ב ו ל ע - די, =ס. דאקומענט, דעקלאראציע פון רוימישן פויפס בנוגע וויכטיקע ענינים פון דער קירך.

1865" ער | דער פויפס | האט אונטערגעשריבן א בולע

2799 ( פאפסטלעכע פאראדענונג ) |...| אז די גאנצע

באשולדיקונג פון עלילה=דם דארף אויפהערן, ווארעם

עס איז שקר וכזב". קמ, נ' 23, ז' 349.

1928" ער האט זיך אפט געזען אויפן פויפס' גאלדענעם

2798 שטול |...| ארויסגעלאזט ' בולעס' צו אלע פעלקער

|...|". אפא III, ז' 172.

ב ו ל ע [פּוילע ?] ז ײַ ן - טרוו. איינזאפן,

אבסארבירן.

1891" א זאפנדיק פעלד - ווען די ערד זאפט איין ( זי

2805 איז בולע אין זיך ) פיל וואסער". מ. וועבער,

דער יודישער פעלדארבייטער,ווארשע, ז' 11.

~~ב ו ל ע ו ו א ר - דער, =ן. דזוו [illegible] ( ←-- )~~

~~2806 1906" איך בין געגאנגען שפּצירן איבער דעם [illegible]ולעוואר".~~

~~[illegible]אד, אונטער דער זון, ת"א, ז' 31.~~

~~..................................................~~

~~באמ: [illegible]יטיק? געבן די ציטאטע ביי בולוואר?~~

~~..................................................~~

ב ו ל ע ו ו ע - די, =ס. פּקפּ בולעווקע. ( פּטמ )

דזוו בולאווע, בב 2,1.

1886" א גאנצע טיטשקע פאסטעכלעך |...| מיט גרויסע

2819 היטלעך |...|, און מיט גראבע בולעווקעס אין די

הענט". ש"ע, יוסילע סאלאוויי, [illegible]

1924" די פאליציי=לייט האבן מיט זייערע בולעוועס

2815 אָן איינזעעניש געארבעט איבער די קעפּ". ה. זאלאטאריאוו,

געזאמלטע שריפטן I, נ"י, ז' 106.

1933" ער דריקט די בולעווע // די שווערע אין די דלאניעס".
2817 ב. אליעווסקי, שאכטע, מאסקווע |?|, ז׳ 97.

1944" |...| אראפגענומען א שיינע בולעווע פון מאהאגאני
2816 און העלפאנדצאן". זש, קיסר און רבי I, ז׳ 117.

באמ:געבן די ציטאטן ביי בולאווע? מאכן איין פאזיציע?

ב ו ל ע ט - דער, =ן. ( רעג, ליטע? ). מאכל, שפייז, פון געמאלענעם פלייש; פליישקיילעכלעך.

1932" בולעטן: גוט צונויפמישן ½ פונט האקפלייש מיט
2821 125 גראם מעל, 30 גר צעשניטענעם שמאלץ |...| און
אויסמאכן פלאכע קניידלעך". פגעז, נ׳ 23, ווילנע.

ב ו ל ע ט י ן | ווייכער ל | - דער, =ען. פפ: ( נא ) בולעטן/ ביולעטען. 1. זאמלונג ( געדרוקטע, מימעאגראפירטע אע ) פון אינפארמאציעס, באריכטן, מעלדונגען פון אן אינסטיטוציע, אונטערנעמונג, אמט אע וועגן דער טעטיקייט, באשטימט ס׳רוב פאר אינעווייניקסטער פארשפרייטונג ( פאר מיטגלידער, קליענטן אע ). % חודשלעכער בולעטין. אין בולעטין פון דער קולטור=געזעלשאפט איז דא דער פלאן פון ארבעט. די באנק שיקט פעריאדישע בולעטינען צו די קונדן.

1919 " בעת איך שרייב דעם איצטיקן ארטיקל איז דער
2825 ביולעטין פון דער רוסישער רעוואלוציע ניט גאר קיין
פריילעכער". זשיט, X, נ"י, ז׳ 34.

1947 " מיר האבן אויך אריינבאקומען ביולעטינען פון
2822 דער פארטיי". מ. קושניר, יזב טשענסטאכאווער
יידן, נ"י, ז׳ 229.

1968 " מיט א פארכאפטן אטעם האט מען געלייענט די
ביולעטינען פון די לינקע ריכטונגען, זייער האפט
597 זיינען געווען ידיעות גוטע און זייער אפט שלעכטע".
ב. ארענשטיין, יזב אטוואצק, ת"א, ז׳ 839.

2. ביי וואלן ( צום פארלאמענט, אנפירניקע אינסטאנצן פון אינסטיטוציעס אע ) - בלעטל פון א באשטימטער פארעם, קאליר וואו ס'זיינען אנגעגעבן די נעמען פון די קאנדידאטן אויסצוקלייבן. אדער א נומער ( סימן ) פון דער פארטיי, ליסטע פאר וועלכער מע קאן ( וויל ) שטימען. % דער וויילער האט אריינגעווארפן זיין בולעטין אין דער וואל=אורנע. די וואלן האט מען געפסלט, ווייל א סך בולעטינען זיינען געווען געפעלשטע.

3. ( סאוועטיש ) באשטעטיקונג וועגן באפרייען פון דער ארבעט צוליב קראנקהייט אדער אנדערע סיבות. % דער דאקטאר גיט דעם קראנקן א בולעטין נאר אויף דריי טעג.

ב ו ל ע ק - דער, =עס. 1. ( שלש ) טעמפער, נארישער מענטש; גלאמפ. % ער פארשטייט ניט וואס מע רעדט צו אים, דער בולעק. "1931 הער אויף בולעק, כ'וויל מיט דיר ריידן פון דיין טובה וועגן". מק, זעלמעניאנער I, ז' 96. 2834

2. "גראבער יונג, עם=הארץ" ( לאקל, האראדאק, וויטעבסק ). | קטוו |. 2838

ב ו ל ע ק - ---> ביילק.

ב ו ל פ א ס - דער, | = פעסער? | . ( אמ? ) "אן אנגעבלאזענער פארשוין מיט גראבע באקן, שווער באוועגלעך" | קטוו | % "א שטיק בולפאס איז דאס, סאטע זיסער, פעט ווי א חזיר" | קטוו |. 2841

ב ו ל פ י ט - דער, =ן. ( אמ, נא ) אקסנקאמף. (?נ?)

% די אמעריקאנער טוריסטן זיינען געגאנגען זען

דעם בולפייט אין מאדריד.

ב ו ל פ ר א ש - די/דער, מצ ~ פרעש. ( אמ, נא ) (?נ?)

אקסנפראש, א גרויסע זשאבע פון גרוי=ברוינלעכן קאליר.

1948" די בולפרעש קוואקען, זאגן שירה אין דער נאכט ".

יש, קענטאקי, נ"י, ז'... 2450

ב ו ל ץ - דער, =ן. פפ: בולצאק, בולציק | פקפ | פקפ ? |

| ארויסרייד אין טייל ערטער ( למשל, ברעזשין )

בילץ | יישפ IV - II, ז' 54 |. ( שלש, פד ) דיקער,

פעטלייביקער מענטש.

1939" א גראָבער בולץ, גרויסער, דיקער מענטש ( געוויינלעך

אויך מגושמדיק דערצו ). אין ווילנע: גראָבער באַלץ. 2850

סינאנימיש אין קאלנע בוציפאל". ייפא, נ' 14.

1942" בולץ, בולצאַק - א דיקאַיינגל ( ווי א זידלווארט ).

'אזא בולץ, ער קען אריינעסן אן אקס מיט די קאפיטעס'". 2849

ל. לעהרער, יישפ II - 5, ז' 150.

1944" זי וועט היינט משוגע ווערן צוליב |...| דעם בולץ,

פון וועמעס מויל עס קייקלען זיך פערל". ד. בעלמאן, 2846

טמז, IX /27.

ב ו ל ק ע I - די, =ס. | אין אוקראינע, פוילן

ארויסגערעדט בילקע, מיט ווייכן ל |. ברויט פון

ווייצענע מעל ( ס'רוב פון בעסערן סארט) אויסגעבאקן

אין א קיילעכיקער אדער לענגלעך רונדער פארעם.

% ווייסע בולקע. פרישע, געשמאקע בולקע. די מאמע

באקט אויף שבת חלות און עטלעכע בולקעס.

1833" ווארום אז דיא גאולה וועט זיין, וועט וואקסין זעמיל און בולקוס אונ זיידני קליידר פון דער ערד |...|". איבז ר' משה בר' נתן נטע, הרב אליהו הכהן |...|, שבט מוסר, סדילקאב, תקצ"ג, דף נ/1. 2922

| פל | בעסער צו לעבן אין אלע זאווו.לקעס | היגטער=געסלעך |// איידער צו עסן דעם קייטערס בולקעס. | פל |. 2881

1873" נא דיר א גראשן און גיב מיר א בולקע". ממוס, קליאטשע, קאנק: 289650.

1903" די עלטערן האבן זיך געמוזט אריינמישן און אזוי צעטיילן די בולקע צווישן די קינדער, אז קיינעם זאל ניט זיין אבידנע | באעוולהט |". ספ, עניים ואביונים, ווארשא, ז' 254. 2868

1920" ' א גאנצע וואך הייסט עס בולקע, און אז עס קומט אויף שבת רופט מען דאס חלה'". ציט עלזעט, יידישע מאכלים, ווארשע, תר"פ, ז' 26. 2879

1955" ביי אונדז אין שטעטל בערעזין, מינסקער גובערניע, ווייטרוסלאנד, האט מען זיך געפירט צו עסן אלע פרייטיק אויף ווארעמעס א פריש געבאקטע קיילעכדיקע בולקע פון פראסטער טונקעלער מעל מיט א מילכיקן קרופניק |...|". ש. הורוויץ, יישפ XV - 3, ז' 89. 2882

|| בולקעלע - דאס, =ך. 1. פקפ פון בולקע.

2. זעמל, א קליין געבעקסל פון מעל קיילעכיק אדער לענגלעך ( פראנצויזישע בולקעלע ). % אויף אנבייסן עסט ער א צוויי בולקעלעך מיט פוטער.

3. ( כלש ) בריסט פון א יונג מיידל | סטוטש 240|.

~~0 בולקעפלאץ~~

0 בולקעפלאץ - דער, = ~ פלעץ.

1954" בולקעפלאץ - דער, חלה געמאכט פון א צאל קליינע בולקעלעך, וואס ווערן צוגעקלעפט איינס צום צווייטן און אזוי אויפגעבאקן". יישפ XIV - 3, ז'94.

בולקע=פנימל - קיילעכיק פנים.

1930" ארויספטרן פון שטוב |...| דעם פארברוינטן הערשל מיט דעם |...| ברוינעם בולקע=פנימל". 2886

ד. מיצמאכער, שמאטע=קלייבער, ציט אנט, ז' 392.

☐ בעסער קליינע בולקעלעך איידער גרויסע קוילעטשן פרעמדע (שוו) - בעסער זיך באנוגענען מיט ווינציק, אבי ניט אנצוקומען צו פרעמדער הילף.

קוועלן ווי א בולקע אין מילך - (שפאסיק) אויף איינעם, וואס ווייזט ארויס צו פיל זיין צופרידנקייט (ווארטשפיל: 'קוועלן' - אויפגיין, יוירן, און 'קוועלן' - שעפן נחת).

ער שמייכלט צו א בולקע - אויף איינעם וואס איז זייער הונגעריק.

צוכאפן זיך ווי צו א הייסער (פרישער) בולקע - נעמען עפעס מיט גרויס חשק.

ער ווערט שיכור פון א בולקע - אויף איינעם וואס קאן נישט טרינקען.

ב ו ל ק ע II - | ווייכער ל? |. - די, =ס. (שש)

קליאַקסע, פלעק | קשוו |. 2888-2884

ב ו ל ק ע III - די, =ס. 1. דזוור בולבעס II, /ווייכער ל|.
בולבעס
א לופטבלעזל.

2. "דער קלאנג וואס שאפט זיך ביים בולקען, בלעזלען זיך"
| קטוו |.

ער האט א בולקע אונטער דער נאז - אויף איינעם
וואס עס רינט אים פון דער נאז.

(זויק)

ב ו ל ק ע ן | ווייכער "ל" | - אוטוו, אפט דריטפערזאניק.
פפֿ: בולבען, בולבלען. בלעזלען זיך, שאפן לופטבלעזלעך, פענכערלעך אין א פליסיקייט ביים זידן, קאכן פון א פליסיקייט אדער ביים איבערגיסן, באזונדערס פון א כלי מיט א שמאלן העלדזל, ארויסגעבנדיק א כאראקטעריסטישן קלאנג "בול=בול". % דער ווייַן אין פלעשל בולקעט ביים אנגיסן די כוסות. די מילך בולקעט שוין - באלד וועט זי אויפזידן. עס בולקעט אים עפעס אין האלדז.

1913/1914" עטלעכע וואסערדיקע רינגען, וואס האבן זיך א
א ווײַלע געבולקעט און געדרייט און גלייך ווידער
באַרויקט". איבז ל. קאברין, ג. מאפאסאן, גוו II,
נ"י, ז' 3. 2913

...." אויסגעצייכנטער ווישניק! - האבן זיי געזאגט,
איבערגעגעבן איינער דעם אנדערן דאס פלעשל און
געבולקעט - בול=בול=בול פון העלדזל גלייך אין מויל
אריין". שע, לכבוד יום=טוב II, א פארשפילטער
ל"ג בעומר, ווילנע - ווארשע, ז' 83. 2910

1937" געטרונקען האב איך לאנג און זשעדנע... ס'איז
געווען א חיות צו הערן, ווי סע בולקעט די וואסער
אין בויך". י. פאליקמאן, צווישן טאפקעס,
בערדיטשעוו. 2906

"1974" אין דעם קאפ האט געבולקעט א פליסיקע לאווע
|...|." י. עלבערג, אויפן שפיץ פון א מאסט, 2912
מאנטרעאל, ז' 242.

בום I - אינט, אויך סובסטאנטיווירט: דער בום,
=ען. ( אנאמאטאפעיש ) דער קלאנג פון אן אויפרייס,
פון הארמאטן=שאס, באמבארדירונג אע. % פלוצעם
הערט זיך "בום!" און דאס הויז ליגט שוין אין
חורבות פון דער באמבע. אלץ נענטער ווערן די
בומען פון דער ארטילעריע.

"1974" אפילו דאס פליען פון א סך מיליטערישע עראפלאנען
און די צוויי שטארקע 'בומען' בעת זיי שטייגן 2926
אריבער די קול=געשווינדקייט, האט ניט געמאכט קיין
ספעציעלן רושם אויף דער רויקער באפעלקערונג".
ז. שזר, גק, נ' 82, ז' 34.

בום II - דער, =ען. ( אמ ) גוטער סעזאן אין
האנדל/אינדוסטריע , אויפבלי, אויפשטייג אויף דער
בערזע. % גרויסער, איבערגעטריבענער בום. דער
בום אויף די ווערטפאפירן האט לאנג ניט געדויערט.
טייל האבן פארדינט בשעת דעם 'בום' אויף דער בערזע
און א סך מענטשן האבן פארלוירן זייער פארמעגן.

"1930" דער " בום" האלט שוין אן ס'אנדערע יאר, און
מענטשן ווערן רייך". אפא XI , ווילנע, ז' 309. 2928

"1954"פאר וואס זאל זלאטע ניט קויפן, ניט געניסן
פון 'בום'? ש. מיללער, גק, נ' 20, ז' 260. 2930

ב ו מ א ז - דער, =ן. א מגושמדיקער מענטש, (?נ?)

אומגעלומפערטער; דזוו באמאז/ באמבעמנוש. % צעוואקסן און

דיק, קוים וואס ער קאן זיך רירן, אן אמתער בומאז.

1956" |...| ס'א רחמנות אויפן דייטשישן בומאז,

דערלאנג א שאס, וועט ער אין האניק גלייך פארגעסן". 2932

פמ, מלחמה II, נ"י, ז' 546.

ב ו מ א ז'יי(ע) - די, בא./ צייג, טעקסטילשטאף. (רעלס)

% בומאזייע מאכט מען פון באוול. דער שניידער

דארף האבן עטלעכע מעטער בומאזיי.

1925" פון די | באוול |=פעדעם גרייט מען צו פארשיידענע

צייגן: מאדעפאלאם, ציץ |...| בומאזייע, סאטין 2934

און אנדערע סחורות". יאכ, מיט געניטע הענט,

קיעוו.

1928" קוקט זיך צו צום איבערפלעכט פון די פעדעם אין

א שטיקל בומאזייע אדער שעוויאט, וועט איר זען, 2936

אז דארט איז דאס געוועב שוין גארניט אזוי איינפאך".

ע. איזרא, צייג, קיעוו, ז' 64.

ב ו מ א ז ש נ י ק - דער, =עס. ( רוסיצ, נא ) (?נ?)

קליינער פארטפעל, געלטבייטל צו האלטן באנקנאטן.

1863" גוטענשטערן |...| האט ארויסגעכאפט פון בוזעם

דעם בומאזשניק | טעקסט: באמאשזניק | און האט 2937

אפילו ניט געציילט". קמ, נ' 15, ד' 238.

1911" איך האב אליין געזען, דער בומאזשניק איז ביי

אים אנגעשטאפט מיט הונדערטער". ז. גארהן, מירעלע 2943

אפרת, נ"י, ז' 44.

(?נ?) ב ו מ אַ ז ש ק ע - די, =ס. | געשריבן אויך באמאשקע | .

(רוסיצ, נא) 1. שטיקל פאפיר.

2. /(טע) געלטבאנקנאט, באנקצעטל.

"נעכטין האט ער גישיקט נאך מיר אונ' האט מיר [1819?]

גיגעבין צוויא פינפיר באמאשקיס |...|". 2945/א

יוסף פערל, מגלה טמירין, ציט אויסג' ווילנע

1937, ז' 114.

1883 "דער בעל=שם האט |...| געגעבן א פאפירענעם בייטל

און האט אים געהייסן אריינלייגן 52 רובל בומאזשקעס 2946

און צוויי קופערנע מטבעות". ייפאל, נ"7, 109.

ב ו מ אַ ל ע | אקצענט? | - | די/דאס?| . קארטנשפיל.

" דאס איז א מין 66 אין 2 הענט. דאס שפילט מען

מייסטנס אן די ניינטלעך, ד"ה, נאר מיט 20 קארטן,

10 פארטיילט מען צווישן זיך און 10 קויפט מען

איינציקווייז פון דער קופע: שפילן א בומאלע,

מאכן א בומאלע"x | קטוו |.

ב ו מ י ל ע - דער, =ס. פּפּ: באמילע, בורמילע.

(שלש) 1. תם, גולם, אומוויסנדיקער מענטש.

% ער לערנט שוין דריי יאר אין איין קלאס, דער בומילע.

דער בומילע קען אפילו ניט קיין עברי.

2. גראבער נפש, אומדערצויגענער מענטש. % פון אזא

בומילע וועט מען קיין איידל ווארט נישט הערן.

1929 "איך קען אים שוין |...| א ביסל מער |...|

ס'א בומילע, און קיין שלום=בית איז ביי זיי 2950

קיין מאל ניט געווען". א. אבטשוק, הערשל שמאי,

אלמאנאך וואטפּפ, כארקאוו, ז' 36.

ב ו מ ל|ע ן - אוטוו. | אמ? שש? | "פוילענצן, פוילן זיך, צו טאן עפעס, ארומגיין לײדיק, פוסט= און=פאס" | קטוו |. " דער יונגאטש בומלט גאנצע טעג, טוט ניט קיין האנט אין קאלט וואסער" [רגוו].

|| ער ( =קע, =ין ), פוילִיאק, פוסטעפאסניק, לײדיקגײער.

=עריי - די. =ען. פוילקייט, לײדיקגײערײ.

"1943 |...| איז אויף אים אנגעפאלן א געוואלדיקע לוסט צו בומלערייען און לעבן א גוטן טאג". 2953
ייז, משפחה קארנאווסקי, נ"י, ז' 71.

ב ו מ ע ן I - אוטוו. ( שש ) ארויסגעבן דעם קלאנג " בום"

"1965 די פייגל, און די בערן, און די לייבן אויף די טרעפ // האבן געאומט און געבומט // און געוויגט 2954
מיט די קעפ ". מאל, ליכט פון דארנבוים, ב"א, ז' 183.

ב ו מ ע ן II - אוטוו. ( אמ ) 1. באטײליקן זיך, זײן ארײנגעטאן אין דעם גאנג פון א " בום" אין האנדל, אויף דער בערזע. % אלע בומען, אלע קויפן און פארקויפן אקציעס.

"1954 בראנזוויל האט 'געבומט', פאר וואס זאל זלאטע ניט קויפן, ניט געניסן פון 'בום'?". ש. מיללער, 2958
גק, נ' 20, ז' 260. CS

2. רעקלאמירן א געוויסן פראדוקט, אונטערשטופן אים צום פארקויף. % די גרויסע אנאנסן האבן זיכער געבומט דעם נײעם ארטיקל.

1931" גאלדפאדן שטארבט און מיט זיין טויט "בומט" (רעקלאמירט) זיין לעצט ווערק". ז. זילבערצווייג, לעקסיקאן פון אידישן טעאטער I, נ"י, ז' 333. 2956

1937" דער "פארווערטס" האט האך אייך געבומט". און "געפושט" און געקלאפט און געפויקט וועגן אייער אונט". נאד, נאדירגאנג, נ"י, ז' 43. 2957

ב ו מ ע ר א נ ג - דער, =ען. 1. שליידער=געווער פון אויסטראלישן אפשטאם — א פלאכער און אויסגעבוי־גענער הילצערנער שטעקן, האט די אייגנשאפט צו קענען, נאכן טרעפן אין ציל, זיך אומצוקערן צוריק צום ארט פון וואנען ער איז ארויסגעווארפן געווארן. % דער יעגער האט געטראפן די קענגורו מיט זיין בומעראנג.

1936" דייך ווילן - א געניטער בומעראנג // וועט ברענגען דיר אווארעמען דעם פאנג". סוצ, פון 6,3 ד, 1963, ז' 52. 2961

2. (פיג) פיינטלעכע טוונג (אקט, מיטל), וואס קערט זיך אום צום שאדן פון דעם טוער.

1971" א פארזוך פון דער סאוויעטישער מאכט אנצושרעקן די יידן |...| איז דורכגעפאלן און דערצו געהאט א ווירקונג פון א בומעראנג, וואס האט געשאדט דער סאוויעטישער מאכט |...| מער ווי די יידן". ש. בן=ישראל, פאר, II/28. 2962

ב ו נ א - די, | בא? |. ( שגל ) קינסטלעכע (סינטעטישע)
גומע, וואס די דייטשן האבן פאבריצירט אין די
קאנצענטראציע=לאגערן בעת דער II וועלט=מלחמה.

0 בונא=העפטלינג - דער, ע. ארעסטירטער. בונאווערק
- פאבריק. בונאזופ, בונא=לאגער, בונאמארש.

1957" בונא- קינסטלעכע גומי. אין מאנאוויץ, לעבן
אוישוויץ, איז געווען א פאבריק פון בונא, דערפון 2965
בונא=לאגער. די ארבעטערס האבן געזונגען א 'בונאמארש':
פלעגט מען יידן אויף בונאס בלאטע וועגן, // בויען,
שמידן, גארניט פרעגן". |...| בונאזופ - א ליטער
וואסער מיט ברוקוועס". בלום, יישפ XVII - 2, ז' 51.

1973" אלע בונא=העפטלינגע זענען באשעפטיקט געווען
אין בונאווערק, א פאבריק פון סינטעטישן בענזין 2966
און אנדערע סינטעטישע ארטיקלען, וואס זענען פראדו-
צירט געווארן פון קוילן". ד. פרייבערג, פינצטערניש
אויף דער ערד, ת"א, ז' 389.

0 ב ו נ א צ ה - די, | =ס? | שטילשטאנד אויפן ים,
ווען ס'איז קיין ווינט ניטא. פארטייטשונג אין
טעקסט |?|; בונאצה: ווען דש מיר קיין ווינד הוט".

| ?1541 | " אויף דעם מער ווארן זי אום שוועבן //
איין וייל מיט ווינד איין ווייל מיט בונאצה". 2971
בבא - בוך, איזנע, 84, 8 - 6.

ב ו נ ד I - דער, =ן. 1. ענגע פארבינדונג, אייניקייט,
אחדות. % גייסטיקער בונד. בונד פון פריינדשאפט.
דער בונד צווישן מדינת ישראל און די תפוצות איז
וויכטיק פארן קיום פון יידישן פאלק.

1848" און זיי זאנין פארקניפט מיט זיין | גאטס |
2292 בונד". חה, שליטאמיר, ז' 407.

1941" און איך וועל אויפשטעלן מיין בונד צווישן מיר
3001 און צווישן דיר". תי, בראשית, יז - 7.

1957" איז זי דאך איך גאנצן פארבונדן מיט דעם בונד
3002 פון לעבן מיט גאט ממש". ליקוטי אמרים, תניא,
32 - 16.

1964" דאס באווייזט דעם אומדערשיטערלעכן כוח פון דעם
3008 אייביקן בונד צווישן כלל ישראל מיט דער תורה".
טמז, ידיעות, VII/28.

2. צייטווייליקע אדער שטענדיקע פאראייניקונג פון
פערזאנען, ארגאניזאציעס, מלוכות אא מיט בשותפות-
דיקע צילן אדער פאר באשטימטע צילן; אליאנץ, קאאליציע.
% דיפלאמאטישער, מיליטערישער בונד. שליסן א בונד.
בײדע קיניגן האבן געשלאסן א בונד. בעת דער
צווייטער וועלט=מלחמה איז געווען איבונד פון ענגלאנד,
פראנקרייך און די פאראייניקטע שטאטן קעגן דייטשלאנד.

1863" ~~באלד האבן זיך איך גאנץ~~ און אלע זאכן וואס זענען
3009 נוגע צו דייטשלאנד זאל דער בונד איבערוואכן".
קמ, נ' 31, ז' 482.

1902" באלד האבן זיך אין גאנץ ענגלאנד געבילדעט
2979 ארבעטער=בונדן. |...| דער פארלאמענט |...| האט [...] אין 1825
די פרייהייט פון די בונדן". זש' דער אידישער
ארבייטער, נ' 13, לאנדאן, ז' 74.

" נאך דער מלחמה פון גוג און מגוג האט ער א בונד 1934
3010 געשלאסן מיט דעם רבין פון לובלין |...| נישט
אנדערש נאר משיחן אויף דער ערד אראפצוברענגען".
אש, תהילים=ייד, ווארשע.

3.מב, בינד, פקפ: בינדל. בונט, בינטל, זאמלונג פון זאכן, וואס זיינען צוזאמענגענומען.

1857" אוב מקופט א בינדל ציבעלי אדער קנאביל, זאל מען ניט ארויס ציהען א ציבעלי |...| פון בונד אונ עסין, נייארט מדארף פריער אפ בינדן". דרך הישרים, | קעניגסבערג |. | טעקסט:בינד |. 3007

| ? |" א בונד שווארצע האר לאזן זיך איר פון קאפ אראפ". ווייס, א וואלדמיידל.

1928" א מידער האט זיך זאוול אנידערגעזעצט אויף א בונד שטרוי". אפא I, ווילנע, ז' 25. 3000

1951" זי | די באבע | פלעגט אויפעפענען די טיר מיט איינעם פון די שליסעלעך, וואס איז געהאנגען אויפן בונד שליסלען אין איר האנט". י. נ. שטיינבערג, זב ליטע I, נ"י, ז' 1310. 2978

4. ( אלט? ) איינבונד ( פון א בוך ).

1901" |...| האט צוגערוקט צו זיך א גראבן ספר אין א לעדערנעם בונד און האט אנגעהויבן אים איבערצו-בלעטערן". איש יהודי | לעאן ראבינאוויץ |, זש' בלעטער, נ' 18, פעטערבורג.

0 ארבעטער=בונד. % דער "אלגעמיינער יידישער ארבעטער=בונד" האט געפירט א ברייטע אויפקלערונג=ארבעט אויף יידיש.

1899" יעצט איז געקומען די צייט, אז דאס גאנצע ארבעטער=פאלק |...| זאל אנהייבן צופאדערן א חלק אין דער רעגירונג". אלגעמיינער אידישער ארבייטער=בונד אין רוסלאנד און פוילן |...|, זשענעוו. 2977

פעלקערבונד - די ארגאניזאציע פון די מלוכות וואס האט עקזיסטירט צווישן ביידע וועלט=מלחמות.

1951" זיי ברעכן |...| אלע זייערע צוזאגן, פארפעסטיקטע
אין דער דעקלאראציע צום |...| פעלקערבונד |...|". 2989
זב ליטע I, נ"י, ז' 147.

## בונט/בונד/פונט

←------- .1

... " ער הוט גישפראכן און אין זיינר תורה גישריבן.
// אונ' דער בונט זול אזו זיין גיבליבן". 3085
מלכים=בוך, פערז 780.

1679 " דאך מיט דיר וויל איך אייגן בונט אויף ריכטן".
י. בליץ, בראשית ו' - יח. 3092

1716" אונ' עש זאל זיין דער לייב פון מיינים הערן
איין גיבונדן אין בונט דען לעבינדיגן מיט גאט 2996
דיין הער". טהמ, שמואל א', כה - כט, [illegible]
ווילהרמרשדארף, דף נח - II.

←----- .2

1602" נוך דעם דר קיניג צדקיה איין פונט גימאכט האט מיט
דעם גנצי ואלק צו ירושלים איין וריי יאר אויז צו 3088
רופין". שעריר, לד - ח.

1686" |...| די ווייזן האבן גימאכט איין בונט אונ' דרום
פיל תענית גימאכט |...| דאז קיין מלמד ניט זאל
רייך ווערן". ס' משלים, פפד"מ, תמז, לב - I.
1767" |...| דז זיא זאלן מאכן איין בונט מיט אנגדר
צו טאן דיין ווילן". מהזור יו"כ |...| אויף טייטש, 2974
אמשט', דף עט - II.

.3 <---

1743" און׳ דער מוהל נאך דען בונד שליסל און׳ גיט זיין וועג". קה, פיורדא, דף כט - 2. 2991

1752" קיינר לייא גרין ווארג ארויש צו ציהן אויש דעם בונד וואש דער גערטנר גבונדן האט |...|". עלח, פיורדא, תקיב, יא, 3 - 4. 2990

0 בונד רימן. רימען, פאס וואס פארבינדט.

1716" דען פון איבג הער הום איך צו בראכן דיין יאך און׳ הוב צו ריסן דיין בונד רימן דז מען דאש יאך דר מיט אן בינט". סהמ II, ירמיה ב - כ׳, ווילהרמרשדארף, דף זב - II. | תי: מוסרות - בינדשטריק |. 3018

בונד II - דער, בא. געקירצטער נאמען פון דער יידישער סאציאל=דעמאקראטישער פארטיי, "אלגעמיינער יידישער ארבעטער=בונד אין ליטע, פוילן און רוסלאנד", געגרינדעט אין יאר 1897. % דער ערשטער צוזאמענפאר פון ׳בונד׳ איז פארגעקומען אין ווילנע. אין די צארישע צייטן איז דער ׳בונד׳ געווען אומלעגאל. פאר אנטייל נעמען אין א דעמאנסטראציע פון ׳בונד׳ איז ער פארשיקט געווארן אויף קאטארגע קיין סיביר.

1903" ׳איסקרא׳ טענהט, אז דער בונד ציט אפ קרעפטן |...| פון דער ׳אלגעמיין=רוסישער באוועגונג". 2973
אוטאנאמיע אדער פעדעראציע, אויסג פון בונד, לאנדאן.

1917" דער יידישער קלאסנקאמף איז געבארן געווארן אויף דעם׳ בונדס׳ הענט, ער איז געווען זיין אקושאר, זיין דערציער און זיין פירער". זשיט, VI, נ״י, ז׳226. 3003

1932" 'בונד' האט אראפגענומען ביי מיר די ארבעטער

| אויף א סטרייק |". בערג, באם דניעפער, 2981

מאסקווע, ז' 177.

1953 " אין איר ( אין דער קהילה ) זיינען געווען

פארטראטן אלע פארטייען ( אויסער'בונד' וועלכער 3006

האט דאן באיקאטירט די קהילות)". מ. מ. קאסיי,

יזב, [illegible] ברנוביץ, ז' 113.

קענסט מיך נאר מסרן אין בונד - "דער ווערטל

איז א לאנגע צייט געווען פאפולער ביי די ביאליס-

טאקער יונגע יאטן. ווען א חבר האט אויסגערעדט דעם

פריינד פאר וואס ער האט ביי די וואלן געשטימט פאר

די רעכטע, ענטפערט אים דער לעצטער: קענסט מיר נאר

מסרן אין בונד". א פרומער בחורל מוסרט זיין חבר

פאר וואס ער גייט ניט יום=כיפור דאווענען, ענטפערט

ער: " קענסט מיר נאר מסרן אין בונד." דעם ווערטל

פלעגן חברים ארויסזאגן בכדי זיך ניט קריגן און

ניט צעשטערן די הארמאניע פון פריינדשאפט ". | קטוו |.

ב ו נ ד אָ ו י ע ץ - ---> בונדיסט.

ב ו נ ד אָ ו ק ע - ---> בונדיסטקע.

ב ו נ ד ו יי ז - אדוו. ( [illegible] ) אין בינטלעך,

פעקלעך, א סך | בונד = בונט |.

|1833|" דר מענטש בדארף מערין אלי יאר בונד ווייש

מצות". הרב אליהו כהן מאזמיר, שבט מוסר, 3012

סדילקאב, תקצ"ג, פרק ט', דף נג/2.

... " אויף איטליכר זאך האט ער בונד ווייז ראיות".

דצוו פרק יד, דף יב/1.

ב ו נ ד י ו ז ש נ י ק - ----> בינדיוזשניק.

ב ו נ ד י ז ם - דער, בא. די טעאריע און פראקטיק פון דער יידישער ארבעטער=פארטיי "בונד" .

% דער בונדיזם האט געזען די לייזונג פון דער יידן=פראגע אין דעם קאמף פאר א סאציאליסטישער ארדענונג. די קאמוניסטן האבן באקעמפט דעם בונדיזם מיט אלע מיטלען.

1912" |...| דאס באווייזט |...| אז דער בונדיזם
שליסט פון זיך ניט אויס דעם ציוניזם". זשיט IV, 3027
נ"י, ז' 55.

1951" די יידישע פאלקסמאסן זיינען שוין צו דער צייט,
ווען עס האבן זיך גענומען אויסשפרייטן דער ציוניזם 3026
און דער בונדיזם, שוין געווען גרייט אויסצוטיילן
פון זיך א געוויסע צאל אינטעליגענטע לעזער".
שנ, זב ליטע I, נ"י, ז' 1055.

ב ו נ ד י ס ט - דער, =ן, ווג בונדיסטקע, =ס. פ
(אָ)
פפ:/ בונדאָוו(י)עץ, מצ בונדאוווצעס, ווג בונדאוווקע, =ס. אנהענגער פון דער אידעאלאגיע פון דער פארטיי "בונד", מיטגליד פון דער פארטיי "בונד". ער איז א געטרייער בונדיסט נאך פון 1905. די בונדיסטן נעמען אנטייל אין דער מאי=דעמאנסטראציע. איין בונדאווועץ איז געווארן ארעסטירט און פארשיקט קיין סיביק.

1929" דער בונדיסט זאגט צו צו אגיטירן צווישן די
ארבעטער". בעמ, III, ווארשע, ז' 154. 3033

1932 " אין יענטלס ווינקל זיצן שוין אלע אלטע בונדאוווקעס".
רעד' אקש, זב דער וועג פון פאראט, מאסקווע, ז' 115. 3023

1947" די פארוואלטונג איז באשטאנען פון פינף פאר-
3022 אייניקטע, צוויי פועלי=ציון און איין בונדאוועץ".
רעד׳ ר. מאהלער, יזב טשענסטאכאווער יידן, נ"י,
ז׳ 73.

1951" דער שטאנדפונקט פון די בונדיסטן איז געווען,
3030 אז די רעליגיעזע פונקציעס זאלן אפגעטיילט ווערן
פון דער קהילה=אינסטיטוציע". ג. אראנסאן, זב ליטע I,
נ"י, ז׳ 221.

בונדיש - אדי. וואס איז פון (וואס געהער, איז שייך צו) דער פארטיי "בונד". בונדישער זשורנאל. בונדישע ארגאניזאציע. די בונדישע ראטמענער אין שטאטראט האבן געפאדערט סובסידיעס פאר דער יידישער שול.

1932" דערווייל פלעגט א ניי געקומענער בונדישער
3038 רעדנער פרובירן ארויסשטעקן דעם קאפ". רעד׳ אקש,
זב דער וועג פון פאראט, מאסקווע, ז׳ 103.

1947" די בונדישע וואכן=צייטונג איז דערשינען מיט
3037 גרויסע הפסקות |...|". רעד׳ ר. מאהלער,
יזב טשענסטאכאווער יידן, נ"י, ז׳ 99.

?נ? בונדל - דאס, =עך. פֿקפֿ פון בונע | דיאל (מאַרמאַרעש) ארויסרייד פון באַנע |. פאסאליע.

1968" אנדערע גרובן | גראבן | אויס |...| ריבלעך,
3012/א באַרייסן די בונדלעך, קלויבן צונויף פון דעם
גורטן | גארטן | די דיניעס". ש. רוזמן, יזב
קרפטורוס - מרמרש, רחובות, ז׳ קעט.

ב ו נ ד ס ל יי ט - מצ, די פארבינדעטע, אליאנטן (אלײַירטע), אנגעהעריקע צו איין בונד, אליאנץ.

1941" און זיי זײַנען געווען בונדסלייט פון אברמען".

3014 תי, בראשית, יד - 13.

ии: бунда; P: bunda

ב ו נ ד ע - די, =ס.

1. פפֿ: באנדע, בינדע (<---) לאנגער און ברייטער מאנטל פון דיקן געוואנט. % דער בעל=עגלה איז געזעסן אויף דער קעלניע, אנגעטאן אין א בונדע.

1949 „געסטריגעװעט מיט ווייסן פאדעם צווישע מאנטלען, בונדעס אזוינע". א. מ. פוקס, גק, ב' 3, ז' 61. 3041

2. "לאנג און ברייט קלייד פון א פרוי, לויז און גלאט געניייט, אן א פאסעק" | קטוו |.

" אנגעטאן גייט זי, די כלה |...| עפעס מאדנע, 1900-1909 איין א לאנגן קאפאט, א בונדע אזעלכע". שע. 3043 מנחם=מענדל, ס'פידלט נישט, ציט אויסג [illegible] ווארק, ב' VII, 1944, ז' 195.

1957" די זנאכערקע |...| אין א לויזער גרויער בונדע, האט זי אויסגעקוקט גאר וואכעדיק". ברוס, שטילע ערד, נ"י, ז' 44. 3045

3. „אין איקראינע יאר 1917 האט דונדע גמיינט א לאנגע ווייטע קלייד אדער א העמדל" [קטוו]

" די פור טראסקעס |...| און אונטער דער 'סידעניע' | זעסל | ביי מיינע פיס ליגן אין א פעקעלע מיינע העמדער און מיין בונדעלע". אי. קיפניס, מיין שטעטעלע סלאווועשנע, ת"א, ז' 277. 1971

4. (איר) אויף יעדן בגד, וואס איז צו לויז, לאנג, ליגט נישט גוט. % טו זי אויס, די בונדע, 13 זעסט אויס אין דעם קלייד ווי אן אלטע יידינע!

(?נ?) ב ו נ ד ע ס=ק י נ ד ע ר - מצ. ( ארכ? דטשמ? )

אנגעהעריקע צו א בונד ! ב״2, אליירטע, בני=ברית.

3060 1885 „פֿאַראייניקטער אָרדען בּני ברית, ... [לאַחדות] שוועסטער |...| פון דיינע בונדעס=קינדער". יוצר

ליום א׳ של ר"ה, ז׳ 83.

(ק.נ.) ב ו נ ד ע ס ר א ט - דער, =ן. אין דייטשלאנד - דער

פעדעראטיווער ארגאן פון דער געזעצגעבערישער מאכט;

אין דער שווייץ - די העכסטע עקזעקוטיווו =מאכט,

וואס פירט אויס די פונקציע פון רעגירונג פארן גאנצן

לאנד.

1864" איצט ווערט שוין צוזאמענגערופן, דער בונדעסראט

3061 פון די קאנטאנס |...|". קו, נ׳ 51, ז׳ 772.

ב ו נ ד ש א פ ט - די, בא. ( שנש ) אליאנץ.

1959" צי זענט איר ניט געווען מיט אים // איין בונדשאפט

3063 פון פארניכטער?". הל, לידער צום אייביקן,

נ"י, ז׳ 119.

(?נ?) ב ו נ ה | בוינע | - דער, מצ בונים | בוינים |. (???)

בויער.

1875 " איבער דעם ווערן די תלמידי=חכמים אנגערופן

3202 בונים, אזוי ווי די הייליקע גמרא זאגט אל תקרי

בניך אלא בוניך - דען זיי בויען שטענדיק". -

|?|, מעשה פליאות !!, ווארשע, דף י"ט.

1961" צי איז אבער גענוג צו קענען |...| דעם בנין,

2970 בכדי צו האבן א קלארע השגה פון דעם בונה?".

א. שטיינבערג, גק, נ׳ 39, ז׳5.

?נ? בונה ירושלים | בוינע יערושאַלאַים | - דער וואס בויט ירושלים.

| ? |" דוד און שלמה האבן איינגעפירט " בונה ירושלים".

3064 זאלקינד, | איבז פון תלמוד |, ברכות, מח/ב, 168.

בונה עולמות | בוינע אוילאָמעס | - בויער, אויפשטעלער פון וועלטן.

1957" דער | אלטער | רבי איז געווען א בונה עולמות".

לדב, נ"י, קל"ב.

ב ו נ ז | בונדז? | - די, =ן, גענוצט מער אין

פּקפּ בונזל, דאס, =עך. ( לאקל קארפאטן=געגנט

סאבאר-מורקא, סקאלע, סטרי ) " בונז מיינט א פריש

3066 אפגעווארעמט קעזל פון שאפענע מילך. די בונז וועט

עס ליגט א פאר טאג דאן ווערט עס איינגעקנעטן אין

א פעסל און עס ווערט דערפון ברינזע"א | קטור |.

?נ? ב ו נ ז ע ן = ב ר ע נ ע ר - דער, =ס. | טערמינאלאגיע פיזיק די נייע שול ווילנע, 1920 |. אפאראט וואס גיט די מעגלעכקייט צו באקומען א באזונדערס הייסן פלאם פון ליכטגאז און א ריח, מיט אדער אן א קאליר.

1944" דער בונזען=ברענער איז פון די נייטיקסטע |...|

3069 אפאראטן אין אלע לאבאראטאריעס". ענצ, V, נ"ן, ז׳ 332.

ב ו נ ט ! - דער, =ן/בינט, מער גענוצט אין פּקפּ בינטל,

עלטערע פארמע | נאר שרייבונג? | בונד, בינדל

1. אנזאמלונג, צונויפנעם ( ס׳רוב ~~צונאמען~~

צוזאמענגעבונדן, אויפגעצויגן אויף א שנור אע )
פון געוויסע זאכן. % א בונט שטרוי. א בינטל ציבעלעס.
% די באלעבאסטע טראגט א גאנצן בונט שליסלען.

" די מרגלים טראגן אויף דראנגען א גרויסן בונט
ווייַנטרויבן". עט, סערקעלע, ציט אויטג ווילנע 3070
1925, ז' 416.

1864" אונדזערע יעציגע | איצטיקע | בילדונג האט אויס-
געשלאגן א טייערן הוט און איינע אטלעסענע סאלאפע 3074
און א בונט פערל". אמד, די שטיפמוטער,ווארשע,
ז' 56.

1955" דער פלאקס ליגטביים אויוון // געוואשן אין
בינט". מל, לידער און באלאדן I , נ"י, ז' 201. 3097

2. ( זב ) באַנד, שטריק, עפעס וואס בינדט, פענטעט.

1942 " ס'וויל משיח זיינע בינט צערייסן". ייש,
העברעישע פאעזיע, נ"י, ז' 356. 3096

א בונט מיט יארן - א לאנגע צייט. איך האב דיך
שוין ניט געזען א בונט מיט יארן.

ם בונט/פונט.
1.

1610" עז איז גלייך ווען דא איז איין גרושר פונט מיט
רעריך דא איז קיין מענש אויף ערדן דער זיא צו ברעכן 3078
קאן, אבר ווען איקליכש | איטלעכס | רעריך ביזונדר
איז דא קאן עז איקליכש קינד צו ברעכן". טח, מדרש,
דברים כט - ט.

1711" |...| דא נעם דאש בונט כתבים אונ' גיב עש לחברייא
צו די מקובלים דיא דא ווישן דיא סודות פון רוחות 3076
הצדיקים". נצח שמות, ד/ג, פפד"מ.

1746" נון דער איין היים גייט מיט זיינם בונט געלט
דש ער גיוואונין האט |...|". משה אייזנשטט, 3114
דרך הישר |...|, בומבורג, תק"ך.

ב ו נ ט II - דער, =ן. 1. סטיכישער אויפשטאנד, ארויסטריט מיט גוואלטמיטלען קעגן דער מאכט, הערשאפט אע; מרידה, רעוואלט. % דער בונט פון די שקלאפן אין רוים, בעת דעם בונט פון די פויערים האט מען פארברענט א סך פריצישע גיטער. די פארשפארטע אין תפיסה האבן אויפגעהויבן א בונט - צעבראכן דאס מעבל, אויפגעהאקט די טירן און געשלאגן די וועכטער.

1884" איך האב געוווסט, אז אין אונדזער מדינה איז
ניט געווען קיין בונטן אין יענע צייטן ". 3108
איבז ראם, דער איינגעלשער גענעראל, ווארשע, ז' 20.

1940" צערייצט פון נאך די |...| בונטן |...| וואס די
איסקראוועס האבן געמאכט אין אן ארטיקער טורמע, 3107
איז מען געקומען צונעמען | ארעסטירן | שאליקאן".
בערג, באם דניעפער II, מאסקווע, ז' 11.

1949" זינט דעם בונט |...| וואס האט אים שיער דאס
לעבן געקאסט, האט ער געווארפן אן אומחן אויף זיין 3102
געבורטס=שטעטל". זש. קיסר און רבי IV, נ"י, ז' 97.

1963" אויך פון א צאל לאגערן אין ווייטרוסלאנד |...|
האבן מיר אומספקדיקע ידיעות וועגן ארגאניזירטע 3089
בונטן". ישעיה טרונק, צוק, נ' 4.

2. שארפער ווידערשטאנד, קעגנשטעלונג, פראטעסט קעגן עמעצן אדער עפעס. % דער בונט פון דער יוגנט קעגן צוואנג פון די עלטערן. בונט קעגן אלטן שטייגער=לעבן. די יונגע מאלערס זיינען ארויס אין א בונט קעגן די פארעלטערטע קונסטפארמעס.

ב ו נ ט !!! - אדי/אדוו. 1. פילקאליריק, פארשיידנ-
פארביק. % א בונטער טעפעך, די לאנקע איז באדעקט
מיט בונטע בלומען. די פויערטעס טראגן בונטע שאלן
און טיכלעך.

1810" |...| זאל דער זעלביגער ביט דערפן קומן מיט
|...| רונדי הוד | הוט |, בונד הלז טוך |...| 3115
ווייסע הויזן |...|". תקנות דחברה קדישה |...|".
באמשטרדם, תק"ע, דף ו/2.

1930" אין די בונטע [illegible] באמאלטע זאלן // גייט
א טאנץ פון קאניבאלן". דא, וויאלעט, פאריז, 3115/א
ז׳ 104.

1948" די בונטע קאלירן פון קליינע מאטילן // |...|
איך האב צו די זאכן מיין נייגיר, מיין ווילן". 3160
סעג, איצטער, נ"י, ז" 64.

2. העל, שטארק אין דעם קאליר, שרייענדיק. % די פארבן
אויף דעם בילד זיינען צו בונטע, רייסן ממש די
אויגן. א בוקעט בונטע [illegible] געלע כריזאנטעמען.

... " רויטע רויזן, בונטע קעפ // שמייכלען פון די
בלומענטעפ". יוסף יפה, ציט ווינפי !!!, נ"י, 3103
1956, ז׳ 316.

1903" איר האט מיר מיט בונטע פארבן געשילדערט מיין
צוקונפט". ע. בלאשטיין, דער נייא מאדישער חתן, 3099
ווילנא, ז׳ 115.

1949" אין די גרינע פיין געשטיקטע בלעטער פלעכט זיך
איין א בונטע רויטקייט, פייערלעך רויט". סעג, 3104
מיינע זיבן יאר |...|, ב"א, ז׳ 126.

3. (פיג) פארשיידנמיניק, פון פארשיידענעם אפשטאם, כאראקטער, באטייט אע. % ס'האט זיך צונויפגעקליבן א בונטע חברה יוגנט פון פארשיידענעם עלטער און נאציאנאליטעט.

1931" א בונטע מאסע סטודענטן האבן ארומגעקלעפט די טישן". רעד' אקש. 14 אקטיאבערס, מאסקווע, ז' 198. 3098

1948" |...| אין די ווארצלען פון א בונטן אידיאם זיך מיט התלהבות גראבט א בעל=גראמאטיק". פמ, 3105
[illegible] מאסקווע, ז' 293.

1966" |...| אט דא, ביי דער בונטער פארבלענדעניש, וואלט גרינג זיין |...|". האל, מיין אוצר, 3106
מאסקווע, ז' 53.

|| = קייט - די, בא. פילקאליריקייט, פארשיידנ- פארביקייט.

1936" ארום און ארום איז געווען הארבסט, א העלער, א פיבערדיקער. אין דער בונטקייט פון דער באפארבונג 3196
|...| איז געווען א בענקענדיקע דערהויבנקייט פון אפשייד". איבז ב. מארשאק, אי. ערענבורג. דער טאג דער צווייטער, קיעוו, ז' 179.

1972" הגם די בילדער האבן אפגעמאלן דאס לעבן אין געטא |...| זיינען אבער די פארבן געווען אפטימיסטיש, 3197
ליכטיק |...| אז די ווענט זאלן דערמאנען אן דער בונטקייט פון דארפישע טעפעכער". ח. ראזענפארב, בוים פון לעבן III, ת"א, ז' 462.

0 בונטפארביק - אדי. | דזוו בונט ב1.

בונטפארבן - טרוו | מארק רוב 1384, סטוטש 304 |. אויסמאלן, אויספארבן עפעס אין פארשידענע קאלירן, פילפארביק.

בונטשטריך - דער, =ן. (מאליערייַ), דאס שלעקל פון הויפטשלאק" | ש. ווינטער, צו דער טערמינאלאגיע פון מלאכות, פש II, ווילנע, 1930, ז' 424.

בונטע צרות - א סך צרות פון פארשיידענעם מין. | ב. ראבאק, יישפ. XIII-1, 1953, ז' 26.

ם ---> 1.

1679" אונ' די בונטי אונ' גיפלעקטי ציגן, וואש נון בונטא אונ' גישפרענקלט פאלין ווערט, דאש זול מיין לון זיין". י. בליץ, בראשית ל/ לב. 3081

1726" איין גריך מיט בונטי בלומן שלאף ראק |...|" פנקס קהילת אה"ו, כרוז פ"ו, תפ"ו, צ"ט ייבל XXXIII, 1949, ז' 121. 3077

ב ו נ ט א ו נ י ק - ---> בונטאווששיק.

(רוסיש)

ב ו נ ט א ו ש ט ש י ק - דער, =עס, אויך בונטאווששיק, זן בונטאווניק. (פויליש) 1. אנטיילנעמער אין א בונט; רעבעל, דער וואס שטעלט זיך קעגן דער מאכט, הערשאפט. % די פויערים בונטאוושטשיקעס פארשיקט קיין סיביר.

R: бунтовщик, P: buntownik

1863" |...| האט דעריבער פארשטעלט דעם וועג די בונטאוושטשיקעס, זיי זאלן ניט קענען ווייטער אויסברייטערן די רעוואלוציע צו מערב=זייט". קמ, נ' 31, ז' 484. 3120

1907" דריי בונטאוושטשיקעס זיינען געהרגעט געווארן אויף טויט". שע, איך שטורם, ציט אויסג, ווילנע 1925, ז' 159. פאלקס שריפטן, נ"י, 1944, ב' III, ז' 159.

1970" דער רב האט געהייסן, אז מע זאל שרייבן: אז דער
לערער איז א בונטאַרשטשיק און א רעוואלוציאָנער 3121
דערצו, על=כן בעטן זיי מען זאל אים תיכף ארויסשיקן
פון דעם שטעטל". א. פייוועלאוויטש, יזב זלאטשעוו,
ת"א,

2. (פיג) א מענטש וואס איז פון דער נאטור א ווידער-
שפעניקער, וואס איז נוטה שארף זיך קעגן צו שטעלן.
% די סטודענטן זיינען אייביקע בונטאַרשטשיקעס,
תמיד פראטעסטירן זיי קעגן עפעס.

1837" דער|ווייל איז גאר איין נייאיר רעדילספיהרער
אויף גיקומין און איהם האבין די היציגי און שטורמישי 3116
לייט בירושה רעכט גיגעבין איין בונטאַווניק צו
זייך". | אנאנים |, איין קיצור פון דער מעשה
פון דיא יודין, ווארשא.

|| בונטאַרשטשיצע - די, ס. ווב פון בונטאַרשטשיק.
% דאס שווערע לעבן האט זי געמאכט פאר א בונטאַרשטשיצע.

ב ו נ ט אַ צ י ע - די, =ס. (אַרכ) פארשווערונג,
בונט.

1872" עס פלעגט זיך זייער אפט מאכן דארט פארשווערונגען
(בונטאציעס)". אמד, דער פלעט אויף שבת, ווילנע, 3128
ז' 18.

ב ו נ ט אַ ר - דער, =ן, =עס. 1. אן אנטיילנעמער
אין א בונט. % די מרידה האט מען דערשטיקט און
די אנפירנדיקע בונטאַרעס האט מען פארמשפט צום טויט.
מיט העק און קאסעס זיינען די בונטאַרעס באפאלן דעם
פריצס הויף.

בו – 265.

"1904 ביי די בונטאַרעס האָט זיך אַ צו שטאַרקע ליבשאַפט צום בוך געדעכנט פֿאַר אַ פֿעלער". | איבן ?|, 3146

ג. פלעכאַנאָוו, דער רוסישער אַרבייטער אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, זשענעוו, ז׳ 7 – 8.

2. אַ מענטש וואָס איז בטבע אַ פּראָטעסטירער, אַ קעמפֿער, וואָס לאָזט זיך ניט באַצווינגען. % פֿון קינדווייז אָן איז ער אַ בונטאַר און טרעט אַרויס קעגן יעדער עוולה. אַן אייביקער בונטאַר – קעמפֿט ער קעגן אַלץ און קעגן אַלעמען.

"1935 ער איז געווען אַ בונטאַר... שטענדיק נישט צופֿרידן מיט דער מאַכט". מ. אַלטמאַן, די ווינער קאַרעטע, בוקאַרעשט, ז׳ 156. 3132

"1953 אין דער שטיצע מצד די פֿירשטן וואָלט פֿון לוטערן געוואָרן דאָס, וואָס ס׳איז געוואָרן פֿון אַ צאָל אַנדערע בונטאַרן און אַפּיקורסים |....| ". גרינב, איד און וועלט, נ"י, ז׳ 155. 3133

"1968 דערמאָנענדיק מיין ברודער דעם עקשנותדיקן בונטאַר און קעמפֿער פֿאַר גערעכטיקייט, דאַרף איך אויך אין קורצע שטריכן איבערגעבן וועגן אונדזער שטוב".
א זשעלאַזני, יזב אַטוואַצק, ת"א, ז׳ 1047. 3131

|| קע= – די, =ס. ווּמ פֿון בונטאַר.

"1957 זי איז געווען אַ בונטאַרקע ". ברוס, שטילע ערד, נ"י, ז׳ 126.

ב ו נ ט אַ ר י ש – אַדי. וואָס איז ( ווי ) פֿון אַ בונטאַר, וואָס איז אין דער טבע, אייגנשאַפֿט פֿון אַ בונטאַר.

1904" איך בין דאן געווען שטארק דורכגעדרונגען פון
בונטארישע אנזיכטן | אידעען |". | איבז, 1366,  3146
ג. פלעכאנאוו, דער רוסישער ארבייטער |...|,
זשענעוו, ז' 7 - 8.

1938" ביז מען ווערט היימיש מיט אזא בונטאריש=פאעטישער
נאטור נעמט א שטיקל צייט". מאנ, נאענטע געשטאלטן, 3143
ווארשע, ז' 381.

1965" אויפן 26סטן יאר פון זיין בונטאריש לעבן האט
משה=לייב ליליענבלום |...| זיך אפגעטראגן קיין 3143
אדעס, וווּ ער איז געווארן דער פיאנער פו דער
חיבת=ציון=באוועגונג". ד. טשארני, זב ליטע II;
ת"א, ז' 413.

||=קייט - די/דאס, בא. די אייגנשאפט פון א בונטאר;
אומהכנעהדיקייט, קעמפערישקייט, נטיה צו פראטעסטירן,
ווידערשפעניקן.

1930" דאס ליטווישע באשיידענע שטעטל |...| צעשפרודלט
זיך מיט א מאל מיט יוגנטלעכן ברען |...| אידעאליזם, 3151
בונטארישקייט און דראנג צו באנייונג". [?] [?]
מיר אליין, קאוונע, ז' 45.

1952" [...] צעלאזענע פענער און צעשאלטע פאנפארן פון
בונט און בונטארישקייט". ייט, פוילן VI, נ"י, 3148
ז' 103.

1967" די סטרונע פון בונטארישקייט גייט אדורך ווי
א רויט שנירל אין אלע ערשטע לידער פון אלעקסאנדער 3130
פעך". זש' פאריזער צייטשריפט, נ' 17, ז' 122.

ב ו נ ט ע ו ו נ י ק - דער, =עס. | ל II |. דזוו
בונטאוושטשיק, [?] 3168,3167

בּ׳ונטעווען - טרוו. 1. רופן, אגיטירן צו
א בונט ( רעוואלט ), וועקן אומצופרידנקייט,
אויפרודער, פראטעסט קעגן דער מאכט, ארדענונג.
% אין די דערפער האבן זיך באוויזן מענטשן, וואס
בונטעווען די פויערים קעגן די פריצים. די גלחים
האבן געבונטעוועט די קאזאקן קעגן די פאליאקן און
יידן.

1887" זי האט אזוי לאנג געבונטעוועט, ביז וואנען עס
האבן זיך צונויפגעקליבן א סך ווייבער און גרינע 3193
איז מיט אלע אריינגעפאלן אין קאמיטעט". ש. בעקערמאן,
דער זשענסקער וואפראס, אדעס, ז' 38.

1939" ער זאל מערער שוין דאס פאלק ניט בונטעווען,
ער זאל מערער שוין דאס פאלק ניט אויפקלערן". 3172
[illegible] רעד' אקש, דאס געזאנג פון די פאלקער,
מאסקווע, ז' 11.

2. ( פיג ) ארויסרופן אומרו, צערודערונג. % די פלאמיקע
רייד האבן געבונטעוועט זיין נשמה, צעשטורעמט
זיין געמיט.

1924" א באראכטיקונג אויף זיינע בונטעווענדיקע רעיונות
איז אים צוגעטראגן געווארן פון אזא אנגעפייערטער 3170
וועלט". זש' כאלאאסטרע II, פאריז, ז' 54.

3. אומטוו. מאכן א בונט, אנטיילנעמען אין א בונט
( רעוואָלט); בונטעווען זיך ( ---> בו 1 ).

1928" און גיך וועט אונדזער פאלק זיך פרייען, // און
ווידער בונטעווען פארשיים". אי. פעפער, עליעס טויט, 3174
קארקאוו, ז' 24.

בונטעווען זיך - אומטוו. 1. מאכן א בונט, אנטייל
נעמען אין א בונט ( רעוואלט ) קעגן דער מאכט,
קעגן הערשאפט אע. % די שקלאפן בונטעווען זיך.
די פעלקער פון אפריקע האבן זיך געבונטעוועט

קעגן די קאלאניאלע רעזשימען.

| 1815 |" |...| אונ הט גזאגט דעם מלך אז מען הט זיך
3180 אוף אום | אים | גבינטשטוויט". מעשה נסים | ז' 3/16 | .

1884|...| ווייל אין אונדזער מדינה בונטעוועט זיך
ביז [illegible]
3182 דער נאראד ~~ביז אזעלכע~~ גרענעץ". איבז' ראם,
| מחבר? |, דער איינגעלשער גענעראל, ווארשע,
ז' 20.

1949" מיר זיינען פרידלעכע מענטשן, בונטעווען זיך נישט".
[illegible]
3171 ייז, נ"י, ז' 56.

2. אויסדריקן ווידערשטאנד, ארויסווייזן אקטיווע אומצופרידנקייט, אומאיינשטימיקייט מיט עפעס.

% די יוגנט בונטעוועט זיך קעגן דער אפוטרופסות פון די עלטערן. עפעס האט זיך אין אים געבונטעוועט קעגן דער אוממענטשלעכער באציונג.

1868" שבת=תשובה האבן זיך די ווייבער געבונטעוועט,
3178 ער זאל ניעפרעמענא | אומבאדינגט | דאווענען, זיי
וועלן אים באפרידיקן" קמ, נ' 36, !!! - 269.

1936 " |...| וואס א מיידל דארט נעמט זיך בונטעווען
3184 קעגן אים". ייז, ברידער אשכנזי, ווארשע, ז' 147.

1949 " די קולטור=שאפנדיקע כוחות אין דער געזעלשאפט
3183 בונטעווען זיך |...| קעגן דעם צוואנג פון די
אויבל י. בירנבוים,
מאכט=פאליטישע קערפערשאפטן". ר. ראקער, נאציאנאליזם,
און קולטור". ב"א, ז' 108.

1974" אויב מען דארף זיך מקריב זיין יעדע מינוט פון טאג, יעדן טאג - א גאנץ לעבן, אפילו אזא ווי דער רב וועט זיך בונטעווען קעגן דעם. י. עלבערג, אויפן שפיץ פון א מאסט, מאנטרעאל, ז' 375.

ב ו נ ט ע ר  פ י ק ה א ל ץ - (פֿויגל) פויגל, אַנדערש בוימפּיקער, גערופן אזוי צוליב דער בונטער באַפאַרבונג פון זיינע פעדערן.

R: пестрый дятел

1924" דער קאליר פונעם בונטן פיקהאלץ מאכט פולקום רעכט זיין נאמען. דער פיקהאלץ איז ווי געהעריק צוגעפאסט צום לעבן אויףביימער". איבז ד"ר איסעל, אטא שמייל, זאאלאגיע, ווילנע, ז' 77. 3161/א

ב ו נ י מ א ו ו י ט ש - יידישער פאמיליע=נאמען. (נ?)

רייך ווי בונימאוויטש - זייער רייך. | סטוטש 497|. 3204

באם: דאכט זיך אין ווילנע געווען א פאבריקאנט אזא?

ב ו נ י(ע) - מענלעכער נאמען, פארצויגן פון בונעם. אויך פרויען=נאמען.

פון בוני(ע)ן צו שמוני(ע)ן ( אויך פארקערט ) ארומגיין, ארומשלעפן זיך, לויפן - א) גיין פון איינעם צום אנדערן סתם, אן א באשטימטן ציל. ב) ארומטראגן רכילות פליאטקעס. ~~[illegible]~~

..." איך האב שוין ניט געקענט איינזיצן קיין מינוט אויף אן ארט, איך האב זיך ~~[illegible]~~ געשלעפט פון בונין צו שמונין". ממוס, אין א שטורעם צייט...ז' 29, צייט' אויסג' מענדעלי, 1912, וו ווארשע...ב' XVI, ז' 29. 3200

1909 " |...| לויפט פון שמונין צו בונין". שע, כתבים פון א קאמיוואיאזשאר, צייט אויסג , ווילנע 1926, ז' 160 [?]

ב ו נ פּ צ י ג ---> פּופּציק ( --> ).

ב ו נ ק ע - די, =ס. | ווייבערליש. ( לאקל, ביאַליסטאָק, גראָדנע, בריסק ). אַ שטוב=כלי פֿון ליים, קופּער אַע. (אין קרוג)
% אַ בונקע מיט וואַסער.

1945" בונקע - " אַ מעשענע אָדער קופּערנע כלי מיט אַ קליינעם העלדזל פֿאַר הייס וואַסער". ר. נעוואַדאָווסקי, יישפּ V - 2, ז' 47. 3223

1945" דוואַשע וועקט זיך |...| גייט און קומט צוריק מיט דער בונקע טיי און גלעזער". מבא, דער גייער, נ"י, ז' 197. 3217

1953" אַ בונקע אויף גאַזע ( נאָפּט צו די לאָמפּן )". פּ. מעלאַמדאָוויטש, יישפּ XIII - 1, ז' 25. 3222

ב ו נ ק ע ר - דער, =ס. 1. דער קוילן=לאַגער אין אַ דאַמפּשיף אַע. % אין פּאָרט האָט מען אָנגעלאָדן אַ פֿולן בונקער קוילן און דער דאַמפֿער איז אַרויס אויפֿן ים.

1936" און ווען עס איז קיין טאָרף ניטאָ, הונגערן די בונקערס. אי. כאַריק, קיילעכיקע וואָכן, מינסק, ז' 109. 3238

2. אונטערערדיש שוצאָרט, ס'רוב פֿאַרשטאַרקט מיט בעטאָן; בלינדאַזש. % דער שטאַב איז אַראָפּ אין בונקער בעת דער באָמבאַרדירונג. % די ראַקעטע איז אין אַ טיפֿן בונקער.

3. ( שגל ) באַהעלטעניש, מקום=מקלט, וואָס ייִדן האָבן זיך געמאַכט זיך אויסצוהיטן פֿון די דייטשע נאַציס בעת דער II וועלט=מלחמה.

1957" בונקער - באהעלטעניש. |...| בונקערס האט מען
3244 געבויט אין הויז, אין שטאט, אין די וועלדער".
וואסערע שווריקייט די דייטשן האבן טיילמאל געהאט
ביים אויפדעקן א בונקער, איז צו זען פון באריכט
פון עס=עס= און פאליציי=פירער אין דיסטריקט
גאליציע |...|, צום באריכט זיינען צוגעלייגט
פאטאגראפיעס פון די קאמפליצירטע בונקערס".
בלום, יישפ XVII- 2, ז' 59.

1968" ערגעץ אין א פעלד מיט שניי באדעקט, אין א גרוב,
3243 א בונקער |...| האט ער פארשטעקט שרהן זיין ווייב
מיטביידע קינדער". א. זשעלאזני, יזב אטוואצק,
ת"א, ז' 140.

1970" אין בונקער זעצט פאר רינגלבלום זיין היסטארישע
3226 ארבעט". רעד' ר. מאהלער, [illegible] סאנץ, ת"א, ז' 651.

4. ( שגל ) א צעל פאר באשטראפטע אין קעלערן פון
קאנצענטראציע=לאגער.

1957" |...| געווען א שטייבונקער, ווו מע האט געמעגט
3245 בלויז שטיין; א וואסער=בונקער, ווו מע איז געשטאנען
איבער די קני אין וואסער; אין פלאשאווער לאגער
איז געווען א זיצבונקער און א ליגבונקער".
ציט בלום, יישפ XVII- 2, ז' 59.

0 געווער=בונקער +( שגל ) שוץ=באהעלטעניש פון
געווער וואס די ווידערשטאנד=גרופעס פון יידן אין
די געטאס בעת דער II וועלט=מלחמה האבן געזאמלט.

1947" דעם 25סטן יוני 1943 האט די געסטאפא |...|
3250 געמאכט אן איבערפאל אויף די געווער=בונקערס
אין טונעלן ". מ. קושניר, יזב טשענסטאכאווער יידן,
נ"י, ז' 226.

ב ו ס - דער, =ן. ( אמ/שש ). פארקירצט פון אויטאבוס/ אמניבוס. % א פולער בוס מיט פאסאזשירן, פלינק כאפט ער זיך ארויף אויפן בוס.

ב ו ס אַ ל - דער, =ן. ( פא ) געאדעזישער אינסטרו- מענט צו מעסטן די ווינקלען ביי טאפאגראפישע ארבעטן. | טערמינאלאגיע פיזיק, נייע שול, ווילנע, 1920|.

1932" אט דאס זיינען די בוסאלן, - ער נעמט א קיילעכדיקן

קאמפאס |...| - קוק, אט אהער, דארטן ציילן זיך 3261

די גראדוסן". ש. ברעגמאן, דורך קריג און רעוואלוציע, אדעס, ז' 26.

P: bosak

ב ו ס אַ ק I - דער, =עס. ( לאקל? ) דזוו באסאק.

" די פעטערס אין נעפל מיט לאנגע בוסאקעס שפרייזן 1920

אויף פליטן ". מק, רייסן, פאעמען, ווילנע. 3264

.........................................................

באמ: מיגלעך, ס'איז בכלל גרייזיק געשריבן,

.........................................................

רחקום באסאק

ב ו ס אַ ק II - דער, =עס. ( לאקל? ) דזוו בוציאן/ באציאן.

1931" ווי א בוסאק אין פעלד, פארווארפט די קאפ דער

סיגנאליסט וואס טרומייטערט איצטער |...|". 3263

ש. ברעגמאן, דורך קריג און רעוואלוציע, אדעס, ז' 336.

ב ו ס אַ ר (ד) - דער, =ן. ( זאאל ) רויבפויגל (צייכענונג:ענצוו |. 247 סטוטש | Engl: Buzzard ז' 170 ).

0 לאנקע=בוסאר. אדלער=בוסאר.

R: басурман

ב ו ס ו ר מ אַ ן - דער, | =עס? |, פּפּ: באַסורמאַן. ?נ?

( פּעיאַ ) אנדערשגלייביקער, אומגלייביקער, ס׳רוב 3270-זש

געניצט דורך קריסטן לגבי א מוסולמאַן, מאַכמעדאַנער.

|| בוסורמאַניש - אַדי/אַדוו. שײַיכדיק צו בוסורמאַן.

1944 " |...| א זומפּ-קדחת - אָן אַפּטע דערשיינונג

אינעם ׳בוסורמאַנישן׳ געגנט, פון וועלכער א סך

פּראָסטע זעלנער זיינען שוין קראַנק געוואָרן".

זש, קיסר און רבי I, נ"י, ז׳ 108.

ב ו ס ט|ן - טרוו. ( אַמ, נאַ ) 1. אונטערשטופּן, ?נ?

אונטערהייבן.

2. ( פּיג ) לויבן עמעצן/עפּעס זייער שטאַרק, מאַכן

רעקלאַמע | סטוטש 583, 446 |.

|| ער = . אונטערשטופּער, שטיצער. | סטוטש 583, 446 |.

ב ו ס י - דער, =ס. 1.( ק"ל ) א קוש. B: буси | קטוו |.

2. ≠ בושל, באַציאַן.* UK: буселб 3274

3. ( ק"ל ) פּאַלן, וועסט פּאַלן! = UK: буси

ב ו ס י ק - דער, =עס. "בושל, באַציאַן, איסט" קטוו.

% "נאָך איין רעגן און ס'וועלן זיך באַווייזן די 3275

זשאַבעלעך און טייך, דער בוסיק אויפן דאַך" | קטוו |.

ב ו ס ן I - במ. פּפּ: בוסעם. באַפּוצונג, צירונג,

באַשטייט פון גלעזעלעך, שטיינדעלעך אע, ס׳רוב

קיילעכיקע, אויפגעצויגן אויף א פאָדעם; פּאַטשערקעס.

% א שנירל בוסן. דאָס מיידל טראָגט שיינע בוסן

אויפן האַלדז.

1938" די מיידלעך האָבן ליב געהאַט אָנצוניזשען די

דאָזיקע מויערקעפּלעך אויף א פאָדעם. עס פלעגן זיך 3254

באַקומען אויסגעצייכנטע בוסן". איבז אקש,

ו. קאַטאַיעוו, א זעגל איינזאַם שעמערירט, מאָסקווע.

ב ו ר ס ן II - טרוו. באפרידיקן, שטילן ( א פארלאנג, גלוסטונג, תאווה ).

XV| י"ה | " אידלער קיניג דוד נוך בורשט אויירן לושט". שב, פערז 1060. 3271

(?נ?) ב ו ר ס ע - די, =ן. ( [illegible] גאליציע? ).
געלטשטראף.

1970" די אדמינסטראציע אפצאלן |...| בורסען | טעקסט: בורסען | זענען בכן ביז אקטאבער געפאלן ביז א זעקסטל |...|". רעד' ר. מאהלער, [illegible] סאנץ, ת"א, ז' 737. 3276

ב ו ר ס ע וו ע ן - אוטוו. "יערן, פערמענטירן" | קטוו |.
" די קארשנקרייט | איינגעמאכטס פון קארשן? |
האט גענומען בורסעוועו. ניט גענוג צוקער? ניט גענוג געקאכט? - מען וועט עס דארפן איבערקאכן מיט מער צוקער" | קטוו |. 3278

באמ: איז דאס א לאקאליזם?

ב ו ר ס ע כ ע - די, [illegible] נב.

L7 בורסעכע בייסן - איינע פון די סגולות וואס א זנאכער(=קע) פלעגט ניצן צו היילן קראנקע.

1884" אירע קברים רייסן, // איר בורסעכע בייסן, // אירע בעלמעס אויסלעקן, // אירע זכות=אבות וועקן |...| בעסער ווי להבדיל דער טאטער |...|". 3280
ש. מ. אסטראווסקי, דער מאסקעראדן באל, ווארשע, ז' 42.

רעד: אפשר קומט עס פון "בהשונע" (קראנקהייט = רויז)?

(?נ?)

ב ו ס ק - ( גנ ) יידישער נאמען פאר דער שטאט
( לעמבערגער געגנט ), באקאנט ווי א קוראָרט פאר
רעוומאטיזם - קראנקע צוליב אירע שוועבל=קוואלן
און בלאטע=בעדער; אין בוסק איז געווען א יידישע
קהילה נאך פון פארן XVI י"ה.

17 בוסקער גאלאנטעס | פראנטן ? | - צונעמעניש. 3283

ב ו ס ר | בויסער | - דער, בא. ( לל ) 1. אומצייטיקע
פרוכט.

2. ( פיג ) אומצייטיקע, אומשלמותדיקע זאך , אומצייטיקייט.

1922" לאז ווי א פרילינג ווינט איף דעם בוסר=צווייג,
דיין מיידלבלוט מיין יונגלינגהארץ וועקן ". 3267
אש, אמנון און תמר, ווילנע, ז' 179.

1958" ס'איז אין דער פאלקסטימלעכקייט פון זיינע
קאנקרעטע רייד נישטא מער קיין בוסר און אוודאי 3268
נישט קיין נאך נישט פונאנדערגעבליטע געמיט=פרות".
ש. ביקל, שרייבער פון מיין דור, נ"י, ז' 101.

ב ר ע - די, =ס. " א שמאלע, לאנגע פעלצענע שאל,
וואס פרויען טראגן אריבערגעווארפן איבערן האלדז
און אקסלען". | מ. מארק, יישפ X - 1, ז' 20 |; 3285
~~[illegible]~~ פסטן פון "באַס".
~~ארויסגעפּוצט אין [illegible]~~
~~[illegible]~~.

באמ: איבערטראגן אין גאנצן צו באא? ד

ב ו ע ה |בוע| - ( לל ) א בלאטער, פענכערל אויף די לונגען פון א געקוילעטער בהמה ( חולין, מ"ו ), דער דיין האט געפונען א בועה ביי דער בהמה און געפסקנט אויף טריף.

(נ?)

ב ו ע ז |בויעז| - 1. נאמען פון העלד פון מגילת רות.

1941" און נעמי האט געהאט איר מאנס א קרוב |...| וואס זיין נאמען איז געווען בועז". תי, רות, ב - 1.

2. ( פיג ) רייכער לאנדווירט, גוטבאזיצער.

1953" דא האבן מיר אמתע, ניט=געפעלשטע בילדער |...| פון שטרייקן קעגן יידישע בועזים ". י. זרובבל, זש' גק, נ' 17, ז' 182. 3290

בועזס שרעק - ( שפאסיק ) אומגעריכטע און איינגענעמע באגעגעניש מיט א (שיינער ) פרוי. ( אסאציאציע צו בועזס ערשטע באגעגעניש מיט רותן. רות, ג - 8 ).

1882" איינער א בעל=הבית, וואס איז געקומען פאר טאג אין בית=המדרש האט געהאט בועזס שרעק, ווארעם ער האט געטראפן א ווייבל, וואס האט געשלאפן אין מאנישן בית=המדרש". ש. נאטעלזאן, ייפאל, נ' 41, ז' 629.

איך ווינטש דיר דוודס פוטערל, יהודהס טעות און בועזס שרעק ( פורל ) - שפאסיקער ווונטש צו האבן א גוטע באגעגעניש, איבערלעבונג מיט א שיינער פרוי. |אסאציאציעס: מלכים א', א - 3, בראשית, לח - 18, רות, ג - 8 |. 3288

ב ו ע ט | בויעט | זיין - אטוו. 1. ( לל ) שטויסן, דריגען מיט די פיס, בריקען.

"1822 |...| ווען יצחק העט | וואלט | גוואלט העט ער אן אים | אברהמען | בועט גוועזן מיט איין פוס העט ער אים ניקש קענן טאן ". ר' צבי הירש חאטש מקראקא, נחלת צבי, ווילנא והוראדנא, תקפ"ב. 3295

2. ( פיג,לל ) ווידערשפעניקן, קעגנשטעלן זיך.

"1957 פון א קופה של בשר ווערט מען ווילד און משוגע |...| מען הייבט אן צו בועט זיין אין אב=הרחמן". לדב, נ"י, ז' 88. 3294

ב ו ע ל | בויעל | - דער, =ים. ( לל ) דער וואס באזיצט א פרוי סעקסועל. ~~[illegible]~~

"...?| אז מען האט די זאך גיוואר גיווארן האט | וואלט | מען זי געהרגעט מיט דעם בועל, מיט דעם קינד". ס' דובר שלום, פשעמישל, דף 40 - II. 3297

בועל נידה | נידע | - דער וואס האט סעקסועלע באציונגען מיט א פרוי אין איר מענסטרואציע=צייט, וואס ~~איז~~ לויטן יידישן דין פארבאטן.

" זיין ווייב האט מגלה גיוועזן בסוד, אז ער איז איין בועל נדה אין נאך אנדרע מיטע זאכן". [182 ...] חיים מאלאגא, גדולת ר' וואלף, צייט' יידישע כתבים, ווילנע, 1937, ז' 232. 3303

ב ו ע ל | בויעל | ז יי ן - טרוו. ( לל ) באזיצן א פרוי סעקסועל, אויספירן מיט איר דעם געשלעכטלעכן אקט.

1958" ביסטו עס דער יעניקער, וואס האט בועל געווען
די משוגענע אשת=איש?". חג, צ׳ טאג, IX/12. 3299

1960 " ווי אזוי קאן ער זיך מטמא זיין צו אן ערלית,
בועל זיין אן ארמית?"... הרב שווארצמאן, 3300
זש׳ אמעריקאנער, VI/17.

בועל נכרית | נאָכריס | זיין – האבן געשלעכטלעכע
באציונגען מיט א ניט=יידישער פרוי.

1875" מען האט אויף יענער וועלט אפגענומען דין וחשבן
פון זיינע עבירות, האט מען אויסגערעכנט צווישן 3304
זיינע עבירות (נכרות), אז ער האט בועל נכרית געווען".
| ? |, קהל חסידים, לעמבערג, דף ע, עמוד א.

| 1685?| " |...| ווען שוין דיא כלה אונטער דער
חופה כשר איז אזו ליגט דער חתן בייא דער כלה אין 3302
איין בעט אונ׳ לאזט זיא איין בתולה אונ׳ איז ניט
בועל בעילת מצוה ". עפש, דרך הישר |...|,
פפד"מ, תמה |?|, דף ע - 1.

ב ר ע ן - אוטוו. ( אגאם ) ארויסגעבן א קלאנג
ווי "בו". % די פידלען וויינען, די באנדורע ברעט.

1929" בערל בלינדער ברעט אויפן באס ". נג, אידן,
נ"י, ה׳ 66. 3305

ב ר ע נ א - אדוו. ( ארויסרייד אפט: ברינע )
( שפאניזם, נאַ ) גוט.
| שפאניזמען פון ארג יידיש, אנטאלאגיע פון ידישער
ליטעראטור אין ארגענטינע, ב"א, 1944|.

~~=== ברענע דיא / ברענאס דיאס===~~

0 בועץ דיא/ בוענאס דיאס - גוט=מארגן.

בוענאס טארדעס - גוט=מארגן, גאט (באגריסונג נאך צוועלף א זייגער ביי טאג).

בוענאס נאטשעס - גוטן=אוונט, א גוטע נאכט.

ם ב ו ע ר - דער, |=ס?|. ברוטאלער, נארישער מענטש.
| קל ווב, 1736 |. 3312

ב וֹ עַ ר [בויער/באָער] - (לל) נאר, טפש, גראבער יונג.
| תי: בינו בערים בעם וכסילים מתי תשכילו - באטראכט, איר פארגרעבטע אין פאלק, און איר נארן, ווען וועט איר קלוג ווערן?". תהלים, צד - 8 |.

ב ו ף ! - דער, =ן, זן בופע, =ס. אויפגעבלאזענער טייל פון א בגד, ס'רוב ביי די ארבל, באקומט זיך דורך צונויפנעמען דעם שטאף ביי די ברעגן, לאזנדיק דעם מיטן לויז. % דאס מיידל טראגט א בלוזקע מיט בופן. די רעטאנדע האט בופעס ביי די אקסלען.

1919" |...| און אנטאן צו די תנאים איר // א ברייטע קרינאלינע=קלייד, // געזוימט מיט שפיצן בריסעלער, // מיט בופן און מיט פאטשערקעס". סעג, לירישע לידער, קיעוו, ז' 36. 3363

1936" פארשמייעטע פעטע מחותנתטעס |...| און פארביקע זיידענע קליידער מיט שלעפעס און בופן". ייז. ברידער אשכנזי, ווארשע, ז' 102. 3322

.281 - בו

1951" |...| אין דעם נייעם שווארצן קלייד מיט דער

3366 בלויער קאפטע, וואס שפארט ארויס מיט די הויכע

בופעס, ווי א פרעמדער מלבוש". י. שעליובסקי,

אויף א פולער וואך, ת"א, ז' 41.

בו - 281.

1952" |...| ווי א פאווע אנגעטאן, מיט צעלאזענע

3323 פאלדן און אנגעבלאזענע בופן ". זש, קיסר און

רבי V, נ"י, ז' 16.

0 בופעס=ארבל - דער, מצ, דז.

1939" די פרוי איז אנגעטאן אלטמאדיש |...| א ברוינער

3401 סאמעטענער יאק מיט בופעס=ארבל און א שרעקלעך ל

לאנג קלייד |...|". מ. דאניעל, מיין גאלדענע קינדהייט,

מאסקווע, ז' 3.

בופן=הויזן - די, במ.

1937" |...| האט ער באטראכט דעם מיטלוווקסיקן בחור,

3365 איין אויג איז געפאלן אויף זיין קורטקע, בופן=הויזן

און ספארטזאקן ". מ. האלטער, מיר גרייטן זיך,

ציט אנט ז' 120.

ב ו ף !! - דער, =ן. ←→ ( טעאטער )

1. קאמיקער=זינגער אין דער איטאליענישער אפערע.

% די אפערע איז א שווערע, נאר די אריעס פון דעם

בוף ווילן א ביסל דעם עולם.

< It: buffa

2. שפאסמאכער, וויצלינג, לץ; בופאן. % די וויצן

פון דעם בוף זיינען גאנץ ווולגארע.

3. שפאסמאכעריי, קאמישקייט, לצנות, פאיאצישע שטיק.

% דער אקטיאר איז גוט נאר אין זשאנער פון בוף.

1974" ער גייט גיך און מייסטערהאפט אריבער פון דראמע

צו בוף, פון ערנסט צו שפאס". י. בערקאוויטש, 3318

זש' יידישע ליטעראטור, נ' 5, ז' 15.

0 אפערע=בוף/בוף=אפערע - די, =ס.

בוף=קאמיזם - דער, בא.

1934" ער האט קיין מאל ניט פארשוועכט זיין טאלאנט

|...| מיט בוף=קאמיזם". ז. זילבערצווייג, 3327

לעקסיקאן |...| II, ווארשע, ז' 860.

בוף=קאמיקער - דער, =ס.

1934" מאגולעסקא האט ליב געהאט א זונג, א שפרונג,

און דאס האט ער נאר געקאנט דערוויזן אלס בוף= 3325

קאמיקער". דצוו, ז' 1201.

?נ? ב ו ף III - דער, =ן. ( שלש ) " מגושמדיקער,

אומגעלומפערט צוואקסענער מענטש" | קטוו |.

| קירצונג פון בופלאקס? |.

1897" ער איז געווען א גרויסער לא=יוצלח, א מין

אומגעלומפערטער בוף". ג. ה. לעוונער, דער 3444

בלינדער בעטלער מיט זיין בן=יחיד, ווילנא, ז' 9.

ב ו פ א ן - דער, =ן. ( טעאטער ). 1. קאמישער

פערסאנאזש אין די איטאליענישע קאמעדיעס פון XVIII י"ה.

2. שפאסמאכער, לץ, קלאון. % דער קינדער־עולם האט הנאה פון די קאמישע שטיקלעך, וואס דער בופאן פראוועט אויף דער בינע.

||=אדע - די, =ס. 1. סצענישע פארשטעלונג, געבויט אויף איבערגעטריבן קאמישע, לצנישע סיטואציעס און דיאלאגן.

1940 " דאס יונגע בחורל הייבט אן שרייבן בופאנאדעס
|...| און אלע וואך שטעלט מען זיינע א בופאנאדע 3332
אין כאשטשעוואטע". ש. גאדינער, צוויי קאלווירט־
ניקעס, זש' שטערן, נ' 7 - 8, מינסק, ז' 113.

1971" דער טעאטער שפילט א גלענצנדע און רוישיקע בופאנאדע,
א פאלקס=קארנאוואל". י. שטיין, יידישער טעאטער 3330
אין איירא פע, נ"י, ז' 159.

2. קאמישע, לצנישע שטיק, שפאסמאכערײ.

1959" אין שעקספירס צייטן איז א ייד געווען א נאטירלעכער
און אומפארמיידלעכער קרבן פון יענער | יעדער? | 3331
בופאנאדע". א. ש. יוריס, טמז, III/26.

ב ו פ ל - דער, =ען. דזוו בופלאקס.

1885" דער אפריקאנישער בופל, זיין אנזען איז זייער
ווילד, זיין קערפערלעכע קראפט, זיין געשווינדער 3340
לויף און זיין צארן ברענגט אים מיט זיך אנצופאנגען
מיט די שטארקסטע טירן | חיות |". א. ג. דער פראצעס
|...|, ווארשע, ז' 50.

1968" סיי דעם פיש און סיי דעם בופל // וועט מען
מאקע קאכן?". ממש, דער שטערן=וואגן, מאנטרעאל, 3339
ז' 49.

ב ו פ ל א ק - דער, =עס. פּפּ: בופּליאַק. 1. ( שלש )
" א גרויסער, דיקער און אנגעבלאָזענער מענטש, מיט 3361-3342/א
א פעטן בויך"ₓ | קטוו |.

2. ( ביטול ) גראָבער יונג, עם=הארץ. | ז. קלמנאָוויטש,
דער יידישער דיאַלעקט אין קורלאַנד, פּש I, ז' 154 |. 3342

ב ו פ ל א ק ס - דער, =ן. (זאָאָל (Bubalus buffolus
בעל=חיי פון דער אָקסן=משפּחה (Bovidae) ; לעבט
זינט אוראַלטע צייטן ווי א הויז=ייה אין אינדיע,
עגיפּטן און אויף די מאַלאַיִשע אינדזלען, באַווייזט
זיך אויך אין עטלעכע לענדער פון דרום=אייראָפּע
און אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט; ביזאָן / ווילדער,
היימישער בופלאַקס. מע טרעפט נאָך היינט בופלאַקסן
ניט פאַרהיימישטע אין אַפריקע.

1862" דער ביפל אַקס האָט פלאַטשיקו הערנר. זיי זעניך
אויסגיבויגן קעגן פנים צו. ער וועגט ביז צהן צענטן. 3326
ער איז זייער בייז אוברהויפּט אז ער זעהט א רויטו
זאך". א. מ מאהר, ראשית למודים, לעמבערג,
ז' 24.

1885" דער בופלאַקס ווינט אין אינדיע. |...| זיין נאַטור
איז גלייך צום הויזאַקס, ער ליבט צו ליגן אין זומפּן, 3355
ער איז צאַרניק און ווילד". א. ג. דער פּראַצעס
|...|, וואַרשע, ז' 50.

1924" בופלאַקס, דער. דאָס דייטשע büffel איז
בענומען פון פראַנצ' buffe , וואָס דאָס איז
ווידער - דורך א לאַטייניש צווישנשטאַפּל - א 3352
לייוואָרט פון גריכיש boubalos ( קלוגע 75 )".
מוו, ייִפּיל I, ז' 52.

1945" די פינצטער דערמאנט אים דאס גלאנציקע אויגן
פון בופלאקס |...|". האל, וויי און מוט, 3353
מאסקווע, ז' 158.

0 בופלאקס=לעדער - די/דאס. בא. בופלאקספעל - די,=ן.
1963" די פרויען האבן ארייגעשלאגן די העלצער אין דער
ערד און האבן זיי ארומגעדעקט מיט בופלאקספעלן". 3343
א. יאקובזאן, פאר, III/10.

(פפ) שטארק ווי א בופלאקס. איינגעשפארט ווי
א בופלאקס. געזונט ווי א בופלאקס.

ב ו פ ל י א ט ש ק ע - די, =ס. (טעכט). (?נ?) 3360

ב ו פ ן - טרוו. (קאמאשנ=מאכעריי) " דאס איז אן
ארבעט וואס אן אייבערטייל=מאכער (כאלעווקאזש)
מאכט. בעפאר | איידער | ער שטעפט צוזאמען די 3362
טיילן לעדער, ווערט עס ארומגעשניטן מיטן מעסער
אין דער פלאך און דאס דינע ארומגעשניטענע ווערט
געזוימט, געקלעפט און פלאך געמאכט" | קטוו |.

ב ו פ ע ט - דער, =ן. 1. שאפע, ס'רוב געגלייזט,
פאר טישגעשיר, טישטעכער אע, א מאל אויך פאר שפייז.
% דער שיינער בופעט אין עסצימער איז פול מיט
טייערע פארצעלייענע סערוויזן, קרישטאלענע בעכערס,
וואזעס. די באלעבאסטע נעמט ארויס די טעלערס פון
בופעט.

1929" פרוי בערמאן איז געשטאנען נעבן בופעט |...|
און געטראכט: - עפעס שטערט איר דא, דער בופעט 3374
|...|, זי וועט |...| איך גאנצן ארויסמארדעווען
פון דאנען". פמ, דאר=ארויס, דאר=איינ, כארקאוו.

1953" א בופעטל פון צוויי שאפקעס, וואס זיינען געשטאנען
איינע אויף דער צווייטער, מען האט אין זיי געהאלטן 3390
כלים |...|". פ. מעלאמדאוויטש, יישפ XIII- 1,
ז' 25.

2. אפטייל אין א רעסטאראן, קאוויארניע, ווו מע
פארקויפט שארפע משקאות, קאווע/טיי, זיסווארג אע.

1949" ער וועט זי אוועקנעמען פון דער קיך און אוועקשטעלן
ביים בופעט, ביי דער קאסע ציילן געלט". ייז, 3385
דערציילונגען, נ"י, ז' 113.

3. דזוו ב2, אבער ווי באזונדערע באדינונג=פלעצער
אין אינסטיטוציעס, אונטערנעמונגען ( טעאטערס,
וואקזאלן, פאבריקן אע ).

1916" די פאסאזשירן שיטן זיך ארויס פון די וואגאנעס
און לויפן צו צום בופעט". שע, פונ'ם יאריד II; 3373
ציט אויסג, ~~ווילנע~~ נ"י 1924, אַלע ווערק, ב' III, ז' 158

1968" זי איז צוגעגאנגען מיט מיר צום בופעט פון דער
שיף און געהייסן מיר געבן אלץ וואס איך וויל צו 3381
אויף איר חשבון". א. בייער, יזב אטוואצק,
ת"א, ז' 588.

4. ספעציעל אויסגעשטעלטע טישן מיט פארשיידענע
מאכלים און געטראנקען ~~די~~ פֿאַר די געסט פון אן אויפנעם,
באל, פארוויילונג אע.

1864" זיינען געקומען צען שווימער |...| זייער פרינציפאלן
האבן אויסגעשטעלט פאר זיי גאנצע בופעטן מיט 3380
אלערהאנד דערפרישונגען". אמד, דער מלמד, ווילנע.

1910" און א בופעט דארט צוגעגרייט// מכל המינים,
פיין און ברייט". פרוג II, נ"י, ז' 219. 3388

1935" מע וועט צוגרייטן א גרויסן בופעט, און יעדערער
|...| וועט קאנען קויפן |...| פרישע ראגאלן און
קנאקעדיקע פארברוינטע בייגל". א. קאהאן, די
גאלדענע ראטע, קיעוו, ז' 95.

. В: буфетчик

||בופעטשיק - דער, =ס. זן בופעטניק - עס. דער
וואס האלט א בופעט אדער דער אנגעשטעלטער וואס
פארקויפט ביים בופעט.

" דער הער זעמעל האט נישט געקאנט ליידן, וואס 1887
דער בופעטשיק שטייט צונויפגעלייגט די הענט". 3397
שע, סענדער בלאנק.
.118 'ז ,II 'ב ,1944 נ"י

1952" א קאונטערמאן איז א בופעטניק ( דער וואס גיט
אכטונג אויפן בופעט". ש. אלמי, פא"ש, VII/18. 3391

בופעטשיצע - די, =ס. זן ( דיאל ) בופעטציכע.
דזוו דפוו, א פרוי.

1882" דאס יונגע מיידל האט געזוכט א שטעלע און האט
זיך פארשריבן אין דעם ווארשעווער ביורא, וועלכע 3395
האט זי אדרעסירט צו א יידן קיין בריסק פאר א
בופעטשיצע". ייפאל, נ' 47, ז' 727.

1901" די בופעטציכע האט געמיינט, אז מע האט ביי איר
געגנבעט". ב. אלפס, מעשה אלפס II, ווילנע, ז' 82. 3392

1935" יעדערער וועט קאנען קויפן ביי דער בייזער
בופעטשיצע פרישע ראגאלן און קנאקעדיקע פארברוינטע 3393
בייגל". א. קאהאן, די גאלדענע ראטע, קיעוו, ז' 95.

ב ו פ ע ר - דער, =ס/=ן. פפ: בופאר, =ן.
איינריכטונג ביי די עקן פון וואגאנען פון אייזנבאן,
געבויט אויף דעם פרינציפ פון שפרינגפעדער
( ספרונזשינע ), ניצט צו האמעווען, אמארטיזירן
דעם צוזאמענשטויס פון צוויי וואגאנען.

1929" איך ווייטסטער ווייט מען קאן דאך אויף בופערן
3405 דערפארן". האל, וויי און מוט, ~~טאשקענט~~ מאסקווע,
ז' 125.

1935" | די סאלדאטן | האבן ארומגעקלעפט די וואגאנעס,
3406 די בופערס. און די דעכער". מק, זעלמעניאנער II,
מינסק, ז' 5.

1936" זיי האבן זיך אנגעהאנגען אויף די טרעפלאך
3336/א פון די וואגאנען |...| אנגעטשעפעט זיך אין די
בופארן". ייז, ברידער אשכנזי, ווארשע, ז' 594.

1960" כ'זיץ צווישן צוויי וואגאנען אויף א בופאר
3336 איינגעבויגן". רוב, מגילת רוסלאנד, ווארשע,
ז' 102.

0 בופער=מלוכה | מעלוכע | - די, =ות. קליינע מלוכה,
וואס געפינט זיך צווישן צוויי גרעסערע און פאר-
קלענערט די מיגלעכקייט פון א צוזאמענשטויס צווישן
זיי.

1973" אין פלוג האט לאטארס II בופער=מלוכה ניט געקענט
3404 האבן קיין אנדער סוף ווי זי האט געהאט". מורג I,
ז' 342.

ב ו פ ק ע - דער, =ס. ( שש ) ( רעג,קורלאנד ).
א צעלאזענער בחור, אן אויסוואורף | ז. קלמנאוויטש,
יידישער דיאלעקט אין קורלאנד, פש I, ווילנע,
1926, ז' 154.

1950" בופקע - א גאסניונג, א כוליגאן. דאס ווארט
3415 שטאמט פון מעמעל". מ. מארק, יישפ X - 1, ז'20.

בוץ I - דער, [=ן? =עס?]. 1. ( שלש ) דיקער,
פעטלייביקער בחור. % קוק אים אן, דעם בוץ, ער
פרעסט פאר דרייען.

1944" בולץ - בא אונדז | ברעזשין, פוילן | געניצט בוץ
3426 אדער בוצעפלאק, אויך ביק - א דיקער, גראבער מענטש -
פאראכטלעך". פ. מאליניאק, יישפ IV - 2, ז'54.

2. ( שלש ) א גרויסער נאר, טיפש, גלאמפ. % ער פארשטייט
ניט קיין זאך, דער בוץ.

1886/7" עס האבן פון אים חוזק געמאכט אזעלכע בוץ=
3430 יונגען, וואס ער וואלט זיי ניט געזעצט מיט די
הינט, וואס האבן געהיט זיינע סטאדן שעפסן".
צ. נ. גאלאמב, די בורזשואזיע, ווארשע, תרמ"ו.

1962" א בוץ הייסט א נאר, א טיפש, א גלאמב, א פעטעך
3428 [...]". י. באטאשאנסקי, זש' אמעריקאנער, I/12.

3. ( לאקל ) א פארשוין וואס איז נוטה צו שלאגן
זיך, צו פארטשעפען זיך מיט יעדן איינעם. |
ש. ווייסבערג, צונעמענישן פון יידן אין
ייעליסאוועטגראדער קרייז, פש I, ווילנע, 1926,
ז' 81 |.

4. (מצ בוצעס) "גראבער יונג, פראסטאק; דער דאזיקער
אויסדרוק איז פאפולער צווישן אוקראיינישע און
באסאראבער יידן" | קטוו |.

רעד: דער זאמלער אליין שטאמט דווקא פון ווענגראוו, לובלינער געגנט...

|| =אק - דער, =עס. שפעטפארמע פון בוץ, באטייט 1.
יישפ V - 2 |.

ב ר ץ II - דער, =ן. זן ברצעס. פפ: בוטס. ספעציעלער
ווך פון פוטבאליסטן. % די ברצן גייען אן קנאפל,
מע זאל קענען גרינגער לויפן.

1932" דער מיאטש | באלעם | שפרינגט אויף פון זיין בוץ
לייכט און שנעל". א. קאהאן, אינזשינירן,
קיעוו, ז' 88. 3432

ב ר ץ III - 1. אינט. (קלש) אויסרוף ביים אנקלאפן
זיך מיט די שטערנס, ספעציעל ביים שפיל. % ברץ=ברץ,
קינדעלע! באראן=באראנ=ברץ!

2. שטויס, קלאפ אין ( מיטן ) שטערן אין עפעס/עמעצן.
% פון דעם בוץ אין שטערן איז אים פינצטער געווארן
אין די אויגן.

|| =יק - אדי. וואס שטויסן זיך מיט די שטערנס, מיט
די הערנער.

1955" בוציקע באראנעס". מל, לידער און באלאדן II,
נ"י, ז' 290.

ב ר צ א ן |אקצענט?| - ---> באציאן/באטשאן.

ב ר צ א ק I - דער, =עס.

(6h1) ,,אן אלטע דריי=קרייצער=מטבע" | ר. מאהלער, יישפ
IV - 3 - 6, ז' 68 |. 3434

1970" |...| און זאמלען // בוצאקעס און אלטע גראשן
// און רעדן גרינג אויף יעדן לשון". מ. נייגרעשל, 3431
לידער, סאנץ, ת"א, ז' 715.

ב ו צ א ק אָ ר ע ס - במ. ( רעג, מאלדאוויע )

" כיטרע שטיקלעך, הנדעלעך ביים אפנארן, פארפירערישע

האנדלונגען". %"ער איז א יידעלע מיט בוצאקארעס" 3438 - 3436

| קטוו |.

ב ו צ י ם - פארטיקל פפֿ: בוציעם. ( עלפ )

באמערקווארט מיטן באטייט: כלומרשט, אזוי ווי.

% " איך פרעג זי בוציעם: מאמע, וואס מיינסטו -

גלייך ווי איך ווייס נישט וואס זי מיינט" | קטוו |.

1895" האבן |...| די אפיקורסם אויסגעטראכט |...|

3442 אז בוצים מיין קריינדל איז גאר ניט פון מיר נאר

פון כלאוונע דעם רבינס". ייל, דאס פוילישע יונגל,

אדעס, ז' 73.

1935" קום, לאמיך דיך באטש אויסלערנען עפּעס די

3443 קאסע. |...| שליסט ער אויף און פארשליסט, לערנט

זי בוצים". מ. אלטמאן, די ווינער קארעטע,

בוקארעשט, ז' 102.

ב ו צ י נ א - | בוצינאָ | - דאס/די, בא. ( לל, אראמיש )

ליכט, שיין. קומט נאר אין געוויסע צונויפהעפטן:

בוצינא דנהורא | דינעהוירא | - דאס שיינענדיקע

ליכט - איינער פון די ערן=טיטולן פאר א גרויסן

תלמיד=חכם, א גדול הדור.

... " האט זי באגעגנט ר' אביהן און געזאגט: דו נשיא

ברוש פון פאלק |...| בוצינא דנהורא - געבענטשט זאל

זיין דיין קומען". | כתו, יז |.

בוצינא דקרדינותא | דעקארדעניסא |, אויך דקרדנייתא

| דעקארדענייסא | - דאס לאיכט וואָס איז טונקל.

1881" בוצינא דקרדינותא! ענטפער מיר דערויף, פאר
וואס הייבט זיך אן די תורה מיטן ווארט, בראשית". 3447
דלוגאטש, וועלט מסורה, ווארשע, ז' 39.

1961" אט די תקופה איז זינט דורות און דורות געלעגן
אין זייער בלוט ווי א פארטונקלט וועלטליכט, 3446
ווי א בוצינא דקורדנייתא". יעט, משיח=געוויטער,
ז' 259.

בוצינא קדישא |קאדישא| - הייליק ליכט, טיטל
געגעבן פאר א הייליקן מענטשן, א צדיק. 3450

|...186|" דרום זאל איטליכר זעהן דיא גרוסה מעלה
פון דיא לומדי תורה אונ פון ר' שמעון דער הייסט
בוצינא קדישא דאס הייליגי ליכט". נצ, זשיטאמיר,
הקדמה.

1940" ער האט געוואלט פון די איינצלנע ברענענדיקע,
בליצנדיקע פונקען שאפן איין גרויסן ליכט, איין 3448
בוצינא קדישא |...|". קאר, II, נ"י, ז' 153.

ב ו צ מ א ט ע - אדי. (שש) דיק, פעטלייביק,
מגושמדיק.

1957" א שווערלייביקער בוצמאטער יונג, א יאט מיט
העלפאנט=אויערן, א קארק ווי ביי א שור=הבר". 3457
הר, פאר=נאכט, ל"א, ז' 162.

ב ו צ ן ז י ך ! - ---> בוצקען זיך.

(?נ?) ס ב ו צ ן (ל י ך ) !! - פוצן (זיך).

1676" שפרעכן זיא עס ווערדן געשט קומן, די קץ בוצט זיך".

ברנט שפיגל, פפד"מ, פרק ס. 3458

ב ו צ ע ן 8 | מצ? | . ( גלש ) שיך. | י. טריוואקס,

גנבים=שפראך, זב ביי אונז יודן, ווארשע, 1923, 3460

ז' 161 |.

באמ: מעגלעך ס'איז פשוט: בוצן דער ע איז פון אלטן

אויסלייג. אין אזא פאל: בוץ - בוצן. געפינען דעם

מקור.

(?נ?) ב ו צ ע פ א ל - דער, =ן. 1. לעגענדארישער פערד

פון אלקסאנדער מוקדון.

2. ( שפאסיק ) א פערד. % איז ער געזעסן אויף זיין

בוצעפאל גלייך ווי א ריטער פון מיטל=עלטער.

ב ו צ ע פ ל א ק - דער, =עס, פפ: בוצעפלאקס.

(פ1:2) דיקער, פעטלייביקער מענטש.

1944" בוץ אדער בוצעפלאק, אויך ביק, א דיקער,

גראבער מענטש - פאראכטלעך". פ. מאליניאק, 3426

יישפ IV - 2, ז' 54.

1973" זיי האבן אים קוים אפגעריסן פון בוצעפלאקס".

ב,ס סאוויעטיש היימלאנד, נ' 9. 3465

ב ו צ ע ר - | סיגנאל אויפצושטיין, וועקער-סיגנאל ?|.

" סקארזשיסק און די אומגעגנט האט געבענקט נאך 1972

דעם שיינעם בוצער פון דער פאבריק, וואס האט זיי

אויפגעוועקט אין דער פרי". ר. בריקס, די וואס זיינען נישט געבליבן,... ז' 84.

ב ו צ ק ע - דער/ די. | ווייכער צ | א שטויס, קלאפּ אין שטערן ( קאפּ ). % ש טאַרקער בוצקע. דער בוצקע איז טאקע געווען אויף קאטאוועס, אבער ס'האט לאנג וויי געטאן.

ב ו צ ק ע/ן - | ווייכער צ | טרוו. 1. שטויסן, אנשטויסן, אנקלאפּן עפּעס/עמעצן מיטן ( אין ) שטערן אדער מיט הערנער. % איין צאַפּ בוצקעט דעם צווייטן. די מאמע שפּילט זיך מיטן קינד, זי בוצקעט אים צערטלעך אין שטערנדל, און דאס קליינינקע לאכט. נישט ווילנדיק האט ער געטאן א בוצקע מיטן שטערן אין דער וואנט.

1931" |...| איז צוגעגאנגען נאענט |...| און אנגעבויגן דעם קאפּ, ווי ער וויל אים א בוצקע טון". ה. ארלאנד, הרעבליעס, כארקאוו, ז' ... 3467

1936" ער טוט דערביי ווי א בוצקע מיטן שטערן |...|". בערג, זב בירעבידזשאנ, ז' 5. 3470

2. ברעכן די ביינער ( אויף ווארשעווער ווויליונגעריש לשון)". | קטוו 190 |. 3482

||=(ע)ניש - דאס. בא. דאס בוצקען ( זיך ) כסדר, א סך.

=(ע)ריי - די, בא. די אייגנשאפט, נטיה צו בוצקען זיך.

ב ו צ ק ע ן  ז י ך - ווייכער צ, קזוו, פפּ:

בוצקענען זיך, זז בוצקעווען זיך, בוצן זיך.

1. שטויסן זיך, צונויפשטויסן זיך, אנקלאפן זיך מיט ( אין ) די שטערנס, קעפ, מיט הערנער. % די ציגן בוצקען זיך. די קינדער שפילן זיך - זיי בוזקען זיך מיט די שטערס אויף קאטאוועס.

... " נאר א צאפ, ווייזט אויס דערשמעקט מיך |...| // קלאפ און בוצקעווע און שטויס זיך, // גישט צעשפארן ווערטו זיי". קוו, 1919, בערלין, 1923, 3477

1962" האט מעטעק אנגעשטעלט זיין אקסענעם שטערן אויף מעכלען, ווי צום בוצן זיך". זש, טמז, 17/VIII. 3459

2. ( פיג ) צונויפשטויסן זיך פון איין זאך מיט א צווייטער ווי דאס בוצקען זיך מיט די שטערנס.

1895 " |...| א שמאל טישל |...| איבער פיר גמרות |...| אויף דריי יינגלעך א גמרא, אזוי אז די גמרות האבן שטענדיק געהאלטן אין איין בוצקען זיך". 3479
ייל, דאס פוילישע יונגל, אדעס, ז' 48.

" בוצקען זיך די פולע גלעזער, און מען טרינקט אויף אלע שפראכן". אי. פעפער, היימלאנד, 1944, ז' 15. 3485

ב ו ז=ק ע פ ע ל ע - ----> בוטש=קעפעלע.

ב ו ק I - דער, =ן. זז בוך, ( פד ) בוק, אויך בוכנבוים ( ---> ). 1. בלעטערבוים פון דער דעמבן=משפחה (FAGUS מין) די בלומען איינמיניקע, האט שפיציקע און שימערנדיקע בלעטער, די קארע א גלאנציקע, וואקסט בעיקר אין דער צפונדיקער מעסיקער זאנע. % די בוקן געהערן צו די העכסטע וואלדביימער.

"אויף א סאסנע און אויף א בוק// זעגען געשטאנען

צוויי פייגל |...|". עס, משלים, ציט אויסג׳, 3498

ווילנע 1925, ז׳ 112.

1928" אן אלטער, פארדארטער בוק, דער איינציקער אין

גאנצן וואלד, מיט צעקנייטשטער קארע |...|". 3496

אפּא, VI, ווילנע, ז׳ 38.

1929" די בוכן האבן שוין די בלעטער גאר פארלארן".

נג, אידן, נ"י, ז׳ 38. 3497

מעבל פון בוק

2. האלץ, געהילץ פון בוק. איז זייער טייער.

1929" דערביי איז אויף געפאלירטע ארבעט געווונטשן

צו באנוצן בוק ( בוטשינע )". י. מ. בערמאן, 3493

מעבל=ארבעט, ווארשע, ז׳ 27.

||=אורע - אדי. ← בוקן, בוקענע.

בוקן | בוקענע, =ר | - אדי. וואס איז פון ( שייך צו )

בוק. % בוקענע ברעטער. דאס מעבל איז פון

בוקן האָלץ.

0 בוקנבוים - דזוו בוק.

בוקנוס - דער, ניס, פרוכט פון בוק.

1963" דאס ערשטע מין ברויט אויף דער וועלט איז קאנטיק

געמאכט געווארן פון צעדריקטע זשאלודעס |...| 3500

און פון בוקניס( " ביטש נאט" אויף ענגליש)".

י. וואלאך, טמז, VIII/25.

ב ו ק !I! - דער, =עס. ( לאקל, ווילקאמיר, ליטע )

" גרויס, האלברונדיק מעטאלן קנעפל" | קטוו, ים |. 3496

ם ב ו ק III - 1. באק.

2. אין דער פראזע "בייא בוק ". - אן אלטע קללה פון
לאנדסקנעכט.

... " וויר וועלן אב ציהן אין אונזר לאנט היגיין.
// ניין שפראך הערצוג יואב ביי בוק דש זול ניט 3486/א
זיין". שב, סטראפע 1309.

ב ו ק IV - אינט. אויסרוף ביי א שטויס מיטן (אין)
שטערן, קאפ, מיט הערנער; דזוו בוץ III.

1929" א בייזער צאפ, וואס מאכט אלעמען ׳ בוק!״".
זש, שקלאָווער יידן, ז׳ 239. 3491

ב ו ק אַ ט - דער, =ן. 1. א קעלבל עלטער פון
דריי חדשים. % מע האט געבראכט אין שעכטהויז
עטלעכע בוקאטן צו קוילען.

1912" לבל למעך בסירכות |...| בעגלים גדולים
הנקראים בוקאטין". הרב י. מ. ראבינאוויץ, 3507
שו"ת גלי ים, פיעטרקוב, דף לב/1.

2. לעדער פון א בוקאט, פון עלטערע קעלבלעך. % די
שטיוול זיינען פון בוקאט. ער טראגט א פארטפעל
פון בוקאט.

1929" פון דער ערד האבן זיי גענומען ווייסע געקאנטשעטע
בוקאטן, אביסל זיי אויסגעבעט און איבערגעשפרייט 3505
מיט שמאטעס". זש׳ שטערן, נ׳1, מינסק.

1971" אטא ווייזט שוין דער טאטע די פרעמדע שוסטער
א פאר בוקאטן". אי. קיפּניס, מיין שטעטעלע 3509
סלאווועשנע, II, ת"א.

(?נ?) ב ו ק א ל - אדי/ אדוו. " מינדלעך, בעל=פה" X
| קטוו |. 3511

{ באמ: ניטא קיין שום סמך, ביי סטוטש אויך ניטא. }

ב ו ק א ל י ק (ע) - די, =עס. א קורצע ליטעראַרישע שאפונג פון פאסטעכער=לעבן, געווען זייער אנגענו- מען אין אלטערטום; אידילע. % קיעלעך פאשען זיך, א פאסטעך שפילט אויף א פייפל - די באשרייבונג איז אן אמתע בוקאליק. אין XVII י"ה זיינען ווידער אריין אין דער ליטעראַרישער מאדע די בוקאליקעס.

ב ו ק א ל י ש - אדי/אדוו. וואס איז אין כאראקטער, אין סטיל פון א בוקאליק. % א בוקאליש בילד. אין דער פאעמע טרעפן זיך ממש בוקאלישע סצענעס פון דארף. דאס לעבן פון די פויערים איז שווער, גארניט בוקאליש ווי מע באשרייבט עס.

1958" נאך יארן פון רעוואלוציאנערן אימפעט |...| ווילט זיך זיין א ביסל אידיליש, בוקאליש 3514
און פאלקסטימלעך". שנ, יידישע שרייבער אין סאוויעטן=פארבאנד, נ"י, ז' 221.

ב ו ק א נ י (ע) ר - דער, =ן. פיראט, קארסאר. די גיכע זעגלשיפן פון די בוקאנירן האבן געטערט דעם האנדל אין XVII י"ה.

1967" די ריטערס זענען געווארן הענדלערס און בוקאנירן
|...|". נ. ברוסילאוו, גק, נ' 59, ז' 11. 3516

(?נ?) ב ו ק א ש ק ע - די, =ס. ( רוסיצ, נא ) קליינער אינסעקט, פליגעלע. R: букашка

1898" די פליגן און זשוקלעך, די בוקאשקעס און אלע איבעריקע אינזעקטן דארפן אויך זיך געניג מיען אויפן עסן". | איבז, ווער? | נ. רובאקין, בילדער פון טהיער לעבען, ווילנע, ז' 54. 3519

(???) ב ו ק ו יי ץ - דזוו בוכווייץ; הרעטשקע.

|?1836 |" מען זאל ניט זיין שיכור ווען אויך מן זאל פיל טרינקען |...| ער זאל מאכין איין טאק פון |...| בוקוויצי אונ ארייך קוועצין אין איין משקה, אונ אין דעם נעמליכן טאג ניכטרין הייט טרינקן". המאסף, דער זאמליר, צו הויף |צוגויף?| גיזאמילט אונ מעתיק גיוועזין פון פוילישע ספרים, ווילנע, ז' 62. 3523

באמ: איבערטראגן אין בוכווייץ?

(?נ?) ב ו ק ו ע - די, =ס. ( רוסיצ, נא ) אות. % ער קאן שוין די רוסישע בוקוועס. Буква

1936" |...| עטלעכע בוקוועס". נאד, טינט און פעדער, נ"י, ז' 242. 3524

(?נ?) ב ו ק י - די. | בא? | ( רוסיצ, נא ) אלטסלאווישער נאמען פארן ערשטן אות פון רוסישן אלף=בית. R: буки

| 1869 | " בעל תכלית ( פרוווט זיך לייענען פון פאפיר ) בע, הא? ווארט. ווארט א ביסל... עס איז דאכט זיך א בוקי". ממוס, די טאקסע, ציט אויסג' ~~[illegible]~~. ווארשע, 1913, ז' 44. 3526 /א

בוקיניסט - דער, =ן. הענדלער מיט ביכער
פון אלטע אויסגאבן, א מאל אויך מיט געניצטע ביכער.
% ער האט געפונען ביי דעם בוקיניסט אן ערשטע אויס-
גאבע פון מענדעלעס „קליאטשע".

בוקל - דער, =ען. (עלט) פוקל, אויסקרימונג
פון רוקן, נאז אע; הויקער, הארב.
1882" ווען די נאז האט אין מיטן א בוקל | טעקסט:
בוקיל | (הויקער) צייגט דאס ער איז איין פארדאר- 3534
בענער מענטש". מ. א. גאלינו, חכמת היד,
ווארשע, ז' 19.

ער האט א בריטן בוקל - (עלט) ער האט
ברייטע פלייצעס, ער קאן אויסהאלטן א קלאפ, א צרה.

ער האט א בריטן בוקל, אויף אן עבירה קומט אים ניט
אן - עס ארט אים ניט | 663 | Tendlau. 3533

?ב? בוקלויק - | דער? מא? |, פפ: בוקלוקוריע.
(רעג, מאלדאוויע) "אומאנגענעמלעכקייטן, צרות" 3536
| קטוו |.

בוקליג - אדי/אדוו (עלט) פוקלדיק, הויקערדיק.
1914" גבן - בוקליג, הויקער |...|". אורח, 35. 3538

לויטן מוסטער פון
באמ: בוקליק? (ליכטיק, נעכטיק א"א)

ב ו ק ל י כ ט - אדי/אדוו. פוקלדיק, הויקערדיק. הארבאטע.

"1724 ווען איין כהן איז געפונדן ווארן דר איין מום
3539 אן זיין לייב העט בלינד אודר לאם |...| אודר
בוקליכט |...| אזו דערפט ער ניט מקריב קרבנות
זיין אויף דעם מזבח". | מחבר? | בית ישראל ובית
הבחירה, אמשטרדם, תפ"ד.

ב ו ק ל ע I - די, =ס. פאסמע האר איינגעוויקלט אין
קרייזן; לאק. די דאמע איז געקומען אלטמאדיש
פארקעמט, מיט בוקלעס איןביידע זייטן פון שטערן.
" די מיידלעך טראגן צוגעקלעפט ע האר מיט אויס- 1907
3543 געגרייזלטע בוקלעס". שע, מאטל I, ציט אויסג׳
ווילנע 1926, ז׳ 291.

(?נ?) ב ו ק ל ע II - די, בא. טעקסטילשטאף, מין וואל=
3541 אויסארבעטונג מיט קנופן "א | קטוו 85 |.

(?נ?) ב ו ק ל ע ט - | דער? |, =ן. ( אמ, נא ) קליין ביכל,
בראשור.

"1961 זי שרייבט אין איר בוקלעט, אז מענער האבן ליב
3544 צו קוקן אויף בלאנדע פרויען |...|". מ. ראוז,
פאר, 9/X.

ב ו ק ל ע ן - טרוו. איינוויקלען, איינדרייען די
האר אין בוקלעס, אין לאקן. % צום באל האט זי
באשטימט צו בוקלען די האר, ווי א מאל.

1952 " איין מאל זײַנען בײַ איר די האר געבוקלט
3535 און געקרויזלט |...|". זש, קיסר און רבי, V
נ"י, ז' 17.

בוקלען זיך - רפל. וויקלען זיך, גרײַזלען זיך.
% זי דארף נישט גיין אין שײַנקייט=סאלאן -
די האר בוקלען זיך בײַ איר פון זיך אליין.

ב ו ק ן ז י ך - אוטור. 1. אײַנבייגן דעם קערפּער
מיטן קאפּ אויף אראפּ. % בוקן זיך צו עמעצן/ עפּעס.
ער בוקט זיך צו דער ערד צו זען, וואס ליגט דארט
אונטן. זי בוקט זיך צום קינד כדי אים צו געבן א
קוש.

1836 " |...| און זאל זיך ניט צו שטארק בוקין דאש זיין
3617 פּנים זאל ניט אויש קומן קיגן דער ערוה". לט 2,
טידילקוב, ב/ 23.

| פל | " דו האסט אייגעלעך און קענסט ניט קוקן, //
?3501(7) דו האסט קניעלעך און קענסט זיך ניט בוקן".

1920 " די ליליען פון דער |...| זיי ברעכן זיך בוקנד|יק|".
בראד, אויפן ברוק, לאדזש, ז' 32.

2. פארנייגן זיך טיף אין צייכן פון גאגריסונג,
דרך=ארץ, יראת=הכבוד. % ער נעמט אראפּ דעם הוט
און בוקט זיך פאר דער דאמע.

1888 " די ביימער בייגן אן די קעפּ בוקן זיך מיט גרויס
3597/א דרך=ארץ". ממוס, קליאטשע, קאנק: 559620.

1889 " עס בוקן זיך פאר אייך אלע ליכטיקע שטערן;
3597 // אזוי ווי פאר דעם כסא=הכבוד". גאר, יידישע
לידער, ווארשע, ז' 68.

1953" טייל זיינען געקומען כדי זיך צו בוקן פארן
מלך=המשיח |...|". איבז ים, ש. דובנאוו, 3608
וועלט=געשיכטע VII ; ב"א, ז' 63.

3. איינבייגן זיך טיף ווי אן אויסדרוק פון הכנעה,
אונטערטעניקייט. % דער קנעכט בוקט זיך פאר זיין
האר.

1893" ר'למך האט שנעל די מיץ אראפגעכאפט פון זיין
קאפ, דען ער האט זיינע פריצים דערזען, און זיך 3579
געבוקט צו דער ערד". אד"ם, דער שפיעגעל פאר
אללע, ווארשע, ז' 32.

געקוקט
1910" האב איך קאלטבלוטיק זיין צו דעם // וואס מרדכי
האט זיך ניט געוואלט מער בוקן?". פרוג, I, 3560
נ"י, ז' 286.

1927" כאטש זעקס ברידער זיינען שוין געווען דערהרגעט,
דאך האט נאך דאס זיבעטע יינגל |...| אויך נישט 3572
געוואלט בוקן זיך פאר דעם רינג, וואס אנטיוכוס
הרשע האט אים געווארפן". ה. ל. זשיטניצקי,
דעם זיידנס הייזל, ווארשע, ציט אנט, ז' 341.

4. איינבייגן זיך טיף, פאלן כורעים בעת תפילה, ביי
גאטסדינסט. % דער מאכמעדאנער האט מתפלל געווען,
זיך געבוקט אזש צופאלנדיק מיטן קאפ צו דער ערד.

1837" זיין גאנצי צייט פר ברענגט ער נאר איין גאטש
דינשט, וויא דר טאג ברעכט איין וועט מען אים 3624
שוין פינדן בוקינדיג אויף די ערד ליגין ".
א. פאוויר, גדולת יוסף, יוזעפאף, תקצ"ח, כ -I.

1911" א געבויגן|ענער| רוקן, א בוקן זיך, א קניען,
א זאגן מודים, א פאלן תחנון |...|". ממוס, 3624/א
קליאטשע, קאנק: 975260.

1929" פאנטל איילט זיך שוין איצט אונטער מיטן דאווענען.
ער בוקט זיך, שפייט אויס אין דער גיך איןביידע 3583
זייטן, ווארפט אראפ דעם טלית=און=תפילין".
ווקור ווארשאווסקי, די לעצטע, ציט אנט ז' 232.

5. ( פיג ) דינען צו (א) גאט, אננעמען פאר א גאט,
באקערן זיך צו א רעליגיע. % די נביאים האבן
געשטראפט די יידן פאר בוקן זיך צו פרעמדע געטער.

1832" ער וועט דר וועקין רעכינונג אלי אומות וואש
וואנין אין דיא עקין פון דע ר וועלט וועלין 3573
זיך בוקין צו גאט". מחזור לראש השנה, סלאוויטע,
דף י/א.

1910" דאס דערשראקענע |...| פאלק איז געגאנגען,
געלאפן צו די מזבחות, געקניט און געבוקט זיך 3575
צו די אפגעטער". ש. פרוג, III, נ"י, ז' 35.

1957" |...| זיך צו בוקן צו אן עבודה=זרה, כאטש
אפילו ער גלויבט גארניט אין איר". לקוטי אמרים, 3537
תניא נ"י, ז' ג - 50.

6. ( פיג ) באציען זיך צו עמעצן/עפעס מיט באגייסטערונג,
ווי צו א גאט, צו א העכערן וועזן, פארגעטערן,
מאכן פאר אן אפגאט. % מיר בוקן זיך פאר דער
שיינקייט פון דער אנטיקער סקולפטור. מע דארף
זיך ניט בוקן פאר יעדן ניימאדישן מאלער און זינגער.

1904 " מיר בוקן זיך ניט פארן אפגאט פון נאציאנאליזם
|...| מיר קניען זיך אבער אויך ניט פאר דער 3577
אסימילאציע". זש' דער אידישער ארבייטער, נ' 17,
זשענעוו, ז' 30.

..." דערזעען זיי ביי עמעצן א גילדענע מטבע, מעג
ער זיין א קאלב, א בהמה, איז ער ביי זיי א גאט, 3607
בוקן זיך צו אים |...|". ממוס, די אלטע מעשה,
אויסג' מענדעלע, ווארשע, ז' 12.

||=ונג - די, =ען. אקט אדער רעזולטאט פון בוקן זיך.

1936" דען די שארן | מתנות | פון די הויכע מלאכים

זאגן דיין לויב מיט בוקונג". מחזור ע"ט, 3530

בית ישראל |...|, יום=כיפור II, ווילנא, ז׳ 152.

בויגל

=עניש - דאס, בא. ( פעיא ) דאס בוקן זיך אַ סך, נספר.

1965" זיי זיינען אויפגעציטערט געווארן, ווען זיי

האבן דערזען, וואס איז געשען, ווען די אמונה אין 3724

׳אחד׳ איז פארביטן געווארן אויף א בוקעניש צום

עגל הזהב". זש׳ איק, IV/24.

=ער ( =ין ) =עריי.

L7 ריין ( ווי ) צו בוקן זיך - זייער ריין.

( שון ): בוקן זיך זאל מען נאר צום קאפ - אויב שוין

זיך דערנידעריקן איז בעסער פאר עמעצן וואס איז

ווערט אדער וואס קאן טאקע באמת העלפן.

בעסער זיך בוקן צום קאפ איידער צו די פיס - באטייט

דזוו דפוו.

אויף וואס ( אויף וועמען ) מע קען ניט ( מע האט ניט

געוואלט ) קוקן, צו דעם מוז מען זיך בוקן -

מע קאן קיין מאל ניט וויסן, ווער עס וועט דערהויבן

ווערן, צו וועמען מע וועט א מאל דארפן אנקומען וועגן

א טובה.

1940" |...| אזוי איז עס...- אויף וועמען מע קאן ניט

קוקן, צו דעם מוז מען זיך בוקן". אי. דרוקער, 3569

קלעזמער, קיעוו, ז׳ 128.

צו א פוקס איז זיין צייט בוק זיך ( וואר: צו א פוקס מוז א מאל דער לייב זיך בוקן )א)- די מערכות, בייטן זיך און דער וואס איז פריער געווען אין א הויכער מדרגה מוז זיך דערנידעריקן פאר עמעצן וואס איז פריער געווען בשפל המדרגה. ב) אין א נויט מוז א מאל דער שטארקער אנקומען נאך הילף צו א שוואכן.

1974" |...| ווען ס'קומט די צייט פארן פוקס, מוז דער לייב זיך צו אים בוקן. אזוי איז געשריבן אין די הייליקע ספרים ". באש, פאר, II/28. 3618

▫ בוקין/בויגין/בוקן (זיך)

1. <----

|XV| " דא ענטוורט אים הער אבנר, יואב איך וויל דירש ווייזן. // דא בוקט זיך הער אבנר זיין שוך אויף צו פרייזן | אויפשנירן |". שב, פערז 944. 3596

2. <-----

|XVI| " אונד דא דער הערצג בניהו צו דעם קוינגג קאם // ער בוקט זיך נידר וויא אים דעם וואל אן צאם". 3571
| מלכים בוך, ציט וואכשטיין=בוך, ווילנע, ז' 263.

3. <----

1679" אלז דען ווערדין צו מיר הירא קומין, אלי דיזי דייני קנעכטין און פר מיר בוקין ". בליץ, שמות, יא - ח. 3549

1716" אונ' ער לוגיט שאול הינטר זיך אונ' ער קניאט זיך דוד אויף דעם פנים צו דער ערד אונ' ער בויקיט זיך ". סהמ, שמואל WW ווילהרמרשדארף, דף נז - I. 3600

←--- 4.

1686" |...| און אורט | דאוונט | גאר בכוונה // אז
ווער אלי טאג יום כיפורים אדר ראש השנה // מיט 3487
פיל נייגן און׳ פיל בוקן". ס׳ משלים, פפד"מ,
תמוז, דף לז I - II.

1748" מן זאל ( עושה שלום ) אייך וויניג בוקנדיג
אויז גיין מן זאל מט זיינן לינקן פוס פר אן 3625
היבן אויז צו גיין". י. מ. עפשטיין, סידור תפילות,
אמשטרדם, תק"ח, מה - 4.

←--- 5.

1661" דש זיא | אלע פעלקער| זיך זאלטן בוקן און׳ דאס
זיא זאלטן דינין דעם זעלביגן צלם". יוסיפון, 3590
אמשטרדם, דף עט.

1763" |...| דא שפראך ער ח"ו איך בוק מיך צו קיינר
עבודת אלילים". י. סג"ל, קהלת יעקב, פראג, תקכ"ג, 3601
דף פט/2.

||=ונג

1721" דען דיא שארן פון ענגלן |...| מיט בוקונג זיא
זאגן דיין לוב". מחזור ר"ה ויו"כ, הומבורג, 3531
דף קמב - 2.

| בוקנדיקערהייט | בוקינדיגר הייט.

1748" מן זאל ( מודים דרבנן ) זאגן בוקינדיגרהייט
און וועגן מן האלט ( שאנו מודים לך ) זאל מן זיך 3628
נאך אייך וויניג מער בוקן". עפש, סידור תפילות ,
אמשטרדם, תק"ח, דף מד - 4.

ב ר ק ס I - דאס, בא. האלץ פון בוק/בוקסנבוים

| סטוטש 115 |. % דאס מעבל איז געמאכט פון בוקס.

ב ר ק ס II - דער, =ן. ( שגל ) " דער וואס שמוגלט

3634 ארויס וואלוטע פון געטא, אין שליחות פון ארביט-

ראזשיסט". | בלום, יישפXVII - 2, ז׳ 60 |.

ב ר ק ס III - געניצט ס׳רוב אין מצ - בוקסין

| בוקסן |. הויזן.

1717" דש איז | די 5 תכריכים | איין הוב אונ׳ העמד

3632 אונ׳ בוקס אונ׳ קיטל". ש. פראנקפורט, ספר החיים II,

קיטן, תע"ז, ט - 2.

1738" מן זאל איין גירטל אן האבן ווען מן זיין (תפילה)

3670 טוט דש זיין הערץ זאל זיין ( ערוה ) ניט זעהן

ווען איינר גוואונט איז און גירטל צו גין ווען

זייני בוקסין אודר הוזן ענג אן דען לייב ליגן

איז שון גנוג". | י. מ. עפשטיין | סידור תפילות,

אמשטרדם, תק"ח, טו - 2.

?..." ער שראק ער זולכיר גישטאלט, דש איהם דש הערץ

3673 העט מעגין אין דיא בוקסין פאלין". ש. לדבורגר

דעלצאמי |...|, קאפ 17, ציט אורע, III, ז׳ 484.

3653 1767" כנס ב. שם מכנסים. בוקסין, הויזן". שורב.

3633 ב ר ק ס IV - <---- בוקסע I.

ב ו ק ס ב ו י ם - דער, ~ ביימער, פפֿ: בוקסנבוים.

1. Buxus , קוסט, קליינבוים פון דער משפחה
Buxaceae , האט לעדערדיקע, אייביק גרינע
בלעטער, וואקסט אין די לענדער באם ברעג מיטללענדיש
ים; אויך גערופן בוקספאן/בובשפאן.

2. ( אַדע, אין תנ"ך=טייטש אויף "ברוש") ציפּרעסן=בוים.

1872" איך וועל זייך צו ישראל אז איין בוקסנבוים
צווייגהאפטיק |...|". צור, הפטרת ויצא, תרל"ב. 3672

1885" ווי איין אויסדערווילטער טענענבוים איז ער
מיט זייך אכפערקייט, גלייך אלס איין צווייגהאפטיקער 3636
בוקסבוים אין זייך דעמוטיקייט". ב מאזרח שיר היהוד ליום
רביעי, ז' 12,ח"ר, פ"מ.

" די קלעצער, וואס ליגן אנגעווארפן ביי דער שטוב 1911-1909
זיינען טענענביימער און בוקסנביימער, וואס ווערן 3674
דערמאנט אין שיר השירים". שע, פון פסח ביז פסח,
6,3 ... נ"י, 1944, ב' VI 3, ז' 12.

ם בוהשבום - מצ בוהשבומין, 3הא: Buchesboum.

?| 1508 |" בצלעות ברושים - מיט טוולן "בוהשבומין.
ל' נסרים". רייכלין 8, מלכים א; ו-/טוו. 3638
| תי: ציפרעסן |.

1610" ( קורות ) באלקן אונזר הייזר דז איז דש משכן דז
טענן אונזר לאטן |?| בוקש בוימן". טח, שיר השירים, 3644
א - יז.

1711" איך וויל זייך צו ישראל אז איין בוקס בוים
צווייג האפטיג". צור, ויצא הפטורה, המשטרדם, 3642
לד - ?.

1744" |...| אונ אויש מיר מאכן איין נייאש גיבייא
דז איך זעלט ווידר ווערן צווייג הפטיג גלייך אז 3637
איין בוקס בוים". בע, טז - 3.

סבוקס בוימן – אדי[?] פון בוקסבוים.

1700" דער בנין איז גוועזן פון בוקס בוימן האלץ איין שיינר בנין". איבז אליקום חזן |...|, הרופא ר׳ שלמה ווירגא, שבט יהודה, אמשטרדם, דף סה/2.

סבוקס הארץ בוים – דער, | מצ? |.

1. דזוו באקסערבוים ( ←--- ).

1701" דא זאך ער וויא איין מאן דען בוקס הארץ בוים אב שיטלט, אונ׳ לעזט דיא פרוכט ווידר פון דער ערדן אויף אונ׳ עסט זיא". מעשהבוך, מעשה נ"ג, אמשטרדם, תפ"א. 3647

2. ציפרעסן=בוים.

1767" ברש א. שם אילן מה. בוקס הארץ בוים". שווב, אמשטרדם, תקכ"ז. 3648

בוקסטע – אדוו. ( רעג, זאמעט ) צעשראקן ( וועגן א פערד ), צעפּאלאשעט.

1951" מע דארף |...| זיין אן עכטער זאמעטער צו פארשטיין, אז דער פערד איז געווארן בוקסטע |...| ( זיך איבער-געשראקן )". ימ, זב ליטע I, נ"י, ז׳ 466. 3650-3649

בוקסיט – דער, =ן. דזוו באקסיט .

1965" ווייסע ׳ ערדפוטער׳ פירט אפט מאל צו גאנצע היילן אנגעפילטע מיט בוקסיט. און בוקסיט איז א אלומיניום". זש, טמז, VI/27. 3651

ב ו ק ס י ר - דער, =ן, 1. שיף מיט אן אייגענעם באוועג=כוח, באשטימט צו שלעפן אנדערע שיפן וואס קאנען זיך אליין ניט באוועגן, עווענטועל אנדערע זאכן אויפן ים אדער איבער טייכן; % די שיף האט ניט געקאנט אריין אליין אין פארט האט מען ארויס- גערופן א בוקסיר. דער קליינער בוקסיר האט געשלעפט די באשעדיקטע שיף.

2. גראבער שטריק, מיט וועלכע איין שיף שלעפט א צווייטע. % דער בוקסיר האט זיך איבערגעריסן ווייל די גע- שלעפטע שיף איז געווען צו שווער.

0 בוקסירשיף - די, =ן. בוקסיר=דאמפער - דער, =ס. בוקסירשיף וואס באוועגט זיך מיט א דאמפמאשין.

1927" פון דער הייך פון וואלגא קומט אן א קליין בוקסיר=
דאמפער". איבז דער נסתר, א. אראסיעוו, ערשט ניט 3664
לאנג, קיעוו.

/7 נעמען (שלעפן) אויפן בוקסיר - 1. פירן א שיף מיט דער הילף פון א צווייטער;

1934" מע האט געמוזט ארויסרופן א קאטער | קליין שיפל |
וואס זאל אים | דעם קאליע=געווארענעם באמפער | 3662
נעמען אויף בוקסיר". מ. גאלדשטיין, בירעבידזשאנער
אפנ אמור, מאסקווע, ז' 56.

2. (פיג) ארויסהעלפן עמעצן אין אן ארבעט וואס יענער קאן אליין ניט אויספירן, העלפן אן אפגעשטאנענעם זיך אויסצוגלייכן מיט די איבעריקע. % דעם אפגע- שטאנענעם תלמיד האט דער קלאס גענומען אויפן בוקסיר און סוף שוליאר האט ער שוין באהערשט דעם מאטעריאל. ער מאכט ניט די נארמע, מוז אים די בריגאדע נעמען אויפן בוקסיר.

1935" |...| האבן זיי זיך פארשעמט, ווען איך האב זיי
3657 גענומען אויפן בוקסיר, געדראשן פון זייערטוועגן |...|".
איבז ה. מייזל, אי. רודין, קאלווירטישע בריגאדירן
דערציילן, מאסקווע.

שלעפן זיך אויפן בוקסיר - אפשטיין, זיין אן כוח,
בלייבן הינטערשטעליק.

1887" ענגלאנד שלעפט זיך גאך פון הינטן אויפן בוקסיר".
3660 יפאל, נ' 47 - 48, ז' 790.

1910" מיר זיינען ליידער געבליבן די לעצטע דער אנט-
3658 וויקלונג פון דער מאדערנער מוזיק און האבן זיך
געצוווּנגען אויף דעם בוקסיר נאך אנדערע פעלקער
זיך נאכצושלעפן". פ. מינקאווסקי, מאדערנע
ליטורגיע |...|, אדעסע, תר"ע, ז' 66.

ב ו ק ס י ר ן - טרוו. פירן, שלעפן אויפן בוקסיר.
% דער קליינער דאמפער בוקסירט די פליטן האלץ
טייך=ארויף.

1866" האט א היגער יונגער=מאן |...| פארגעשלאגן |...|
3666 מע זאל בוקסירן די גאלערעס | שיפלעך | וואס
קומען אויף דעם דניעסטער איבער דעם לימאן אין ים
אריין". קמ, נ' 10, ז' 148.

~~1916" זיינען אדורכגעגאנגען די געשטאנדענע מיט הויכע~~
~~3667 היט |...| בוקסירט ביים אומגליק לויטן גאנג".~~
~~פמ, מלחמה I, נ"', ז' 168.~~

ב ו ק ס ב ו י ם - ---> בוקסבוים.

~~ב ו ק ס ע I - די, =ס. 1. פּפּ: בוקש(ע) | הארקאווי |,~~
~~בייקשע | 2 ל |.~~

ב ו ק ס ע I - די, =ס. 1. פּפֿ: בוקש(ע) | הארקאווי |, ביקשע ל 2 |. אן אײַזערן רערל, אַרײַנגעשמידט אין קאָפּ פון א ראָד, וווּ עס דרייט זיך די אַקס פון א וואגן, באַנוואָגאָן אַע. % מע האט ניט געשמירט די בוקסעס, האבן גענומען ברענען די אַקסן. א גאנג בוקסעס פון פראַסטן טשוהלן האט א מאל געקאָסט א ממון מיט געלט.

1934" דער וואגאן איז געבליבן שטיין |...|, די בוקסעס האבן איבערגעברענט". ש. ברעגמאַן, ~~[illegible]~~ אופֿן מוזרע איז אומרויק, מאָסקווע, ז' 220. 3693

1938" בוקסע - אײַזערן צילינדריש רערל, אײַנגעפּאַסט אין לאך פון דער פּיאַסטע, ~~[illegible]~~ בכדי די אַקס זאל עס ניט אויסרײַבן". טערמינאָלאָגיע פון א וואגן, ייִפֿאָ, נ' 6 - 7, ווארשע. 3687

1960" און דער בעל=עגלה האט געלאָזט דעם שמיד צוגרייטן דעם וואגן, אנציען גוטע שינעס אויף די רעדער, אנשמירן מיט דזשעגעכץ די בוקסעס |...|". י. וואַלאַך, טמז, VIII/21. 3688

2. פּושקעלע, שקעטעלע, פּקפּ ביקסל. % א זילבערנע בוקסע. דעם שמעקטאַבאַק האלט ער אין א שיינעם ביקסל.

1962" אויף מײַן קני איז געלעגן א גרינגע קליינע בוקסע, און אין איר איז אײַנגעוויקלט | געלעגן | דער שמעקנדיקער |...| אתרוג". י. לוי, יזכּר זוואָהל | נאָוואָגראַד=וואָלינסק |, ת"א, ז' 38. 3686

L7 מאַכן א בוקסע - (באַלעגאַליש) אויסטרינקען, מאַכן א גרויסע כוסע | ווי א בוקסע פֿון גרייס)" | קטוו |. 3739

ב ו ק ס ע II - די, =ס. ( שגל ) פריטשע, נארע אין לאגער, ס'רוב א דרייגארנדיקע"| בלום |.

1957" אין איין בוקסע ליגן עטלעכע מענטשן, אזוי אז ס'איז דא ארט צו ליגן נאר אויף איין זייט, אלע אויף דער זעלביקער |...|". בלום, יישפ, XVII - 2. 3677

ב ו ק ס ע ו ו ע ן - אוטוו. וועגן רעדער פון א וואגן, (אויטא, וואגאן) ווען זיי גליטשן זיך איבערן באדן, רעלסן אע און די רעדער דרייען זיך נישט. % דער שאסיי איז גליטשיק און די רעדער בוקסעווען, דער אויטאמאביל קאן זיך פון ארט נישט רירן. ביים האמעווען האט דער וואגאן געבוקסעוועט מיט א גרילצערייּ.

ב ו ק ע I - די, =ס. | סטוטש 259 |. ( קצביש )
א הינקענדיקע בהמה. % דער פויער האט זיך נישט געכאפט, אז די קו וואס דער ציגיינער האט אים פארקויפט איז א בוקע, הינקט א ביסל אויף איין פוס.

ב ו ק ע II - דער, =ס. דזוו בוק IV,

ב ו ק ע ר ק י ע י ם | בויקייע רעקיים | זיין - אוטוו. ( לל, פיג ). שפאלטן די הימלען. ( וועגן תפילה ), געמיינט מתפלל זיין אזוי שטארק, אז ס'זאל דערגייין צו גאט.

1887 " עס איז געווארן א יללה אין שטעטל. אלע יידן זיינען נאכגעגאנגען | נאך די ארעסטירטע פני העיר| און האבן פארגאסן ביטערע טרערן מיט גוואלדן און קולות | וואס האבן געקענט בוקע רקיעים זיין". 3698
ה' א' נ'ך, ר' שלמה וואונדער האלד, ווילנע, תרמ"ח, ז' 100.

1958" מ'דאוונט און כ'שפּיר בחוש, אַז די תּפֿילות זײַנען
3697 בוקע רקיעים ". באַש, גק, נ' 31, ז' 94.

בּ ו ק ע ט - דער, =ן. 1. אַ בינטל בלומען, ס'רוב צונויפֿגעשטעלט אין אַ שיינער פֿאָרעם. % די קינדער האָבן אָנגעקליבן אַ סך וואַלד=בלימעלעך און געמאַכט פֿון זיי בוקעטן. דער אַרטיסטקע האָט מען געגעבן אויף דער בינע אַ גרויסן בוקעט רויזן.

| פֿל |" שרהלע איז אין וואַלד אַוועק, וועק=וועק, //
3704/א רייסן בלומען אַ בוקעט, קעט=קעט |...|".

1863" די קאַמער=מיידכען | מיידלעך | און דער קאַמער=
3705 דינער וואָס זײַנען איבערבערענגער פֿון דיזע | די | בוקעטן ווייסן ניט |...|". איבז אמד, [אמרכ?] סיפּורי הורדוס, ווילנע, ז' 31.

1911" |...| טאַקע מיט דעם גאַנצן פּוץ, מיט דעם חן, מיט שיינע בוקעטן און קרענצלעך שמעקנדיקע בלומען". ממוס, קליאַטשע, קאַנק: 1040050.

1967" יענער איז צוגעקומען מיט אַ בוקעט בלויע אַסטרעס
3707 און העל=ראָזע גאַרטענזיעס". י. פֿאַליקמאַן, זש' סאָוו' היימלאַנד, נ' 9, מאָסקווע, ז' 113.

2. ( פֿיג ) אָפּקלייב, אַנזאַמל פֿון שיינע, ווערטפֿולע זאַכן ( אַ מאָל אויך איראָניש ). % אַ בוקעט איידלשטיינער. זײַן לעבן איז אַ בוקעט פֿון מעשים=טובֿים. דער פּאַרשוין איז אַרויס מיט אַ בוקעט זידלערײַען, מיט וועלכע אַפֿילו אַ מאַרק=יידענע וואָלט זיך געשעמט.

1904" דער מענטש האָט דורך זײַן טאַלענט פּאַראַייניקט
3715 אין איין בוקעט אַלע שטרעבונגען פֿון דער יידישער בורזשואַזיע". זש' דער בונד, נ' 4, | אַרט? |, ז' 11.

1911" איך האב געוואלט בעטן יענעם ברילׅיאנטענעם <u>בוקעט</u>,

צו וועלכן דאס הארץ האט מיר אלץ געצויגן". <u>ממוס</u>, 3715/א

<u>קליאטשע</u>, קאנק: 1285980.

1968" אין דעם <u>בוקעט</u> פון די ליסקער צדיקים |...|

% זינט דאס ווייב איז געשטארבן און
די קינדער זיינען זיך צעפארן איז ער א ׳בורלאק׳
געבען. Uk: бурлак

1957" צו צוויי און צוואנציק יאר איז ביי אים די
גאנצע פאמיליע - א ווייב מיט צוויי קינדערלעך 4228
- אומגעקומען פון דער כאלערע. איז ער שוין
פארבליבן א בורלאק - אן א היים, אן א רינד און
אן א קינד". ברוס, די שטילע ערד, נ"י, ז׳ 60.

1957" יוכבד איז די איינציקע, וואס קען נאך ווי ניט
איז // ארויסבאקומען ביים פארעקשנטן בורלאק 4247
א ווארט". הר, פאר=נאכט, ל"א, ז׳ 151.

4. אן ארבעטער וואס שלעפט מיט שטריק א שיף ( פליטן )
לענגאויס דעם ברעג טייך=ארויף. % די בורלאקעס
שלעפן די שיף איבער דער וואלגע און זינגען א
טרויעריק ליד. R: бурлак

1931" |...| ווי ביי א בורלאק, וואס ווייקט זיך
|...| מיט די ביטשעווקעס | שטריק | אויף דער 4239
פלייצע פון גראען פארטאג ביז שפעט אין דער נאכט
ביזן גארטל אין וואסער". ש. ברעגמאן, דורך קריג און

רעוואלוציע, אדעס, ז' 161.

|| =יש - אדי/אדוו. וואס איז (ווי) פון א בורלאק שייך צו בורלאַק. % א בורלאקיש ליד; די בורלאקישע דאָליע.

"1927 |...| וואלגא, די בורלאקישע, די קולאקישע, די בלאָווע |=בלויע |". איבז נס, א. אראסיעוו, ערשט ניט לאנג, קיעוו. 4343

(?נ?) בורלו - | די? מצ? אַקצענט? |. ( רעג, מאלדאוויע, רומעניע ) " א ליימען קריגל מיט א שמאלן העלדזל" | קטוו |.

בורלע I - דער, =ס. ( שש ) גראבער יונג, אום-דערצויגענער, פארגרעבטער נפש. % קיינער וויל ניט האבן צו טאן מיט דעם בורלע און הערן זיינע גראבע רייד. פון אזא בורלע דארף מען זיך ניט באליידיקן.

באמ: עטים: בור-בורילע- בורלע?

בורלע II - די, באַן מין טעקסטילשטאף, " א ביליקער סארט קאלענקאר" | קטוו | . 4258

באמ: ביי סטוטש ניטא.

1910 " די איידעלע ליליע איז פאַראָדירט פון שטיקער בורלע". מר, שריפטן IV, נ"י, ז' 302. 4255

בורלעט(ע) - ---> בורלעסק.

בורלעסק I - די/דער. =ן. א קליינע ליטעראַרישע שאפונג, ס'רוב א סצענישע, מיט גוזמאדיק קאמישע עפּיזאָדן און ~~בדרך=דער~~ געשטאלטן. % דער עולם האט הנאה געהאט פון דער בורלעסק, וואס לאכט אויס די אקטועלע פּאליטישע געשעענישן.

1973" די דערציילונג פון שלום אש וועגן יעזוסן |...| איז נישט נאר א קינסטלערישע פארזעעניש, נאר לגבי דעם פּנקס פון אונדזער אומגליק איז עס ערשט נידעריקער בורלעסק". יג, יזב טאן סאסנאָוויץ, ת"א, ז' 555. 4263

0 בורלעסק=אפּערע - די, =ס. בורלעסק=טעאטער - - דער, =ס.

1973" |...| בודאַפּעשטער Orpheum - א בורלעסק=טעאטער, וואס האט יעמאלט געטראלירט אין ווין". מוגנ III ני', ז' 317. 4266

בורלעסק(ע) II - אדי/אדוו. גוזמאדיק,איבער-געטריבן, קאמיש, לצניש. % דער עולם אין טעאטער האט געלאכט פון דער בורלעסקער סצענע. דער גאסט איז אנגעטאן זייער מאדנע, בורלעסק |אדוו| ווי א קלאָון.

1868" עס קומען זיך צוזאמען חברות, וואס האבן א גאנץ יאר גוטס געטאן |...| טרינקען צו ביסלעך, זינגען ניט קיין בורלעסקע לידלעך". קמ. נ' 38, I - 278. 4260

1884" די חברים |...| זייערע בורלעסקע רעדן, זייערע
שארלאטאנסקע פריילעכקייט האט מיר אזוי דערקוטשעט, 4267
אז איך האב מיר געפאסט צו אנטלויפן". ז. גאלדפעדער,
דער אנטלאפענער, ווארשע.

1956" דער טרויער, וואס איז אויף א ווייל // געוועז
אונדזער דערהויבונג, ווערט צעוויינט און בורלעסק". 4264
יג. פון מיין גאנצער מי, נ"י, ז' 67.

בורלעסקעווען - אטוו | סטוטש 14, 383, 518.|
פארשטעלן עפעס אין אַ גוזמאדיק קאמישן ליכט, לצוועז.
% די אקטיארן האבן אין דער סצענע איבערגעכאפט
די מאס פון קאמיזם און אנגעהויבן שארזשירן,
בורלעסקעווען.

בורמילע - דער, =ס. פפ: בומילע/באמילע/בארמילע.
1. (שלש) אומגעלעהנטער מענטש, עם=הארץ, גראבער
יונג. % לערנען האט ער ניט געוואלט, איז ער
אויסגעוואקסן א בורמילע. ער קאן קיין צוויי ניט
ציילן דער בורמילע.

1914" דייך פּיניע איז א פראסטער קאטליער, א וויסטער
הארעפאשניק! און פון מיר אליין איז דאך אפגערעדט 4272
- א גראבער זשלאב, א בורמילע!". מ. גיסען,
געלע, נ"י, ז' 8.

1948" |...| איך וועל האבן מיט דעם בורמילע א דין=תורה".
ה. פאליאנקער, שמייע גאזלען, מאסקווע, ז' 12. 4282

1957" די יינגערע קינדער האבן שוין אין גאנצן אנגעווירן
זייער דרך=ארץ צום עלטערן ברודער, אים צוגערופן 4284
"בורמילע" אדער "איוואנעץ"". ר. ה. קארן,
9 דערציילונגען, מאנטרעאל, ז' 117.

2. ( שלש ) א תם, א בחור מיט א קינדישן שכל,
אינפאנטילער. דער בחור האט א פארשטאפטן קאפ,
און אמתער בורמילע.

ב ו ר מ י ס ט ז ש / ב ו ר מ י ס ט ש --- ב ר ר מ י ש ט ש:

ב ו ר מ י ס ט ע ר - ---- בורמיסטשש.

ב ו ר מ י ש ט ש - דער, =ן.

פפ: | אויסלייגן?| בורמיש, בורמישט, בורמיסטזש, בורמיסטער.
בירגער=מייסטער, אנפירער פון דער שטאט=פארוואלטונג,
שטאט=פרעזידענט, מער, מעיאָר. % דער שטאט ראט
האט געווילט א נייעם בורמישטש אויף דריי יאר.

|...|" דער בורמיש האט געהייסן אלע יידן טויטשלאגן,
אלי יידן טויטשלאגן". פל, ציט נפ, יידישע 4290
פאלקסלידער, II, ווארשע, תרע"ג, ז' 65.

" דאס האט מיך דער קאמענדאנט |...| געמאכט פאר 1915
א בורמישט, פאר בירג|ער|מייסטער, הייסט עס". 4291
שע, מעשיות און פאנטאזיעס, ני' יארק, 1914, ז' 166.

1903" דעמאלט איז ביי אונדז געוועזן א בורמישטש
א צורר=יהודים, וואס האט זיך איינגעשפארט, אז 4296
מען זאל נישט חתונה מאכן אָן אקטן". פרץ, סאטירען
און הומארעסקען, פעטערבורג, ז' 7.

1968" סטאשעק באלאס איז דעמאלט געווען דער צייט-
ווייליקער בורמישטש. צוויי טעג בין איך געזעסן 4293
ביי אים און צוגעהערט זיך זיין דערציילן וועגן די
שרעקלעכע יארן". מ. קאסמאן, יזב אטוואצק, ת"א,
ז' 914.

(שש)

ב ו ר מ ל ע ן  ז י ך - אוטוו. דזוו באמבלען זיך.

" אויפן הארצן דריקט עפעס, דריקט, און פארשודע- 1913

-נע מחשבות בורמלען זיך אין קאפ ביי אים". 4298

אנכי, צווישן הימל און ערד, [illegible] ווארשע, ז' 17

בורמעס — בורנעס.

ב ו ר נ ו ס - ---> בורנעס.

ב ו ר נ ע ס - דער, =ן. פּפּ: |אויסלייג?|: בורנוס, בורניס, בורנאָס; |ארויסרייד?|: בורמיס/בורמעס.

1. ביי די אראבער, א לאנגער וואלענער מאנטל ס'רוב ווייס, מיט א קאַפּיושאָן.

1938" דריי איינזאמע שאטנס, אין בורנוסן איינגעוויקלט, טורבאנען ארום די קעפ - אראבישע נעמען". קאר, 4309

I, נ"י, ז' 174.

2. אַמאָליקער לאנגער אייבערמאנטל, טייל מאל אונטערגעניייט מיט פוטער. % אין דעם חתונה=אויסשטייער האט מען אריינגערעכנט פאר איר אויך א סאמעטענעם בורנעס.

1867" |...| כאפט ער פאר צרות זיין בורנאס און לויפט ארויס פון שילערן". קמ, נ"9, ז' II - 68. 4300

... " שרה=רחל האט געכאפט אויף זיך דעם קעצענעם בורנוס". שע, VI, .... 3311

1910" ער האט אין אלטן בורניסל זיינס // געשמאק געפרארן א יאר דרייסיק". פרוג, I, נ"י, ז' 179. 4318

1936" ראסלפלייש איז ביי זיי ליבערשט ווי א שטיקל בלאָע מילך. און א טעפעלע כבוד און א ווארעם בורמעסל 4319

|...|". 3(ש), טויט אין פעקעס, נ"י, ז' 198.

1969" און די מאמע האט אנגעטאן איר קעצענעם בורנעס,

4329 דער טאטע זיין לייבּפּוטער". אי. קיפּניס,

צום לעבן, מאסקווע, ז' 168.

?נ? בורס - די, =עס. ( רעג, פראנקרייך ) בערזע,בירזשע.

ד. ראבינאוויטש, יידן אין | FR: bourse

פראנקרייך, ייבל II, 1942, ז' 199.

?נ? בורסאַק - דער, =עס. "שילער פון א בורסע(גלחים=

4331 סעמינאר)" | קטוו |. P: bursak

בורסוק - ← באַרסוק.

4335 ?נ? סבורסיקר - דער, | =ס? |. גארבער. | קאל ווב,1736, |.

באַמ: פון העבר: ברסי/בורסקאי?

בורסע - די, =ס. 1. נידעריקערע שול פאר גלחים;

סעמינאריע. % איך דארף איז אראפגעקומען א יונגער

גלח, נאר וואס פון דער בורסע.

" זיין חבר אלי האט געבראכט |...| א גאנצן פּאַק 1916

4339 מיט רוסישע לידער |...| גלייך ווי ער וואלט דאס

געקומען פון א 'בורסע', פון א גויישער סעמינאריע".

שע, פונ'ם יאריד II, ציט אויסג' ~~ווארשע~~, סֶלֶם ווארק

~~1926, ז' 149~~ נ"י, 1944, ב' III, ז' 149.

2. אינטערנאט. % פאר די קינדער פון דער אומגעגנט
האט מען ביי דער שול ארגאניזירט א בורסע, דארט
האבן זיי געהאט באשפייזונג און נאכטלעגער.

1964" עס זיינען אנטשטאנען דערציונגס=אנשטאלטן |...|
א פארשול פאר יידישע מיידלעך און א בורסע 4340
( אינטערנאט ) פאר לערניינגלעך". י. אלטבאוער,
ספר פשעמישל, ת"א, ז׳ 430.

1973" עטלעכע טעג נאכן פראצעס האבן זיך די יתומים
- פון מינקאווסקין - שוין געפונען אין דער קראקעווער 4338
יתומים=בורסע". יזכור פשיטיק, ת"א, ז׳ 229.

ב ו ר ע I - די, =ס. 1. שטורעם, שטארקער ווינט.
פפ: ( דיאל, אוקר ) בערע. % א שטארקע
בורע. ס׳איז געווען א בורע מיט א שלאקסרעגן.
אין דרויסן איז אזא בורע, אז ס׳איז א רחמנות
א הונט ארויסצולאזן.

1898" א שטארקער ווינט - א בורע רייסט אויס הונדערט-
יאריקע ביימער מיט די ווארצלען, טראגט אראפ דעכער". 4357
הי"ה זעלדעס, ווינטער-אבענדען, ווארשע,
ז׳ 55.

[1912?]" אויף די געזימסן זענען געשטאנען איינגעהויקערטע
וואראנעס, נעבעך, אויסבאהאלטנדיק זיך פאר דער 4366
שרעקלעכער בורע". ממוס, די אלטע מעשה, ווארשע,
ז׳ 27.

|190...|" געגוג שנייען וועט נאך זיין |...| שנייען
מיט ווינטן, מיט בורעס, מיט זאווערוכעס". שע, 4359
XXIII , דער אתרוג, ציט אויסג׳ ווילנע--ווארשע, 1926,
ז׳ 35.

1935" די בורע האט שיער דעם דאך ניט אראפגעריסן".

פה, רויטע פעלדער I, נ"י, ז' 410. 4363

2. ( פיג ) סקאנדאל, שטארקע אויפרודערונג פון געפילן, געדאנקען. % די פרוי האט לאנג נישט געקאנט איינשטילן די בורע אין איר הארץ. די מעלדונג האט ארויסגערופן א גאנצע בורעביים עולם.

1868" געגוג אז די בורע איז אפגעלייגט אויף שפעטער, און ביי אזא פאל איז צייט געווונען – פיל געווונען". 4351

קמ, נ' 51, II – 382.

1968" |...| און פון פלאסטן טיפע, אורע // איז ארויס א שטורעם,// א געפיל-געדאנקען-בורע". לע, אפקלייב, 4351/א

נ"י, ז' 334.

ב ו ר ע II – די, בא. ( מעדיצין ) הייל=פליסיקייט,

דזוו.בורא.

ב ו ר ע III – דער, =ס. 1. ( שש ) „שטויס, שטופ" [קוו116].

% „ער האט אים געגעבן א גוטן בורע אין די פלייצעס" 4356

| קטור |.

2. שטרענגער אויסרייד, פארווארף, שטראף. [illegible]

% די תלמידים האבן געכאפט יענע בורע פון דירעקטאר פאר דער שלעכטער אויפפירונג.

p: bura, dostać burę

באמ: איז דאס א צווייטער באטא אדער אן אנדער שורש?

בו - 369.

ב ו ר ע IV - | די? | בא. פראנצויזישער פאלקסטאנץ | סטוסש 515 |.

ב ו ר ע V - אדי. קאליר העל ברוינלעך, ס'רוב גענייצט פאר דעם קאליר פון דער פעל ביי פערד, בהמות.
% דער ארענדאר האט איינגעהאנדלט אויפן יריד א בורע פערדל אין גלייכן געלט.

1889 " אויך די קו, דוואסיע-מלכהס בורע בהמה ביי דער שטוב, האט אויפגעהערט צו מעלה-גרהן". שע, סטעמפעניו, ציט אויסג' [illegible], נ"י 1944, ב' II ג' ז' 219. 4345

1910" פונעם אייטער, וואס מישט זיך צו, נעמט עס אן א געל-גראען |...| אדער בורען קאליר". סאפ|?|, ארויסגעגעבן פון יק"א, ס. פעטערבורג, ז' 5. 4368

|...195|" אלע גייען אריין אין וואלד |...| ווייט ארום בלישטשען קליינע בורע וואסערלעך, פארוואקסענע מיט גראז". זש' פאריזער צייטשריפט, נ' 7, ז'89. 4367

ב ו ר ע ט ש א ר ט י ק - אדי. | אזוי ווי בוריקעס? |.

1920" צו די בורעטשארטיקע געוויקסן (бурачниковые) רעכנט מען אויך צו דאס בלימל 'פארגעס-מיך-ניט'". איבז ד. האכבערג, אטא שמייל, געוויקסן, מאסקווע, ז' 70. 4370

באם: ניטא דער שורש бурачниковые ניט רוסיש, פויליש, אוקראיניש.

(ק:) ב ו ר ע ל אָ ם - דער, =עך. ( רוסיז, נא ) צווייגן
און שטאַמען פֿון אָפּגעבראָכענע ביימער אין שטורעם.
R: бурелом

1967" דער בורעלאָם אין |...| וואַלד איז נאָך ניט גערירט, איז הייַנט די שוויצבאַד, סאַלדאַדניאַ". א. קובניצקי, צו די קאַרפּאַטן, זש' סאָוו' היימלאַנד, נ' 8, ז' 117. 4371

ב ו ר ע ל ע - די, =עך. ( לאַקל, פּאַלאַנגע, זאַמעט ) שישקע. % די קינדער האָבן ליב צו קלייַבן בורעלעך אין וואַלד.

1950" בורעלע - אַ שישקע פֿון סאָסנעס און יאָדלעס". מ. מאַרק, יישפּ X - 1, ז' 20. 4373

ב ו ר ע ן - טרוו. 1. אוטוו/אומפּ. פּערמענטירן, יערן, ברויזן. % דער וויַין בורעט, אפשר ~~שוין~~ איבערגעשטאַנען. [50 גיך]
עס בורעט מיר אין בויך פֿונעם זויערן עסן.
1971 " [illegible] ווייסע-און-ברוין פֿלעק, וואָס רונצלט זיך, ווען עס בורעט אין דער טיף". [illegible], XII/30.

2. אויפֿרירן | סטוטש 160 |. % די מוילוואָרפֿן בורען די ערד, מאַכנדיק זייערע נאָרעס.

1959" ביסט שיכור? - האָט זי געוומען בורען זייַנע האָר - דער קאָפּ איז דיר הייס, יינגל". ב. רעסלער, צ' טאָג, XII/19. 4376

3. אומפּ/ אוטוו ( פֿיג ) אויפֿרודערן, באַאומרויקן. % דער געדאַנק וועגן אַוועקפֿאָרן האָט געבורעט אין מוח און ניט געלאָזט טאָן קיין זאַך. זע נאָר ווי עס בורעט אין אים, ער קאָן זיך גאָרניט באַרויקן.

1938" אין די ליידיקע טעג האָט אָן אומרו געבורעט אין לייב". נח לוריע, עליע יאַרש, בערדיטשעוו. 4380

4. ( אונטער)העצן, אויפרייצן קעגן עמעצן, אנרעדן צו עפעס. % די אגיטאטארן האלטן אין איין בורען, מע זאל ארויס אין א שטרייק. דאס ווייב בורעט אים, ער זאל ניט פארשווייגן דעם שכן די עוולה.

1941 "|...| נאר עפעס א יונג דארט די פויערים בורעט // און רעדט קעגן קיסר און פריץ און גאט". 4387

ש. ראסין, טרייהייט, וואַרשע ז' 68.

||בורעניניע - די, בא. יערונג, אויפרודער, אויפ-ברויז. % צווישן די שכנים איז געווארן א מחלוקת, א בורעניניע, אלע האבן זיך געקאכט און געשריגן.

1893 "|...| טויזנטער בעלגישע פויערים |...| זיינען אוועק קיין זיד-אמעריקע. עס איז געווארן אין לאנד א בורעניניע: מען האט מורא געהאט, אז דאס געבענטשטע בעלגיע וועט בלייבן אן פויערים". 4391

ב. פייגענבוים, די גאולה, נ"י, ז' 16.

1927 "|...| און האט אנגעמאכט א בורעניניע אין דער סטאדע|...|". ווינטש, גוו VI, נ"י, ז' 48. 4394

=ניש - דאס/די, בא. דזוו דפוו.

1926 "איצט דארף מען איינהאלטן די בורעניש, וואס בורעט". מבא. זאוול רימער, ווארשע, ז' 78. 4397

ב ו ר ע ק - --- בוריק.

ב ו ר צ א ד ל ע - ---- בורטשאדלע ב 2.

בורזשוילע - ← בורטשעפלע ב 2

ב ו ר ק ו ט - דער, =ן, | אקצענט?|." מענטש פון נידעריקסטער קולטור אדער אן קולטור" | קטוו |. (?נ?)

(?נ?) ב ו ר ק ל י וו ע - אַדי. "ניט פריינטלעך, אומאיידל,
4416 בורטשענדיק" | קטוו |. P: burkliwy

ב ו ר ק ע I - די, =ס. 1. אייבער=בגד פון א דיקן
געוואנט מיט א קאַפּטער ( קאפּיושאן ), געניצט ס'רוב
אונטערוועגנס קעגן רעגן, שניי, קעלט. % לאנגע,
ברייטע בורקע. די סוחרים האבן זיך אויסגעקליבן
אין וועג אריין אין דער סאמע זאווערוכע, האבן
זיי אנגעטאן איבער די פעלצן זייערע ווארעמע בורקעס.
"1869 |...| טוך און בייקע |...| אויף 58 מלבושים,
4449 חוץ 119 בורקעס". קמ, נ' 20, I - 230.
|1915|" אָט אזוי ועסטו פארן? |...| וועסט דערפרוירן
4459 ווערן, אנדריי! אהער די בורקע!". שע. פּונים
יאריד II, ציט אויסג ווילנע - ווארשע 1926, ז' 188.
"1927 עטלעכע יידן אין ווארעמע סוחרישע בורקעס |...|".
4445 ייז, שטאל און אייזן, ווארשע, 1927.
"1941 בורקע - א באַנדע מיט אַ קאַפּטער". אפא,
יישפּ I, - 2, ז' 60.

2. ( רעג, פוילן?) " א ווינטערדיקער ווארעמער קורצער
מאנטל האט געהייסן בורקע. דער בגד האט אויס-
4443,4418,4421 געזען ווי א פארמאכטע מארינארקע, פארשפיליעט
ביזן האלדז, און דערגרייכט ביז צו די קני, אויס-
געפילט מיט וואטע. אזעלכע בורקעס האבן געטראגן
מוליארעס, טרעגערס, באן-ארבעטער און פורמאנעס"
| קטוו |.

Z7 אורקע-בורקע - צונעמעניש פאר א גנב | סטוטש 483|.

באַמ: קומט אהער?

ב ו ר ק ע II - די, =ס. ( ס׳רוב געניצט אין מצ ).

ווינטערדיקע וואַליקעס אונטערגעגייטע מיט לעדער.

% מע זעט גלייך אז ער איז א "נאטשאלניק" - ווער 4431

נאך קאן זיך פארגינען אזעלכע בורקעס אויף די פיס?

R: бурки.

ב ו ר ק ע ן - 1. טרוו. זאגן עפעס אומקלאר, מיט

א טאָן פון רוגז. דזוו בורטשען ב 2. % עפעס

בורקעט ער אונטער דער נאז, קיינער ווייסט ניט וואס

ער וויל. תמיד איז ער אומצופרידן, רעדט נישט,

נאָר בורקעט.

1933" עפעס האט ער שוין |...| א בורקע געטאן מיט

רוגזה, פאר וואס ער ברענט א לאמפ ביי נאכט. ס׳ארט 4433

אים ניט - האט ער געבורקעט - דער גאז, סע ניט

זיין גאז, נאר די גראבקייט". קוו, צוויי כאווירים,

מאסקווע, ז׳ 129.

2. אוטוו. ווערן קלאנגען וואס קומען פון בויך אדער

ביים פערמענטירן; בורען. % עס בורקעט אים אין

די קישקעס נאך די אלע געריכטן.

||=ניש אומודאס, בא, דאס בורקען א סך, כסדר.

1972" מען האט זיך געדרייט אויף די געלעגערס און זיך

איינגעהארכט מיט אימה צו דעם פארלאנגענדיקן 4458

בורקעניש פון לידיקן מאגן". ה. ראזענפארב,

דער בוים פון לעבן ת"א, ז׳ 78.

ב ו ר ק ע נ ע ן - אוטוו. פאר געבורקעט.

( לאקל, באטיק, ליטע ) " וואָרקען ( פון טויבן )"

| קטוו |. 4466

ב ו ר ר | בוירער | -. דער, =ים | באַרערים |.

1. א מענטש וועמען יעדער פון די צדדים אין א סיכסוך קלויבט אויס ער זאל דערפירן צו א הסכם, א פשרה, ניט אנקומענדיק צו אן אפיציעלן מישפט; אַרביטער. % די צדדים האבן זיך מתחייב געווען אויסצופאלגן דעם אויסגלייך פון די בוררים. דער בורר האט געפסקנט, אז די שותפים דארפן זיך צעטיילן מיטן היזק.

1869" ניט אומזיסט זייט איר א ווילדער בורר און א גוטער אפמאכער". ממוס, די טאקסע. 4471

1908" די וואס לייגן זיך אין שלום אריין, כלומר די בוררים |...|". וו. ליטינסקי, ר"ח תמוז פאר משוגעים, בערדיטשעוו, ז' 27. 4486

1973" ווי וויל לויטן דין דארפן דער תובע און זיין בורר רעדן די ערשטע |...|". באש, פאר, IV/28. 4472

2. ( עלט )איינער פון די אויסגעקליבענע צו שטימען ביי אומדירעקטע וואלן. % מע האט אויסגעקליבן ניין בוררים, און זיי האבן דערנאך אויסגעקליבן דעם ראש-הקהל.

||=בורריש | בויהעריש | - אדי/אדוו. אויף דעם שטייגער פון א בורר, פשרהדיק. % דעם סיכסוך האט מען פארענדיקט בורריש, מיט א פשרה.

0 שטאט-בורר - דער,=ים. א חשובער מענטש, וואס פלעגט זיין דער שטענדיקער בורר אין פארשיידענע סיכסוכים.

בוררים-געריכט - דאס, =ן. א פשרה-געריכט, וואס באשטייט מער ווי פון צוויי בוררים ( --> בית-דין זבלא ).

פּוּל: א בורר דאַרף האָבן א ליטוואַקס מוח, א באַסאַ־ ראַבערס כּוח און א חסידיש האַרץ.

ב ו ר ר ו ת | באָרערעס | - דאָס, באַ. דער אַקט אָדער פונקציע פון דערפירן צו אַן אויסגלייך אין א סיכסוך; אַרביטראַזש. % זיי האָבן נישט געוואָלט זיך משפּטן אין געריכט, האָבן זיי מסכּים געווען אויף א בוררות.

"1905.. | ... | אָפּגעבן זיך מיט כּלל־זאַכן, א תּלמוד־תּורה, | ... | א בוררות, א דין־תּורה און גלאַט אַן עצה". 4484

שע, XIX ... פון כתרילעווקע, דער" א וואָרט פאַר א וואָרט", ציט אַרויס. אור וורק, נ"י, 1944, ב' V, ז' 148.

1922" ער איז געווען מלא־רציחה, וואָס דער הונדערטער פאַר זיין בוררות האָט זיך אים פון האַנט אַרויס־ 4480

געגליטשט". בערג, גור !!!, בערלין, ז' 38.

1957" זיי האָבן געהאַט א בוררות וועגן די קינדער". מאַל, א שטוב מיט זיבן פענצטער, נ"י, ז' 12. 4483

0 בוררות־געלט - דאָס, =ן. די באַלוינונג וואָס דער בורר פאָלגט קריגן פאַר זיין טרחה און צייט ביים אויסגלייכן א סיכסוך. % זיין בוררות־געלט האָט ער תּמיד אַוועקגעגעבן אויף צדקה.

1913 " די מאַמע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ | ... |.עס איז ניט כּשר געגנוג פאַר מיין קינדס תּפילין - האָט זי ענדלעך שטיל אַרויסגערעדט; דאָ איז שוין דער טאַטע געוואָרן אַביסל אין כּעס: זיינע בוררות־געלט ניט כּשר?". יהואש, פון דער וועלט און יענער, נ"י, ז' 40.

ב ו ר ר ן | בוירערן | - אוטוו. אויספירן די פונקציע דעם אַקט פון א בורר; אַרביטרירן. % חוץ אַנדערע פּרנסות האָט ער זיך אויך פאַרנומען מיט בוררן אין פאַרשיידענע משפּחה־סיכסוכים.

ב ג ר ר ר ! - אינט. פפ: בררר! אויסרוף ווען עמיצן איז קאלט, אדער אומאנגענעם.

1911" נאר מיר אליין איז אצינד עפעס פע, בוררר! מען באדארף נעמען נאך א ביסל גסך | ווייך | צום אויסניכטערן זיך. ממוס, קליאטשע, קאנק: 1305940.

ב ו ר ש - דער, =ן. 1. ( עלט ) לערניינגל ביי א בעל-מלאכה. % ס'האבן ביי דעם מייסטער געארבעט עטלעכע עלטערע פועלים און א בורש, איז נאר וואס אנגעקומען אויף דער לער. די ארבעט האט אפגעטראגן דער בורש.

1867 " און ער |דער מייסטער| בעסערט אויך אויס די מאראלישע אויפפירונג פון זיינע געזעלן און בורשן". 4531

ארז, קמ, נ' 34, ז' 261 - II.

1887" די געזעלן ארבעטן פאר געצאלט, און די בורשן ( טערמינאטארס ) אומזיסט". איבן אויס דעם פאלנישן מרדכי בן שאול, | מחבר?|, פון וואס איינער לעבט, לאנדאן, ז' 34. 4488

2. (עלט?) מיטגליד פון א סטודענטישער קארפאראציע.

1964 " ער איז דעמאלט געווען בלינד געהארכזאם דעם פוקסמאיאר, ווי אויך יעדערן פון די עלטערע קארפאראנטן - די בורשן". י. קאפלאן, שליאך און אומוועג, ת"א, ז' 88. 4536

3. (עלט) "יינגל"|קטרו|.

( ביטול ) א געמיינער, פראסטער יונג.

1954" |...| א מוטער קענטט זיין פון א נאצישן בורש, א נאצי מיט פעך-שווארצע אויגן און האר" | רמז אויף היטלערן |. ש. וואסערמאן, גזדאיך יזב כעלם, יאהאנעסבורג, ז' 534. 4489

ב ו ר ש ט י ן I - דער, =ען. א פארהארטעווועטע בוימ-סמאלע ( דער עיקר פון סאסנע) פון פרעהיסטארישע צייטן, דורכזיכטיק אדער האלב דורכזיכטיק אין פארשיידענע ניואנסן פון געל. מע געפינט עס אין

ב ו ר ש - דער, =ן. 1. ( עלט ) לערניינגל ביי א
בעל-מלאכה. % ס'האבן ביי דעם מייסטער געארבעט
עטלעכע עלטערע פועלים און א בורש, איז נאר וואס
אנגעקומען אויף דער לער. די ארבעט האט אפגעטראגן
דער בורש.

1867 " און ער |דער מייסטער| בעסערט אויך אויס די
מאראלישע אויפפירונג פון זיינע געזעלן און בורשן". 4531
ארז, קמ. נ' 34, ז' 261 - II.

1887" די געזעלן ארבעטן פאר געצאלט, און די בורשן
( טערמינאטארס ) אומזיסט". איבן אויס דעם 4488
פאלנישן מרדכי בן שאול, | מחבר?|, פון וואס
איינער לעבט, לאנדאן, ז' 34.

2. (עלט?) מיטגליד פון א סטודענטישער קארפאראציע.

1964 " ער איז דעמאלט געווען בלינד געהארכזאם דעם
פוקסמאיאר, ווי אויך יעדערן פון די עלטערע 4536
קארפאראנטן - די בורשן'". י. קאפלאן, שליאך
און אומוועג, ת"א, ז' 88.

3. (עלט) "יינגל"|קטרו|.

( ביטול ) א געמיינער, פראסטער יונג.

1954" |...| א מוטער קענטס זיין פון א נאצישן בורש,
א נאצי מיט פעך-שווארצע אויגן און האר" | רמז 4489
אויף היטלערן |. ש. וואסערמאן, אויב כעלם,
יאהאנעסבורג, ז' 534.

ב ו ר ש ט י ן I - דער, =ען. א פארהארטעוועטע
בוימסמאלע ( דער עיקר פון סאסנע) פון פרעהיסטארישע
צייטן, דורכזיכטיק אדער האלב דורכזיכטיק אין
פארשיידענע ניואנסן פון געל, מע געפינט עס אין
געוויסע ימען אדער אויף די ברעגן פון ימים.
% קארעלן פון בורשטין. פאר אן אנדענק האט ער
געקויפט א פושקעלע באזעצט מיט שטיינדעלעך פון
בורשטין.

בו - 377.

1844" אין אונזר קאנפאניא |=קאמפאניע| איז גגאנגן

4494 איין קליין מיידל אין איין שנור בורשטין אויף

אירן האלז |...|". ר׳ מנחם-מענדיל בר׳ אהרן,

קורות העתים, ווארשע.

1926" איבער דער אטאמאנע, איבערן דיל האבן זיך א שאט

4501 געטאן בורשטינען מיט א קלאפעריי |...|". אפא, VIII,

ווילנע, ז׳ 192.

1951" לכתחילה האט מען דעם בורשטין אויפגעקויפט ביי

4505 די וואס האבן אים געפונען ביים ברעג ים, דערנאך

האט מען אנגעהויבן פרוון ארויספישן בורשטין

פון ים גופא". ים, זב ליטע I, נ"י, ז׳ 1965.

0 בורשטינאייל - דער, בא. ( עלט ) | באטייט? |.

|1910?|" איך אזא פאל פון אורין-פאראהאלטונג |...|

4509 קויפן אין אפטייק בורשטינאייל Oli succines

|...| געבן דעם קראנקן |...| דריי מאל טעגלעך

בערך צו 5 קראפלעס | טראפן |". טארלער רבי

| ראזענבערג |, סגולות ורפואות II, לאדז, ז׳ 21.

בורשטין-זייערס/זויערע - דאס, בא. | טערמינאלאגיע

כעמיע, ווילנע 1921 |.

בורשטינלאק - דער, =ן | סטוטש | 213 |. טארט

וואקס.

בורשטין-קאליר - דער, =ן

L7 אויגן ווי בורשטין/בורשטין-אויגן. % דאס מיידל

איז חנעוודיק, מיט בורשטין-אויגן.

עכט ווי בורשטין - אריגינעל, נישט געפעלשט, ניט

קיין אימיטאציע.

קלאר ווי בורשטין - דורכזיכטיק.

ם

בורשטין איל |=אייל |.

1794" התרופות המחממות |...| כגון |...| זאלביא

( בל"פ שאלוויע ) אמבער אייל | בורשטין אייל |...|". 4508

מ. לעפין, רפואת העם, זאלקווא, תקנ"ד, פרק כ"ו,

סעיף שמ"ז.

בורשטין II - שטאט אין גאליציע. (?נ?)

בורשטינער כייטשוליקעס ( נאכן נאמען פון א

גנבים-הערשט [-אנפירער] " | קטוו |. 4490

בורשטיניק I.

|| =יק. דער, =עס. " דער וואס פארנעמט זיך מיט

געפינען דעם בורשטין |קטוו|.

בורשטיניק II - אדי, וואס האט , וואס אין

אים איז פאראן בורשטין.

1951 "ווי נאר דער בורשטיניקער ברעג ים איז געקומען

אונטער דער ממשלה פון |...| פעאדאלע הארן |...|". 4518

ים, זב ליטע I, נ"י, ז' 1462.

2. ( פיג ) ווי בורשטין ( אין קאליר, אין דורכזיכטי-

קייט אע ).

1926" העל און רוביניק, סודיק-בורשטיניק רייטעס

א קיניג, // פאַרעט מיט שווערד. ל. גיידוס, ליריק, 4522

ווארשע, ז' 347.

1967" |...| און קושן די בורשטיניקע שטילקייט פון

האניק |...|". י. פרודמאן, ליבשאפט, ת"א, ז' 68. 1967

1963" אונטער שאטן פון ווינט, אויף בורשטיניקן זאמד

// ביז איך שיכור געפאלן |...|". סוצ, פוו I, 4517

ת"א, 1963, ז' 235.

379 - ב!

בורשטינען - |=ענע, =ענער| - אדי, 1. וואס
איז פון בורשטין. %בורשטינענע קרעלן.

2. וואס איז ווי בורשטין (אין קאליר, אויסזען).

... "|...|לויגט נישט דעם אלטן בעל-הבית ארויסצונעמען
די לאנגע אנטיפקע מיטן בורשטינענעם שפיץ פון 4525
מויל". פרץ, אלע ווערק II, ציט אויסג,
נ"י, 1947, ז' 394.

1956 "|...|. ברוינע אויגן, בורשטינענע אויגן,
שווארצע אויגן". ש. סיימאן, ווארצלען, ב"א, 4524
ז' 106.

1971 "אהין |אין די סלאיען| וועט מען גיסן דאס שיינע
רויטע בורשטינענע איינגעמאכטס". אי. קיפניס, 4523
מיין שטעטעלע סלאוועשנע II, ת"א.

בורשליק - דער, =ן. (פטמ) דזוו באשליק I,

1959 " אין א 'זאליפ' איז ווארעם! - זאג איך -
און איך וועל אנטון 'פיסלעס' (וואלינקעס) מיט 4532
א 'בורשליק'". ה. אקערמאן, צ' טאג - 3/I.

1969 " |...| אין א וואטן טוליפל |...| מיט א קוטשמעלע
און א בורשליקל און א פאר וואלענע הענטשקעלעך 4529
|...|". ה. אקערמאן, טמז, 22/II.

בור=תחתיות | בויר/באר=טאכטיעס | - דער, בא. ?נ?
(לל) ~~...~~ באצייכענונג
פאר געפאלנקייט, פון גרויסער ירידה. % דער מענטש
איז געווען אין גרויסער גדולה, איצט איז ער נעבעך
אראפ ביזן בור תחתיות.

בור תחתיות — אינטערשטע מדרגה H.

בוש I - דער, =עס/=ן. קליין, נידעריק ביימל מיט
א דינעם שטאם און דינע צווייגן; קוסט. % לויפנדיק
האט ער זיך פארטשעפעט אין די צווייגלעך פון א בוש.
דער הירש האט זיך באהאלטן צווישן די בושן.

1928 "דער אינדיאנער האט אנגעוויזן אויף א לייכט
צונויפגעקלאפט שטיבל, וואס האט זיך ארויסגעוויזט 4537

2. וואס איז ווי בורשטין (קאליר, אויסזען) אין.

... "|...|לויינט נישט דעם אלטן בעל-הבית ארויסצונעמען
4525 די לאנגע אנטיפקע מיטן בורשטינענעם שפיץ פון
מויל". פרץ, אלע ווערק II, ציט אויסג,
נ"י, 1947, ז' 394.

1956 "|...| ברוינע אויגן, בורשטינענע אויגן,
4524 שווארצע אויגן". ש. סימאן, ווארצלען, ב"א,
ז' 106.

1971 "אהיך |אין די סלאַיען| וועט מען גיסן דאס שיינע
4523 רויטע בורשטינענע איינגעמאכטס". אי. קיפּניס,
מיין שטעטעלע סלאַווישנע!!, ת"א.

בורשלאַיק - דער, =ן. (פטמ) דזוו באשליק I,
1959 " איך א 'זאליפ' איז ווארעם! - זאג איך -
4532 און איך וועל אנטון 'פיסלעס' (וואלינקעס) מיט
א 'בורשליק'". ה. אקערמאן, צ' טאג - 3/I.
1969 " |...| אין א וואטן טוליפל |...| מיט א קוטשמעלע
4529 און א בורשליקל און א פאר וואלענע הענטשקעלעך
|...|". ה. אקערמאן, טמז, 22/II.

בור=תחתיות | בויר/באַר=טאַכטיעס | - דער, בא. ?נ?
(לל) ~~[struck through]~~ באציכענונג
פאר געפאלנקייט, פון גרויסער ירידה. % דער מענטש
איז געווען אין גרויסער גדולה, איצט איז ער נעבעך
אראפ ביזן בור תחתיות.
בור תחתיות — אינגערשטע מדרגה H.

בוש I - דער, =עס/=ן. קליין, נידעריק ביימל מיט
א דינעם שטאם און דינע צווייגן; קוסט. % לויפנדיק
האט ער זיך פארטשעפעט אין די צווייגלעך פון א בוש.
דער הירש האט זיך באהאלטן צווישן די בושן.
1928" דער אינדיאנער האט אנגעוויזן אויף א לייכט
4537 צונויפגעקלאפט שטיבל, וואס האט זיך ארויסגעווייסט
צווישן ביימער און בושעס". אפּא X, ווילנע, ז' 66.
... " די פעפערפלאנץ ווערט גערעכנט א בוים, הגם
4537 זי איז ניט מער ווי א קליינער בוש". איבז,ש. זאלקינד,
תלמוד, ברכות, פ' 137.

בו - 380.

1957" מיט זיינע הערנער פארוויקלט, איינגעפלאכטן אין

4531/א פארצווייגונג פון א בוש". אש, |?|, גק, ג' 28,

ז' 9.

2. א קליין וועלדל, געזעמל פון בושן. % דער אנטלא-

פענער האט זיך באהאלטן אין דעם בוש וואס הינטער

דער תפיסה. אין דעם געדיכטן בוש ראַיען זיך שלאנגען.

1938" איך זע הוילע ביימלעך זיך וויגן וויסט אין א

4352/א בוש". אל !!, נ"י, ז' 260.

1968" |...| געשארט זיך דורך די בושעס אין די גראזן".

4539 לע, אפקלייב, נ"י, ז' 84.

3. ( רעג, דרום-אפריקאנער ) " דרום-אפריקאנער

סטעפ"א | קטוו |.

ם

---- 1.

4525 1767" בוש - נהל ב אילן גמוך. בושין." שווק, ת.ק.פ"ז.

4525

2----

|1508?| " בחורשה - אין דעמא בוש"א, ל' יער".

4543 רייכלין 8, שמואל א, כג - טו.

... צריח - דער בוש. יער דק וקטון". דצוו, שופטים

4538 ט - מו.

ב ו ש !! - דער, |=ז?|. ( לאקל, ווו?) " א דיקער,

4533 גראבער מענטש "א | קטוו |.

ב ו ש !!! - |אדוו?| ( לאקל, טהוואראו, לעמבערגער

געגנט ) " די האר פארקעמט גלייך אויף ריקווערץ

|=צוריק אויף ארויף |"א | קטוו |.

? á bouche

באמ: אין קארטל שטייט "א בוש" אפשר מיינט עס
אבער אין פראנצ' ניט געפינען אזא אויסדרוק מיט
דעם באטייט.

ב ו ש IV - | דער?|, =ין. בינטל.
"1722 |...| אונ' אייך (קמיע) אונ' אייך בוש
4527/א פערליך | פערל | דיא ביי אנגדר גיהעפט זיין".
מהם, אמשטרדם, דף נו/ב. | אריגינאל: צרור המרגליות|.

" |...| האבן אים אין גוויקלט אין דער ספר תורה 1722
4535 אונ' האבן אים ברינגלט מיט בושין רעבין אונ'
האבן זיא מיט פייאר אן גיצונדן". דצוו, דף לג/ב.
| אריגינאל: |...| והקיפוהו חבילי זמורות |...|.

ב ו ש א ק - דער, עס. פפ: בושעק. (ראשק, אוקר)
4545 דזוו בושעל, באטשאן, איסט. | קטוו |. 
ак: буевок/буевко

באמ: בושאק? אין קארטל ניטא קיין דיאקריטישער צייכן!

ב ו ש ה |בושע| - די, מצ זן בושות |בושעס|.
1: געפיל פון אומאיינגענעמלעכקייט, פארלעגנהייט,
א מאל אויך דערנידערונג, וואס עמעץ לעבט איבער
צוליב זיינער א טוּונג, אויפפיר, רייד אַע, מיטן
באוווסטזיין אז דאס איז אומפאסיק, ניט אנגענומען,
שלעכט. % פילן (א) בושה. ניט האבן קיין בושה.
איך האב ניט געקאנט ענטפערן אויף קיין איין פראגע
און דערפילט א שטארקע בושה. דער גראבער יונג האט
גאר ניט קיין בושה צו רעדן אזעלכע מיאוסע ווערטער.

1832" |ער| זאל זיך זייער אראפּוואַרפן פאַר השם-יתברך
מיט גרויס שפלות און מיט גרויס בושה פון זיינע 4559
חטאים". פוקח עוורים, שקלאָוו, אות כ"ג. |אויסלייג
מאָדערניזירט דורכן אויסשרייבער|.

[בליזיק]
1908" די יידישע ספרים וואָס בלייבט/אייך פון עלטערן
ירושה, // וואַרפט איר ארויף אויפן בוידעם גאַר אָן 4561
בושה". ישראל בריל, מיין זיידעס הגדה,
ווילנע, ז' 29.

1911" טפו!-שפּיי איך אויס, רויט ווערנדיק פאַר בושה"
~~....."שפּיי איך אויס, רויט ווערנדיק פאַר בושה~~ 4561/א
מ' 63 ...
ממוס, די קליאַטשע,... קאַנק: 1294720.

1962" |...| אָבער די יאָרן טעמפּן אָפּ אַפילו די בושה".
י. וואַרשאַווסקי, פאַר, IV/23. 4546

2. די אייגנשאַפט ניט צו קאָנען עפּעס טאָן, זאָגן צוליב
אומדרייסטקייט, אומזיכערקייט אין זיך; שעמעוודיקייט,
ביישנות. % די שטענדיקע בושה זיינע פאַר פרעמדע
האָט אים ניט געלאָזט ארויסזאָגן אויך זיין מיינונג.

1876" אַזוי זענען אַלע מיינע איבעריקע מעלות טובות,
למשל, מיין בושה נעמט זיך פון יידישן 'אַראָפּפאַלן 4569
ביי זיך".

1882" ברייטע נעגל צייגן אויף בושה און אראָפּגעפאַלנקייט
ביי זיך". ר' מ. א. גאַלינו, חכמת היד, וואַרשע, 4557
ז' 16.

1909" פון אירע אויגן האָט אַ וואַרעמע, שטילע בושה
ארויסגעקוקט - ווי פון די אויגן פון אַ טויב". 4568
א. וויעוואָרקאַ, הימל און ערד, לעמבערג, ז' 34.

3. פארשעמענדיקער אדער שפלדיקער מעמד, מדרגה פון
עמעצן צוליב יענעמס א
טהונג, אויפפיר, רייד אע, וואס רופט ארויס, ביטול,
פאראכטונג אדער פראטעסט; בזיון, חרפה, שאנד,
% ס'איז א בושה ווי דאס מיידל גייט אנגעטאן, בעסער
געזאגט – אויסגעטאן. זיין קארגשאפט האט אים געבראכט
נאר בושה און לייטיש געלעכטער.

1833" און איז ער סבור וקובל צו ליידן דיא בישה
4553 און די שאנד וואס וועט אים גרייכן אז מען וועט
אום חאפין". איבז ר' משה בר' נתן נטע מאוסטרא,
הרב אליהו הכהן מאזמיר, שבט מוסר, סדילקאב,
תקצ"ג, דף נ/1.

|...189|" גענוג חרפות און בושות געהאט פסח! –
4567 געגאנגען אין שול אריין אין |...| אלטן קליידל,
אין וועלכן די קבצנישע קרובים האבן זי ארויסגעפאקט".
פרץ, VI, נ"י, ז' 22.

1936" א, מענטשן זעען, מיינסטו? – |...| די דאזיקע
4552 בושה נעם איך אויף מיר. געשייטער אזויערנאך צו
פארדינען, ווי פון שטיין אין א קרעמל". ש. האראנטשיק,
שטארקע מענטשן, ציט אנט, ז' 157.

1972" אויסער דעם איז סתם א בושה זיך אליין אנצובאטן,
4551 נאך דעם ווי ער האט בשעתו אפגעזאגט אלע בקשות
צו בלייבן". חג, פאר, VIII/ 19.

4. ( אייפעם ) מיידלשע אומשולד, בתולהשאפט.

|...190|" מיין נישט, די וועלט איז א בערזע – באשאפן
4551/א // צו האנדלען |...|// צו קויפן ביי מענער דעם
מארך פון די ביינער |...|// ביי ארעמע מיידלעך די
בושה". פרץ, מיין נישט.

0 בושה-געלט - דאס, בא. איינע פון די פארגיטיקונגען וואס מע מוז, לויטן תלמוד, צאלן דעם געשעדיקטן.

..." ער איז חייב נזק, צער, |...| אבער בושה-געלט איז ער ניט חייב". [פיעס?] בבא-קמא, כז/א. 4571

בושה-געפיל - דאס, =ן.

1961" דעמאלט טרעט שלייען אפ מיט זיין פארשטארקטן בושה-געפיל |...|". בערג, אויסגעוויילטע ווערק, מאסקווע, ז' 661. 4572

27 בושה און חרפה/חרפה און בושה - אפט געניצט ווערטער-פארל צו פארשטארקן דעם אויסדרוק. % ס'איז א בושה און א חרפה וואס ס'קומט פאר אין דער משפחה, נאר מע קריגט זיך און מע שעלט זיך.

בושה וכלימה |אוכלימע| - דזוו דפוו.

1973" אלדאס שלעכטס |...| איז שוין אורעקגעפלאסן מיט דער טויטער צייט, אונדזער שיפלות, בושה וכלימה". 4573
י. שפיגל, גס, נ' 79-80, ז' 83.

זאל עס נישט זיין צו קיין בושה - ווערט געזאגט ווי א מין אנטשולדיקונג פאר עפעס וואס מע גייט ווייטער זאגן, וואס קאן אויסזען אומפאסיק.

1911" |...| גאנצע שרפ"ט מיליאנען, זאל עס נישט זיין צו קיין בושה, עס קאסטעט מיך, גוואלד, איך זאג עס האבן, וואלט איך עס דא |...|". ממוס, די קליאטשע, קאנק: 1274350. 4573/א

איינעמען בושות - פארשעמט ווערן,ליידן פון בושה. % פון די דאזיקע צעלאזענע יונגען קאן מען נאר איינעמען בושות.

אנטאן בושות - גורם זיין, פארשאפן בושה, פארשעמען.

|?1817| "|...| האט די יהודית געגנפט איך האב איין מאל איין ליכט אן גצונדין אן שבת דרום הט מן מיר

די בושה אין גטאָן". ספר חסידים, |תקע"ז?|. סימן קנה-23.

1965" |...| איז ארונטערגעגאנגען פון דרך הישר און

4549 ער האט זיינע עלטערן אנגעטאן בזיונות און בושות".

ה. אקערמאן, פאר, VIII/ 27.

אוועקוואַרפן/אראפוואַרפן די בושה, אראפוואַרפן די דעק

פון בושה, אוועקלייגן/אפלייגן די בושה(אן א זייט),

אויס בושה, ארויס פון דער בושה, אויסטאן דאס בושה-

העמדל – אויפהערן צו שעמען זיך, שוין ניט האבן

קיין בושה און טאן אזוינס וואס פריער האט מען זיך

געשעמט.

1833" האב איך אראפ גיוואַרפן די דעק פון בושה פון אפ

4562 מיין פנים". איבז ר׳ משה בר׳ נתן נטע, הרב אליהו

הכהן האתמרי, איז מיר, שבט מוסר, סדילקאב,

תקצ"ג, דף לח/2.

1866" ארעמע לייט, מען זאל זיי ניט לאזן פאלן איידער

4550 זיי זינקען און מוזן אפלייגן די בושה, די האנט

אויסצושטעלן". קמ, נ׳ 10, ז׳ 153.

" איך וועל אראפוואַרפן פון מיר די בושה". אש, 1924

גש, IV, ז׳ 13.

( ס׳איז ) א בושה פארן וואיט/פארן קאזאק – ס׳איז ניטא

פאר וועמען זיך צו שעמען.

א בושה אין פנים און א ווייטיק אין הארץ — [illegible]

[illegible]

שור: אז מען האט ניט קיין בושה פאר לייט, האט מען ניט

קיין מורא פאר גאט.

בושה טוט וויי. ווער עס האט ניט קיין בושה, דער האט

קיין ערלעכע מאמע ניט געהאט. אנווערן נדן און

ירושה איז ניט קיין בושה. ווער עס האט ניט קיין

בושה אין פנים און קיין רחמנות אין הארצן, דער

דער קומט ניט ארויס פון יידן.

ווער עס האט קיין בושה ניט, דער האט ניט אין זיך קיין יידישן אדער.

□ בושה

.2 <-----

1692" אבער ווען ווידער איין קלון או בושה מאכט אויף איהם קומען אבער מאכט איין סרבן זיין נגד ג"ו |... 4548
|גבאים ומבוררים| עם זקנים און מאן מאכט איהם שנית אבשאפפען מהחברות הנ"ל". תקנות פון פראגער חברה קדישא, תנ"ב, 6-3 Das Jüdische Centralblatt, Prag, 1889

1716 " דען ווער עס טוט איינש פון דיא שלעכטי זאכן דיא מיר דא גידאכט האבן, דער טוט עס אנדרשט ניט 4565
אז וייל ער דיא דעק פון דיא בושה פון זיך ציהט דז ער זיך ניקש שעמט פר לייטן". חה 1, אמשטרדם, לט - 1.

□ ב ו ש ה יי ט ~~[illegible]~~ <--- באסהייט. 4577-4576

□ ב ר ש ט א ר ט יי א - | די?, מצ?|. נאמען פון א הייל-קרייטער.

1728" נעם אלוין אונ רויטי קרעלין |...| אונ' די וואר-
ציל פון (בישטארטייא) אונ' פרעגיל עז אויף קוילן 4581
אז וויא איין גימאכטש, אונ' ליג עז דר נאך אויף דיא צין |...|". סור, פיורדא, דף כא - I.

ב ו ש ט יי - דער? מצ? "(טעכט, דרוקעריי) צעשאטענער זאץ" | קטוו|. 4583

ב ו ש י ק - דער, =עס. |סטוטש 247|. דזוו בושל. | פקפ פון בושעל?|.

פוגל.
ב ו ש ל ! - --- בושעל.

ב ו ש ל ?! - דער, |בא?|. ( רעג, ליטע ) " שוים פון פאמאַיעס" | קטוו |.

ב ו ש ל אַ ט - דער, =ן. (רופוגוגלם) 1. געווענטענע קורטקע פון מאטראסן. % אלע מאטראסן שטייען אנגעטאן אין זייערע ברייטע הויזן, געשטרייפטע לייבלעך און בושלאטן.
B: бушлат

1948" מיטן שינעל האט ער פארדעקט זיך דעם בושלאט, // די בעסקאזירקע ||מאטראסיש היטל אן א דאשעק| ער אין בוזעם האט באהאלטן". פמ, מלחמה II, נ"י, ז' 323. 4618

2. ווארעמע קורטקע ( ס'רוב אויף וואטע ) וואס מ'האט געטראגן אין דער מלחמה=צייט, ספעציעל ארעסטאנטן. % די לאגערניקעס פארריכטן זייערע צעלעכערטע בושלאטן.

1965" אין די בושלאטן, אין די שמאטאווע היטלען |...| האבן זיי |די ארעסטאנטן| אויסגעזען ווי סטראשידלעס". 4611
נאטע לוריע, הימל און ערד, מאסקווע, ז' 116.

388

[illegible]

פריט 388

נינה פוראן

ב ו ש ל - ש נ אָ ב ל - דער, =ען. (רעג, ישראל) (?נ?)

בלומ |סטוטש 250|. העברעיש: מקור החסידה. 4622

(GARANIACEAE פֿון דער משפּחה ERODIUM)

ב ו ש מ ו י ז - די, ~ מייז. מין נאָגער.

באַמ: סטוטש 247 רעכנט זי אויס צווישן די נאָגערס: בושמויז, בייטלמויז.

ב ו ש ע ו ו ע ן - אוטוו. 1. באַוועגן זיך, פֿאַר-שפּרייטן זיך אויף אַ האַסטיקן, שטורמישן אופֿן, אַרויסווייזן אַ גוואַלטיקן (ס׳רוב אַ צעשטערערישן) כּוח (לגבי סטיכישע דערשיינונגען, ווי ווינט, וואַסער, פֿייער, קראַנקהייטן אַע). % די זאַווערוכע האָט געבושעוועט דריי טעג, און אַלע וועגן זיינען פֿאַרשיט מיט שניי. דער שטורעם בושעוועט נאָך, קאָנען די פֿישערס ניט אַרויס אויפֿן ים.

"איז אונדזער רב יוזיפֿל אָנגעקומען |...| 1900-1903 צום אַלטן בית-מדרש פֿונקט אין דער צייט, ווען אַרום האָט געבושעוועט דאָס פֿייער". שע, אַלט-ניי כתרילעווקע, ציט אויסגאַבע, נ"י, 1944 ז׳ 93. 4635

1947" הונגער און טויט האָבן אָן אויפֿהער געבושעוועט. קנאַפּע 41 טויזנט יידן זיינען געשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע און אומגעקומען אויפֿן אָרט". רעד׳ ר. מאַהלער, טשענסטאַכאָווער יידן, נ"י, ז׳ 193. 4645

1956" אונטערן פֿענצטער האָט געבושעוועט אַ ווינט". פּמ, מלחמה I, נ"י, ז׳ 191. 4644

1968" אין יענער צייט <u>האט געבושעוועט</u> אין שטעטל די

4652 מגיפה, האט מען דערפאר די חופה געשטעלט אויפן

בית-הקברות". <u>ה. גייער</u>, <u>יזב אסטראצק</u>, ת"א, ז' 727.

1971" דאס זיינען יענע וואסערן פון'וויסט און פוסט'

4650 וואס <u>האבן</u> א מאל <u>געבושעוועט</u> נאך איידער די וועלט

איז באשאפן געווארן". <u>אי. קיפניס</u>, <u>מיין שטעטעלע</u>

<u>סלאווענע</u>, <u>!!</u>, ת"א...

[illegible]

2. סקאנדאלעווען, ווילדעווען, % דער שיכור <u>בושעוועט</u>

אין שענק, ברעכט גלעזער און שפיגלען. די פאגראמ-

טשיקעס <u>האבן געבושעוועט</u> אין שטעטל צוויי טעג,

געשלאגן און געראבעוועט, און די פאליציי האט זיך

געמאכט ניט ווייסנדיק.

1910" א טיראן <u>האט</u> געהערשט און <u>געבושעוועט</u>, נוגשים האבן

4678 געדריקט און געשלאגן אן ארעם פאלק". <u>מר. V</u>,

נ"י, ז' 73.

1973" |...| <u>האט</u> ווייזא | אן אנפירער פון געסטאפא|

4639 <u>געבושעוועט</u> אין געטא ביאליסטאק, ווו ער האט אין

דער וואך פון 5טן ביזן 12טן פעברואר דערמארדעט

900 און ארויסגעשיקט 9000 אין די פארניכטונגס-

לאגערן". <u>ד. ראבין</u>, <u>גראדנע</u>, <u>ענצ' גלות-לענדער</u>,

ת"א, ז' 702.

3. ( <u>פיג</u> ) ארויסווייזן זיך מיט אן אויסערגעוויינ-

לעכער קראפט (וועגן געפילן), ברויזן, קאכן, שטורעמען.

% דער צארן <u>בושעוועט</u> אין אים.

1888" |...| וואס געהער צו יידישקייט, <u>האט</u> מען שטארק

4672 <u>געבושעוועט</u>, טאקע א סך געדאווענט, געזאגט תהילים

|...|". <u>מ. א. שאצקעס</u>, <u>בילדער פון דער ליטע</u>,

<u>יודישע פאלקס ביבליאטעק</u>, נ' 1, קיעוו, ז' 163.

1940" דער קאמאנדיר איז טויט! זיין פינצטער בלוט //
היינט בושעוועט אין אוראייניקלעך זיינע ". אקש, 4672
מיזרעכ אונ מייערוו, מאסקווע, ז' 157.

1962" איין מאל אין א נאכט |...| ווען מאסקווע האט
געהוליעט און געבושעוועט מיט ניי-יאר |...|". 4683
חג, דער מענטש פון פייער, נ"י, ז' 105.

4. ( פיג ) האבן א שטארקן כוח, הערשעווען פארשפרייטן
זיך ( וועגן געזעלשאפטלעכע אדער פאליטישע פאקטארן ).
% דער אנטיסעמיטיזם בושעוועט שוין ווידער אין
אייראפע.

1932" שוין א פאר צענדליק יאר בושעוועט דער סאציאליזם
אין דער יידישער גאס". פנו דרך, עולים בלעטער, 4629
באנד א, נומער א. לאדז, ז' 17.

1947" די צארישע רעאקציע האט געבושעוועט, און די
ארבעטער-מאסן האבן צונויפגעוויקלט זייערע פאנען 4658
|...|". י. קענער, טשענסטאכאווער יידן,
נ"י, ז' 145.

1953" אבער האט טאקע נישט וועלכע ניט איז שייכות
צו יענעם זאאלאגישן נאציאנאליזם, וואס בושעוועט 4663
איצט |...|?". גרינ, איד און וועלט, נ"י,
ז' 183.

|| בושעוודיק/בושעווענדיק - אדי. וואס בושעוועט.

1956" און אין דעם ווינטיק בושעוודיקן פלאם // זיך
הערט ס'געוויין פון איובן מיט זיינע לעסטערדיקע 4628
פראגעס". פמ. מלחמה II, נ"י, ז' 519.

1973 "טראץ דער בושעווענדיקער רציחה האב איך דעמאלט
נישט געטראכט וועגן טויט". ד. פרייבערג, 4684
פינצטערניש אויף דער ערד, ת"א, ז' 468.

בו - 399.

בעשונע,

ב ו ש ע כ ע - די, =ס. פפ: בישעכע, | לII |.

. אנשטעקנדיקע קראנקהייט, דריקט זיך אויס

אין א שארפער אנצינדונג פון דער הויט אדער פון

די שליימהייטלעך; אנדערע גערופן - רויז.

% דאס קינד האט געקריגן א בושעכע אויפן שטערן און

ס'איז שיער נישט אוועק פון דער וועלט.

1876 " דאס פנים לויטער בושעכעס מיט לישאיעס".

ייל, דער סטאטעק, II, אדעס, ז' 87. 4690

1895 " |...| איר אפשפרעכן פון א נאנהרע |עין=הרע|,

פון א בושעכע |...| איז געווען, ווי מע נעמט צו 4687

מיט די הענט!". ייל, דאס פוילישע יונגל,

אדעס, ז' 110.

< uk: бешиха

ב ו ש ע ל |ווייסל|I - דער, מצ בושעל(י)עס/

בושל(י)עס, דז בושלען. 1. בושעל ( וורסנ CICONIA,

פויגל פון דער משפחה בושעלארטיקע, פארשפרייט איבער

דער גאנצער וועלט חוץ אין צפון-אמעריקע; האט א

הארטן און לאנגן שנאבל, לאנגע פיס און א לאנגן

האלדז. לעבט אויף לאנקעס און זומפן, דערנערט זיך

מיט זשאבעס, אינסעקטן, ווערעם. ווייסער בושעל,

שווארצער בושל. (אנדערע נעמען פאר דעם פויגל:

באטשאן/באציאן/בוטשאן, שטארך). %דער בושעל

איז שוין דא - א סימן אז דער פרילינג איז געקומען.

אויף ווינטער פליען אוועק די בושלעס אין די ווארעמע

uk. бусел

לענדער.

באמ: סטוטש 247 יאוקן און גגבן אן בושל, =ען; די

פפ איז נאר אין אויסלייג אדער אויך אין ליטווישן

דיאלעקט? אין אוקראינע, פוילן געווען פארשפרייט

די ערשטע פארמע. געגעבן מער ציטאטן צוליב די

פארשיידענע פארמעס.

... " אויף יענער זייט טאל אקעגן לאזט זיך א מאל
4606 אראפ א בושעל, טוט זיך א שטעל אויף די לאנגע
רויטע פיס, אויסשטרעקנדיק אין דער הויך דעם לאנגן
|...| האלדז מיט דעם רויטן פיסק". ממוס, ס'הבהמות,
ציט אויסג 1913, ווארשע. 54 ,1913

1921 " און הירשן-קאיארן מיט שירה אויף הערנער//
4696 |...| ווי בושעלעס שנייקע, זאלבן דעם אויפגאנג".
פמ, די קופע, ווארשע, ז' 23.

1927 " |...| ריחות פון פעלד און וואלד, גראז און
4601 וואסער, |...| בושלעס האבן זיך געטראגן אין די
הימלען". ייז, שטאל און אייזן, ווארשע, ז' 250.

1927 " דער אלטער גלח נארט דיך אפ - // דער בושל
4602 ברענגט א קינד". מלה, אין ניו-יארק, ווארשע,
ז' 132.

1953 " האבן זיי אוועקגעלאזן די בושלען אויף די
4590 שלאנגען און די בושלען האבן |...| אויפגעפרעסן
די שלאנגען ביזן לעצטן". ייש, פון אונדזער אוצר,
נ"י, ז'...

1963 " ביי אונדז אין פאלעסיע // רימט זיך מיט שלאנקייט
4596 דער בושעל, - זיין פליגל דער שווארצער, ווי לאַק
// אויף א ווייסן, ווי מילך, אונטערשלאק". ... יע
ש. לעלטשוק, די ליד וועגן בושעל, סאוו' היימלאנד,
נ' 3, ז' 6.

2. ( פיג ) דער צונויפשטעל פון הייבערס-שטאנגען ביי
געוויסע א מאליקע ברינעמער ( איינער איינגעפעסטיקט
ווערטיקאל, דער צווייטער, א באוועגלעכער, אין א ווינקל
צום ערשטן, צוזאמען געשאט דעם אויסזען פון א בושעל
אויף איין פוס ).

1949 " ברונעמער זיינען געשטאנען פארחלומטע מיט זייערע
4695 פארריסענע "בושלען".צום בלויען הימל". ייז,
דערציילונגען, נ"י, ז' 46.

|| בוש(ע)לדיק - אדי. וואס איז (ווי) פון בושלען.
% בושלדיקע פייגל |סטוטש 246|, די פייגל וואס געהערן
צו דער משפחה בושלען.

בושעליכע - די, =ס. די זי פון בושעל.
... " זי, די בושעליכע, שטייט אויף איין פוס, דאס
4701 קעפל אין דער זייט, שטייט, באטראכט איר אלטע נעסט".
ממוס, שלמה ר' חיימ'ס|, ציט אויסג, 1928,
ווארשע, ז' 4.

1922 "הייבט זיך בושעליכע אויפעט // פון געזעס, פון
4702 נעסט פון אירן, // ציט די האלדז, און פיס, און
שנאבל |...|". בראד, אלדאס גוטס, ווארשע,
ז' 26.

בושעליש - אדי. דזוו בושלדיק.
1951" |...| און ערגעץ ווו פלאטערן, פלאטערן פליגלען
4626 // פון צעשאטענעם בושלישן דרייעק ". א. גאלדבלאט,
זב ליטע !, נ"י, ז' 1104.

] (לאנגע) פיס ווי ביי א בושעל ( פפ ). שטייט
אויף איין פוס ווי א בושעל.

בושעל, בושעל, דיין שטיבעלע ברענט! - אזוי פלעגן
אמאל יידישע קינדער שרייען, ווען זיי האבן געזען
די בושעלס אפפליען אין הארבסט! וואריאנט:
"בושעל, בושעל, דיינע קינדער ברענען, מיינע ניט!"|קטוו|.

בושל II - דער, =(1). פפ: בושלס, 1. איינס פון מאס פאר תבואה און אנדערע שיטעודיקע זאכן.

% דער אמעריקאנער בושל האלט 35.25 ליטער, דער ענגלישער - 36.37 ליטער.

1930" |...| איך האב ווידער געגומען אויסרעכענען: וויפל בושלס ווייץ א פארמער קאן ארויסנעמען פון א פארם". דא, פון בערלין |...|, ווארשע, ז' 124. 4693

1948" |...| געמאסטן אויפן בושל". ייש, קענטאקי, נ"י, ז' 80. 4586

2. (אם?) א מין שעפל, א כלי.

1926" זי האט זיך צוריקגעזעצטביים אויוון, גענומען ציילן די פאסאליעס, זיי געווארפן פון די עמערס אין דעם הילצערנעם בושעל אריין". אפא, XI, ווילנע, ז' 64. 4698

[illegible]

בושיל.

1. -----

בו - 38.

1761" איך האב לע"ע |לעת=עתה| בייא מיר לערך שמונים בושיל פלאקן |פלאקס?| זיד |?| קאן אבער קיין גלעגנהייט אן טרעפן אום למקום צו שיקן" יידישע בריוו פון 18 י"ה, צייט איך "פובליקאציעס פון אמעריקאנער יידישער היסטארישער געזעלשאפט", באנד34, (ענגליש), נ"י, ז' 82. 4593

(?נ?) ב ו ש ע ל מ א ן - דער, =~ מענער. ( אמ )

שניידער-געהילף, וואס פאררי‌כט אדער ענדיקט אויס קליידער.

1952 "בושעלמאן לאז איך אויס, מחמת איך האב קיין

מאל ניט געהערט פון אזא פראפעסיע און כ׳קאן ניט 4705

וויסן ווי ס׳איז אין יידיש". א. אלמי, פאר,

.18/VII

(?נ?) ב ו ש ע נ י ר ק ע - די, =ס. ( אמ )" א פרוי וואס

דינגט זיך א סך ביים קויפן, זוכט מציאות ( באזונדער,

פאפולער אין דער קצבים=בראנדזשע)"X |קטור|.

ב ו ש ע ק - דער, =עס. | [illegible]. [illegible]

דזור בושעל, באטשאן. [illegible] 4545

ב ו ש ע ר - דער, =סX |אקצענט?|. (רעג, פראנקרייך)

קצב, יאטקעמאן. |ד. ראבינאוויטש, יידן אין פראנקרייך, 4710

ייבל II, נ"י 1942, ז׳ 195 |. דער טאטע מיטן

זון זיינעם ביידע בושערס. [illegible] 4707

<FR: boucher

|| בושערי - יאטקע. | דצור |. "אויף רי קאדע איז

דא א כשרע בושערי". | קטור |. 4708

<Fr: boucherie

בושערקע - קצבטע | דצור |. " די בושערקע שטייט 4711

אין דער בושערי"X | קטור |.

ב ו ש ק ע - די, =ס. " קליינע בארנעלע, וואס זי

ווערט שפעט צייטיק". |ר. נעוואדאווסקי, א בינטל 4712

ווערטער פון ביאליסטאק, יישפ V, - 2, נ"י,

1945, ז׳ 47 |.

ב ו ש ת |בוישעס| - דער, בא. ( לל ). 1.פארשעמונג, שענדלעכע באליידיקונג. % דעם אנזעצער האט מען פארשאפט א סך בושת, ער האט אזש געמוזט עוקר זיין פון שטעטל.

2. פארגיטיקונג, קנס וואס מען דארף, לויטן תלמודישן דין, געבן פאר פארשעמען עמעצן בפרהסיא דורך א פיזישן אקט. % דער רב האט אים צוגעפסקנט א היפשע סומע פאר בושת. בושת איז איינע פון די "אבות נזיקין".

1954 " עס איז, ווי זאגט מען, אי היזק אי בושת".
שיין מיללער, לש' גק, ג' 17, ז' 157. 4713

3. נאמען ( אין תנ"ך ) פון אן אפגאט, שאנדגעץ. |הושע,ט-10|.

ב ו ש ת-פ נ י ם | בוישעס-פאנים| - דער, |בא?|.
( לל ). 1.א שעמעוודיקער מענטש, א ביישן.
% דער יונגער ישיבה-בחור איז א גרויסער בושת-פנים, האט ער טאקע נישט קיין גוטע טעג צו עסן.

1872 "|...| נעמליך צו זוכן איינע זעלכע אשה די איינע צנועה איין בושת פנים איז ". ה. ליכטענשטיין, 4716
עת לעשות II, סאטמאר, דף יב - I.

1897 "מיר זענען, רי קריג, אן [illegible] בושת פנים ... ני, וואס קען מען מאכן". פרץ, [illegible] ניו יארק 1947, ז' 73 [illegible]

2. שעמעוודיקייט, שעמגעפיל. % ער איז געקומען אים בעטן מחילה מיט גרויס בושת-פנים. צוליב זיין שטענדיקן בושת-פנים האט ער טאקע זיך נישט דערשלאגן אין לעבן צו גארנישט.

||=דיק - אדי/אדוו. % ער איז א בושת-פנימדיקער מענטש, האלט זיך שטענדיק אין שאטן, נעמט ניט קיין ווארט.

LT בעסער א בושת-פנים ווי אן עזות-פנים ( שוו ).
LT

בי -- ‎<L bis‏ . ערשטער טייל פון אַ צאָל צונויפֿהעפֿטן=
אינטערנאַציאָנאַליזמען, וואָס ווײַזט אָן אויף דער עקסיס-
טענץ פון צוויי זאַכן, אָדער אײַגנשאַפֿטן.
% בינאָם, בילאַטעראַל.

1955 " די פאַרווירקלעכונג פון דער אידעע פון בי=קולטוריזם
וועט מעגלעך מאַכן דעם יידישן קולטורעלן קיום אין
די גלות-לענדער ". א. טאַרטאַקאָווער, ‎/ גק ‎(ביי), נ׳22, ז׳63.

ב"י -- ראשי תיבות פון פאַרשיידענע ווערטער=באַהעפֿטן
פון לק: בית=ישראל, בני=ישראל, בן=יחיד א"א.

1804 " ער האָט זיך לגמרי ניט אויף גפיהרט אז וויא
איין ב"י צו קומט ". הרב צבי הירש הלברשטאַט,
שו"ת עטרת צבי, דף כ/1.

ביאָגראַף -- דער, =ן. דער מחבר פון עמעצנס
ביאָגראַפֿיע, לעבנס=באַשרייבונג.

1951 " ר׳ יצחק בלאַזער איז דער שעפער פון דער מוסר=
באַוועגונג און איר טעאָרעטיקער, דער ׳ חוזר׳ און
פאַרטייטשער פון זיין רבינס שיטה און אויך זיין
ביאָגראַף ". א. מלאַני, ‎/ (לב) ליטע I, נ"י, ז׳ 552.

ביאָגראַפֿיע -- די, =ס. לעבנס-באַשרייבונג.

1919 " די אַרויסגאַבע פון הערצלס ביאָגראַפיע און פון
זיין ווערק ׳אַלט - נייַלאַנד׳ איז ניט גענוג ".
זשיט XI, נ"י, ז׳ 45.

1964 " די סאָוועטישע ענציקלאָפּעדיע וועט אויפסנייַ
מוזן איבערשרייבן זייַן ביאָגראַפֿיע ". יג, טמז XI/22.

ב י אָ ג ראַ פֿ י ש -- אַדי. שייכדיק צו ביאָגראַפיע (ס).

1951 " ווער בין איך, מען זאל מיין ביאָגראַפיע מיט מיין

בילד דרוקן ? - האָט |...| מיכל גאָרדאַן געענטפערט 10

זיינעם א פריינט, וואס האט זיך געגרייט אפצודרוקן

וועגן אים א ביאָגראַפישן ארטיקל ". ש. ניגער,

לק ליטע I, נ"י, ז' 801.

ב י אָ ד ר ע -- די, =ס. <P biodro. (פּויל, בּאַ)

היפּט, זײַט, באַק. % אָננעמען ביי די ביאָדרעס.

זי האט ברייטע ביאָדרעס.

1929 " רעבעקא האט געקנאָטן מיט די הענט אונטער דער

קוס ביאָדרעס, איבער דעם צעווירענעם בויך. אַפּאַ, 32

VIII - 111.

ב י א ה | ביע | -- די, מצ ביאות | ביעס | 1. דאס

קומען. 2. ( איפּ ) דער סעקסועלער אקט.

... " א פרוי ווערט דאס ווייב פון א מאן דורך דריי

זאכן : מיט געלט, מיט א געשריבענעם שטר און מיט ביאה

( קידושין א - 1 ).

... " א פרוי ווערט נישט טראגעדיק פון דער ערשטער ביאה

( יבמות לד ) ,

.....................................................

באַם: פון וואנענט די ציטאטן? פון זאלקינדס איבז ?

פּיעטרושקא?

.....................................................

17 שוו: מאל אוים א טויבן כלי-זמר, א בלינדן -

א רעגנבויגן און א סריס - דעם טעם פון ביאה.

... אפשר רעדסטו, וואָס חודש אדר איז דער אָנזאָגער פון

דעם ביאה הפרילינג". מאָוס, שלמה ר' חיים'ס II,

ז' 85 [?].